STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06195

INZIKH UN ARUMZIKH

Shlomo Bickel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1/809

Temple Ner Tamid

שלמה ביקל

אינזיך און ארומזיך

נאָטיצן פון אַ פּאָלעמיסט און קריטישע באַמערקונגען

פאַרלאַג „שלום-עליכם" בוקאַרעשט

1 9 3 6

6465

הילע געצייכנט פון אַרטור קאָלניק

Printed in Roumania

דרוק: אברהם פעלער, בוקאַרעשט

די נאָטיצן און קריטישע באַמערקונגען, וואָס קומען אַרײַן אין דעם בוך, זענען פראַגמענטאַריש לויט זייער פאָרם און לויט זייער אינהאַלטלעכן צונויפשטעל.

ניט אַנדערש ווי דער צעריסענער שטייגער אונדזערער אין רומעניע, וואָס האָט ניט קיין קאָנטינואיטעט אין צייט און קיין געבונדנקייט אין רוים. קורצאָטעמדיקע געשיכטלעכע קולטור־עפּיזאָדן און דערנאָך אַ ברייטער געניץ פון מיד געוואָרענע פּיאָנערן. יידיש־פּייערלעך פון גײַסטיקן ישוב אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע וואַכן טרויעריקע איבער אַלטרומענישן און טראַנסילוואַנישן פּוסטעפּאַס פון שוין לאַנג אָפּגעבראָכענע יידישקייט־געצעלטן.

די געזעלשאַפטלעכקייט דערגייט ניט ווײַטער ווי ביז צום קולטור־קעמערל אין דעם און יענעם שטעטל. די יידיש־שעפערישקייט בלייבט הענגען אין די ראַמען פון אַ ליטעראַרישער גרופּע.

איז, ווײַל דער אַ ר ו מ ז י ך דאָ קען ניט שפּײַזן די פּובליציסטישע יידיש־ענערגיע, כאַפּט זיך דער א י נ ז י ך אַוועק אויף שעהן און טעג רעשן זיך אין גײַסטיקן געפלאָנטער פון די גרעסערע יידישע צענטרען. ווײַל היימיש ברויט איז ניטאָ צו דער זעט, נאַשט מען געבעקסלעך בײַם אַלוועלטלעכן יידיש־טיש. מ׳נאַשט און מ׳רעדט אויף אַ קול פון אַלעמען צו ביסלעך אויף צו פאַרשרײַען די פרעמדקייט און בייצוקומען די ווײַטקייט. עס איז גײַסטיק און טעמפּעראַמענטיש די מענטאַליטעט פון נאַציאָנאַלער אירידענטאַ, וואָס קען לויט איר מהות ניט זײַן אַנדערש ווי פראַגמענטאַריש און סיסטעמלאָז.

פראַגמענטאַרישקייט אַליין האָט אָבער אויך אירע גוזעצן. איז אפילו על פּי דאָזיקן דין האָבן ניט געטאָרט פעלן אין דעם בוך אַרבעטן וועגן איציק מאַנגער און משה אַלטמאַן.

די פאַרענפערונג: אַן אָנגעהויבענע גרעסערע שטודיע וועגן דיכטערישן אויפשטײַג פון איציק מאַנגער וואַרט אַרויסגעגעבן צו ווערן. פאַר אַנ׳אַרבעט וועגן אינטערעסאַנטן פּראָזע־ליריקער משה אַלטמאַן וועט אויך קומען די צייט.

פונדעסטוועגן האָב איך געהאלטן, אַז דאָס טאָר ניט זײַן קיין מניעה שוין איצט אַרויסצוגעבן מײַן פראַגמענטן־זאַמלונג און צו פּרעזענטירן דעם מעלדע־צעטל פון אַ פּובליציסט־פּיאָנער אויף דער נאָענטסטער גײַסטיקער פּעריפעריע פון יידיש־וועלט.

שלמה ביקל.

אינזיך און ארומזיך

י. ל. פּרץ

(צו זיין צוואנציקסטן יאָרצייט).

I.

מענדעלע דער קפּדן האָט אונטערגעפירט א בייזן כך־הכל אונטער דעם צייט־אָפּשניט פון די קרומע פּישקעס און די האָר־באַטע ביילעס און אַזוי ארום אונדז געצוואונגען צו זוכן נייַע וועגן פון לעבן און שעפערישקייט.

שלום עליכם האָט אין אונדז אַרייַנגעטענהט לעבנס־בטחון, אונדז געלערנט זיפּן דעם ביטערן טראָפּן פון מענטשלעכע און יידישע טעג מיט מילדער פייכטקייט אין אויג און א געדול־דיקן שמייכל אויף די ליפּן.

פּרץ האָט מיט הערויִשער געוואַגטקייט אַרויסגעראטעוועט פון אונטער דעם אַש פון עפּאָכעס און דורות דאָס הייליקע גייַסטיקע פּייַערל, וואָס באַרעכטיקט אַ פאַרגאַנגענהייט, מאַכט שענער און זיכערער די קעגנוואַרט און גיט אַ זין דער צוקונפט.

פּרץ האָט פאַר אונדזער יידישן קולטור־רענעסאַנס געשאפן א היסטאָרישן אָנשפּאַר, אים געגיבן די „גילדענע קייט״ פון טראַדיציע און אַזוי ארום עס מעגלעך געמאַכט אַז א שפּראַך־און ליטעראַטור־אויפלעב זאָל זיך פאַנאַנדערוואַקסן צו׳ן אַ קולטור־און לעבנס־רענעסאַנס.

קאָנקרעטער גערעדט: פּרצ׳ס גילדענע קייט פון טראַדיציע האָט ערשט אָנגעפולט מיט אינהאַלט אונדזער יידיש־וועלטלעכע שול און געגיבן אַ זין אונדזער קולטור־שטרעבונג.

אין וואָס באַשטייט דער עצם פון טראַדיציע? אינעם אויפ־צילען אויפן פאַרבינדונגס־פּאָדעם פון געשלעכטער די יום־טוב־פּערל פון יעדן דור; פון צווישן דער פאַלשער ביזשוטעריע פון די גענעראַציעס אויפקלויבן די אפשר ערגעץ אינעם הו־האַ פון לעבן און געשיכטע פאַרוואָרפענע פּערל און זי אַרייַנהאַפּטן אין גייַסטיקן געוועב פון די קומענדיקע דורות. שווער און אחריות־פול איז די דאָזיקע אַרבעט. דער היסטאָריקער קען זי נישט בייקומען. אַנשטאָט דער אייגער פירנדער און דערהאַלטנדער אידיי פון א עפּאָכע, ברענגט ער אָפּט צו טראָגן זיין אייגענער צייט די גאַנצע שאַץ־קאַמער פון צירונג — א שפּילעכל פאַר פאַרחלומטע ראָמאַנטיקער און קליינגעלט אויף צו קאָרומפּירן דעם צייטגייַסט.

מיט אַנדערע ווערטער: דער היסטאָריקער ברענגט אָפּט צו טראָגן, ווי זשאָרעס האָט אַמאָל געזאָגט, דאָס געשיכטלעכע אַש אַנשטאָט דעם געשיכטלעכן פלאַקער.

דער גרויסער שעפער פּרץ האָט אין זיינע „פאָלקסטימ־לעכע געשיכטן" אָנגעצינדן דעם טראַדיציע־פלאַקער ביי וועלכן ס'האָבן אויפגעלויכטן פאַרגאַנגענע דורות און פון וועלכן ס'האָבן געשפּייַזט זייער התלהבות און קרבנות־גרייטקייט די סאָציאַלע העלדן פון אונדזער צייט.

הערש לעקערט און נפתלי באָטווין, דער גאַנצער סאָציאַלער קידוש השם פון אונדזער ייגנט פון דער זייט דניעסטער און איר רעקאָרד־אימפּעט פון בויען אויף יענער זייט טייַך, איז זי נישט פאַרוואָרצלט אין יענער פון פּרצן ארויסגעשיילטער העראָישער עקשנות פאַר א זעקעלע ארץ ישראל־ערד און נישט ווייניקער העלדישן קאַמף פון דער רבנישער טאָכטער פאַר איר צניעות? אָן פּרצ'ס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" וואָלטן אונדזערע סאָציאַלע העלדן געווען נאָר אַנאָנימע סאָלדאַטן אויפן אַלגעמיינעם קאַמפּס־פּראָנט; אויפן טראַדיציע־פּאָן פון דער יידישער קידוש השם־אידיי ווערן זיי נאַציאָנאַלע העלדן, וואָס באַשיינען די וואָכעדיקייט

פון א פאָלקס־לעבן, דערהויבן א מיליאָנען־מאַסע צו דער מדרגה פון איידלער עבודה פאַר וועלט־באַפרייונג און באַרעכטיקן היס־טאָריש־אינהאַלטלעך אונדזער קולטור־רענעסאַנס.

II.

עס איז נישט קיין חידוש, וואָס די פּרץ־געשטאַלט האָט אויפגעלויכטן מיט אַזאַ וווּנדערבאַרן כוח אין דער אַמעריקאַנער יידיש־ליטעראַטור, בשעת אין פּוילן שפּריגגט פון צייט צו צייט אונטער דאָס קליינע רעוויזיאָניסטישע העקל אויף צו דערלאַנגען מיט „קונסט״־פּרעטענציעס צו דער פּיעטע פון דער פּרצישער ריזן־פיגור. און ס׳איז נישט קיין חידוש זאָג איך, הגם דער אין אַמעריקע פאַנאַנדערגעבליטער פּרץ־קולט לאָזט זיך נישט פאַר־ענטפערן נאָר דערמיט, וואָס דער פּרצישער גייסט האָט דאָרט אַזעלכע צוויי לעגיטימע יורשים, ווי לייוויק און אָפּאַטאָשו. דער פאַקט פון פּרץ־אויפבלי ווערט פאַרשטענדלעך דערפאַר, ווייל דער אַמעריקאַניש־יידישער ישוב איז ניט באַשווערט מיט קיין שטייגער־טראַדיציע, אין דאָס מיזלאָדראַמאַטישע פאַרפלאָנטערן זיך אין די דורות־אַלטע בערד און פאות קען דאָרט נישט פאַר־בייטן די טראַגישע יום טוב־אידיי פון דער עקידה. די יידיש־אַמעריקאַנישע שעפערס און בפרט די גרויסע און עכטע צווישן זיי איז אפשר דערפאַר גיכער געלונגען דורכצוברעכן מיט זייער פאַנטאַזיע דעם גאַנצן פאַקטן־פלאָנטער פון וועגעטאַטיוון שטייגער און צו דערזען די פּרצישע פייער־צייכנס פון טראַדיציע־סינטעז.

דער „טראַדיציע־לאָזער״ אַמעריקאַנער יידישער ישוב פאַרמאָגט אַזוי אַרום אַ ליטעראַטור, וואָס איז פיל מער פאַר־וואָרצלט און פאַראַנקערט אין יידיש־טראַדיציאָנעלן גייסט איידער פּוילן מיט הונדערטער יאָר אַלטע קאַפּאָטעס, מיט סינאַגאָגעס פונעם 14טן יאָרהונדערט און מיטן פיר הונדערט יאָר אַלט־געוואָרענעם „ספר ר׳ אַנשל״.

III.

פרצס חסידיזם איז נישט די בעל־שם׳שע פּאַראבעל, וואָס שטעקט נאָך אין די קינדער־שיכלעך פון פּראַכטאַקישן „וווּנדער טון״, אויך ניט די אַסקעטישע בלייכקייט פון געדאנקלעכער תורה פונעם אינטעליגענטישן מעזריטשער מגיד, נייערט דער העכערער סינטעז פונעם באַרדיטשעווערס געפילס־רעוואָלט און דעם שפּאָליער זיידעס מענטשלעכער צוגעבונדנקייט צו זיין „הראָמאַדע״. דאָ ביי דעם דאָזיקן סינטעז קלעקט שוין נישט דאָס וואָרט אונטער וועלכן ס׳באַהאַלט זיך די געמיטס־פּאַסיוּוקייט און אויך ניט די כונה, וואָס איז ניט מער ווי דער סוראָגאַט פון אַקטיוון ווילן, נאָר דאָ טרעט שוין אַריין אין פונקציע די טאַט אַליין — די טאַט אידענטיש מיט דער דערלייזונגס־אידיי.

דער „אויב נישט נאָך העכער״ פונעם ניעמיראָווער רבי איז ערשט דעמלט בכוח צו פּצוּווישן די סקעפּסיס פון אַלע „ליט־וואַקעס״ און זיי איינצושפּאַנען אין יאָך פון דערלייזונג, ערשט דעמלט, ווען פונעם נעמיראָווער רבין ווערט אַ פּראָסטער פּשוטער וואַסיל, וואָס הייצט איין אין הרובע ביי דער אָרעמער קראַנקער יידענע.

נישט דאָס וואָרט דערהויבט דעם נעמיראָווער העט ביז אַרויף צו מענטשלעכע ליידן, נאָר די טאַט.

דורך דער טאַט צו דער דערלייזונגס־אידיי — דאָס איז איינע פון די אויסטערלישסטע כּתנות, וואָס פּרץ האָט געבראַכט דער יידישער ליטעראַטור און דורך איר אונדזער קולטור־און לעבנס־רענעסאַנס.

פּרצס תלמיד ל י י וו י ק איז נאָך ווייטער געגאַנגען. ער האָט אַריבערגעשפּריזט די טאַט און דערגרייכט ביז צו יענער פּנים אל פּנימדיקייט, פון וועלכער עס ווערט געבוירן די שמאַרצפולע קריטישע דערקענטעניש פון דער טאַט גופא.

IV.

פרצס אינטעלעקטועלע אינטואיציע און נישט די קינסט־לערישע סטיכיע פון זיין גרויסן בן־דור שלום־עליכם האָט באַלויכטן דעם שאַפונגס־וועג פון דער יידישער ליטעראַטור. דווקא פרץ מיט זיינע פאַרשריגענע רעקוויזיטן פון קאַפּאָטע און שטריימל, מיט זיין בית־המדרש, פּאָליש און גן־עדן־התחתון־טאָפּאָגראַפיע, ער דער ערשטער האָט געעפנט דאָס פענצטערל צום אייראָפּעאישן אוניווערסאַליזם. ווייל ער האָט זיך אויף אַ געניאַלן אופן דערגראָבן צום נאַציאָנאַלן אידעאישן „פון וואַנען", האָט ער אויך געקענט ווערן דער שעפער פונעם אידעאישן המשך און דער אָנזאָגער פונעם סינטעטישן יידיש־וועלטלעכן „וווּ אַהין".

פונעם פרץ־קנויל האָבן זיך ערשט געקענט ארויסוויקלען די פעדים, וואָס פירן צו די היסטאָרישע דראַמעס פון א ל י י וו י ק און ל ע י ע ל ע ס און צום היסטאָרישן ראָמאַן פון אָ פּ אַ ט אָ ש ו.

דער „וווּ אַהין" פון דער יידישער ליטעראַטור? ער ווערט אַזוי וווּנדערבאַר סימבאַליזירט אין יענער חסידישער לעגענדע, וואָס דערציילט, אַז דער שפּאָליער זיידע פאַרשטעלט פאַר אַ פּויער איז געגאַנגען טאַנצן מיט א אָרעמער יידענע ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענער קרעטשמע ביי א זייטיקן וואָלינער שליאַך. דעם מעוריטשערס תלמידים, וואָס זענען בייגעווען אין קרעטשמע, האָבן געוויטיקט און געצאָרנט איבער דער מעשה הוללות פון א יידישער צנועה, נאָר איין ר' לייב שרהס האָט מתיר געווען. און אַז פון די פּויערישע קליידער אַרויס האָט זיך דערנאָך באַוויזן דער שפּאָליער זיידע, איז אויך די אלטע איינגעשרומפּענע יידענע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיק יונג און געזונט מיידל.

אויב דער פּויער איז דער סימבאָל פון אוניווערסאַלישקייט און דער שפּאָליער זיידע די פאַרקערפּערונג פון דער נאַציאָ־

נאַלער קאָלעקטיוו־אידיי, האָט נאָר די אידענטישקייט פון די־
ביידע סימבאָלן, זייער פאַראייניקן זיך אין איין און דעמזעלבן
סוביעקט געקענט באַווייזן דעם נס פון אַריינהויכן א ניי לעבן
אין די אלטע ביינער פון דער יידישער פאַרפּרצישער מוזע.

V.

אַ רעוויזיע פון פּרצן? אַ רעוויזיע פון פּרצן הייסט קליינ־
קרעמעריש אויסרעכענען, וואָס דער שטורעם־ווינט האָט דער־
גרייכט אויפן פלאַכן גראָז־באַוואַקסענעם פעלד. דער סך־הכל
פונעם שטורעם־ווינט: ער האָט ניט חרוב געמאַכט קיין הייזער,
ווייל זיי זענען פשוט ניט געווען בנמצא. עס האָט זיך נאָר באַ־
שיידן־פאַרשעמט געשאָקלט דאָס גראָז, ווייל דאָס פעלד האָט
נאָר דאָס פאַרמאָגט.

פּרצ׳ס שטורעמדיקער גייסט קען נישט געמאָסטן ווערן בוכ־
האַלטעריש לויט זיינע גרעסערע און קלענערע קינסטלערישע
דערגרייכונגען. דער מאָסשטאַב פאַר פּרצן: זיין פאַרמעגט, זיין
דינאַמיק, זיין לויכטענדע און אלץ באַלויכטענדע פערזענלעכקייט.

פּרץ איז ניט קיין ליטעראַט, וואָס די קריטיק דאַרף אים
אָפּשאַצן. ער איז א גייסטיקער העראָס, וואָס פאַלט אַריין אין
דער געשיכטע און ווערט גלאָריפיצירט.

פרץ־רעוויזיע

שטיל און צניעותדיק האָט זיך צום פּראָנט פון דער פּרץ־רעוויזיע צוגעטולעט ש. ניגער. דער הונדערטסטער געבוירנטאָג פון מענדעלע מוכר־ספרים גיט אונדזער קריטיקער די בעסטע געלעגנהייט ארויסצושיילן דעם „הויפּטאונטערשייד צווישן דעם זיידן פון דער עלטערער און דעם טאטן פון דער נייערער יידישער ליטעראַטור". אין וואָס באַשטייט דער הויפּט־אונטערשייד דערין ?

„וואָס דער זיידע איז אין רעכטן מיטן קאַמפּסלאַגער געווען א קינסט־לערישער כאַראַקטער, בעת פּרץ איז, פאַרקערט, אין א קונסט־עפּאָכע געווען אַ מענטש פון קאַמף"*).

היוצא לנו מזה ? פּרץ האָט, אמת, געהאט דעם גרויסן פאַר־דינסט, וואָס ער האָט געלעבט אין א קונסטעפּאָכע (דער טראָפּ פאלט אויף קונסט. וואַרף אַראָפּ דיינע שיך און פאל כורעים קונסט־פאַרשמאַכטע קרעאַטור !) אָבער געווען איז ער ניט מער ווי אַ מענטש פון קאַמף. א מערכה וואָס ניגער אַליין איז ניט קיין מענטש פון קאַמף און ניט אַזאַ אכזר ווי, למשל, משה גראָס, וואָס ווייסט און זאָגט בפירוש, אז

„פּרץ איז ניט געווען קיין דיכטער בחסד עליון"**)

פאַרזיסט טאַקע ער, ניגער, אביסל דעם האַרבן גזר דין : פּרץ איז

---

*) „מענדעלע און פּרץ" צוקונפט, דעצעמבער 1935.

**) י. ל. פּרץ צו זיין צוואנציקסטן יאָרצייט „ווארשעווער היינט" פונעם 23סטן אַפּריל 1935.

דווקא יאָ געווען א דיכטער, אָבער ניט קײַן קינסטלער. דעם חילוק צווישן דיכטער און קינסטלער נעמט ער ביי פּרצן גופא פון זײַן עסיי „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער". ווערט אַזוי ארום דער עטיקעט פון „נאָר דיכטער" געכשרט. איז אָבער באמת א שאָד, וואָס דער ציטאַט איז צו קאָמפּרימירט, צו ענג געשנירט, וואָרום פּרץ מאַכט אין זײַן אויוונדערמאנטן עסיי ניט קיין אונטערשייד צווישן קינסטלער און דיכטער, נאָר צווישן „קינסטלער" און דיכטער. פּרצעס קינסטלער פאלט אַרײַן צווישן געגנדזענע פיסלעך און ווערט אויס קינסטלער און איבערבלייבן בלײַבט איבער נאָר דער דיכטער, וואָס

„מוז דיכטער זיין. די דיכטונג מוז זיין זיין לעבן... דער דיכטער איז
אייגנטלעך דער קינסטלער. נאָר דאָס ליים, דער מאַרמאָר, דער גראַניט
איז ביי אים אין דער האנט — דאָס פאָלק, די וועלט, דאָס לעבן!"

אזוי ארום פאלט אום די גאנצע רישטאוואניע, אויף וועלכער ניגער האָט אויפגעבויט זיינע דיכטער־ און קינסטלער־דעפיניציעס און פון אונטער די חורבות קומט אַפיר דער יצר־הרע מ ש ה ג ר אָ ס אַליין, מיט וועלכן ניגער האָט זיך געראַנגלט און איז באַזיגט געוואָרן.

ניגערס צושטיין צום אַנטיפּרץ־פראָנט ביי אַזאַ פייערלעכער געלעגנהייט ווי דעם זיידנס הונדערטסטער געבוירנטאָג, האָט די פּרץ־רעוויזיע אַקטואליזירט. און אויב אַזוי — איז זיך כדאי אומצוקערן צום אויסגאנגספונקט, צום בייזן מלאך משה גראָס און זען וועלכע זענען עס זיינע טעזיסן.

פּרץ, זאָגט גראָס,

„איז געווען אויסגעליפערט צו דער צייט, צו אירע ווייטיקן, קאפריזן,
מאָדע־שטימונגען".

פרעגן מיר: און מענדעלע און שלום־עליכם האָבן זיי אפשר געוואנדערט מיט זייער פאַנטאַזיע צו די ברעגעס פון ים הגדול און ים המלח, כדי דאָרט צו געפונען מאָטיוון פאַר זייער שאפונג? ס'איז אויך ניט בויטיק געווען, גלופּסק, קאסרילעווקע, די קלויז און דעם צדיקס חדר מיוחד זענען נאָך געווען אַ ניט געשטאלטעטע רעאַ־

ליטעט, וועלכע אַ עכטער, ערלעכער קינסטלער האָט ניט געטאָרט פאַראָטן.

די געשטאַלטן פון מענדעלע מוכר ספרים (דער סאַטיריש־קריטישער עלעמענט פון אונדזער ווירקלעכקייט) און טוביה דער מילכיקער (דער הומאָריסטיש־לירישער) וואָלטן ביידע געווען געבליבן „ציימלעך־אַלצוצייטלעך״ ווען ס׳זאָל געווען פעלן דער דריטער עיקר פון געשטאַלטונג — דער דראַמאַטיש־פּאַטעטישער, וועלכן פרץ האָט פאַרקערפּערט אין ר׳ שלמהן, אין נעמיראָווער רבין און אין אלע „משוגענע בטלנים און פאַרהוילענע וואַסער־טרעגערס״, וואָס „פאַרנודען״ אַזוי דעם צווייהונדערטפראָצענ־טיקן אייראָפּעער משה גראָס, וועלכער לעבט ווי אלע פּריש־געבאַקענע אייראָפּעער אין שטענדיקער אַנגסט פאַר עקזאָטישקייט.

איז דען ר׳ שלמה טאַקע אויף אַן אמת, ווי גראָס מיינט, דער

„יידישער גילגול פונעם איבערמענטש־שאַבלאָן, וואָס האָט דעמלט פאַר־נודעט אלע אייראָפּעישע ליטעראַטורן״?

די צווייטע העלפט פונעם נײַנצעטן און דער אָנהייב פונעם צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערטס האָבן פילאָסאָפיש און ליטעראַריש געווינדיקט מיט ראַדיקאַלן אינדיווידואַליזם. פון מאַקס שטירנערס „דער איינ־ציקער און זיין אייגנטום״ (1845) ציען זיך די פעדים צו ניטשעס „איבערמענטש״ און איבסענס „פאָלקספיינט״, וואָס האָבן אַ צייט לאַנג באַהערשט די וועלט־ליטעראַטור און אויך ביי אונדז געהאט זייערע קרבנות. די קרבנות זענען געווען פרישמאַן און בערדיטשעווסקי. פרישמאַן האָט איבערזעצט „זאַראַ־טוסטראַ״ און קאָקעטירט מיטן „געזונטן״ אייראָפּעישן אינדיווי־דואַליזם אַקעגן דער „קרענקלעכער״ עטישער ליידנשאַפט פון אַזאַ קונסט־פאַרניינער ווי טאָלסטאָי. בערדיטשעווסקי האָט „אי־בערגעשאַצט אלע ווערטן״ לויטן ניטשעאַנישן נוסח.

דווקא פרץ איז געווען פריי פון אָט די אַלע „איבערמענטש־מאַנקאָליעס״ און זיין ר׳ שלמה פאַרמאָגט ניט קיין „איבער־מענטשלעכן״ כוח, וואָס זאָל אים דערלויבן צו ברענגען די

גאולה אָן און קעגן דעם ווילן פונעם קאָלעקטיוו. אַזוי לאַנג זײַנע חסידים (די מאַסן) שרעקן זיך נאָר פאַר דעם „וואָס וועט זײַן", זענען ניט זיכער מיט דעם רעזולטאַט פון דעם דועל צווישן רבין און גאָט, אָבער פונדעסטוועגן געהאָרכן זיי ר' שלמהן און פאַראייניקן זייערע ווילנס צו זיין ווילן, — אַזוי לאַנג און ניט לענגער קען ר' שלמה פּראָקלאַמירן אין אומ־שטערבלעכע פּערזן זײַנע שטרייט־צילן, זיין גאולה־פּראָגראַם. וויבאַלד דער קאָלעקטיווער ווילן איז געבראָכן געוואָרן דורך זײַן „שוואַרצן זון פּנחס", פאַרשווינדט דער גאולה־העלד פון דער אַרענע, ווייל ער האָט פאַרלוירן דעם אָנשפּאַר אינעם כלל.

די פּרצישע ר' שלמה־קאָנצעפּציע איז, ווי איר זעט, גאָר ניט ענלעך צו די „איבערמענטש"־מאַנקאָליעס", וואָס האָבן געבושעוועט אין דער ליטעראַטור פון זײַן צײַט. פאַרקערט, די דאָזיקע אויפפאַסונג, וואָס קומט נאָך בולטער און רעליעפער צום אויסדרוק אין פּרצעס מײַסטערהאַפטער נאָוועלע „צווישן צוויי בערג", סאַמעוועט כמעט פולשטענדיק מיט די אידעען, וואָס האָבן זיך גענומען אויסצייטיקן אין דער יידישער ליטעראַטור ערשט שפּעטער אין סאַמע ברען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

פּרץ אַליין אינטערפּרעטירט קלאָר אָ־די דאָזיקע קאָנצעפּציע:

„דער עולם איז פול געוועזן מיט תענוג, מיט מסירת נפש.
דעמלט איז ע ר אויך אַן אדמו"ר געוועזן...
די נשמה פון כלל..." (משנת חסידים).

די נשמה פון כלל!

אַזוי אַרום האָט דווקא פּרץ פאַרהאָלפן דער יידישער ליטע־ראַטור אַריבערצושפּרײַזן די צײַט־ווייטיקן און צײַט־קאַפּריזן און זיך צו באַהעפטן צו דעם איבערצײַטלעכן גאולה־פּאַטאָס, וואָס האָט באַלד העל געלויכטן און באַלד פינצטער געזשאַרעט אין די גרויסע גײַסטער פון אַלע עפּאָכעס און אַלע צײַטן.

גראָסן ברענגט ארויס פון דער געדולד די „מיסטישע אײַנ־

שפּאַרעניש״ פון ר׳ שלמהן, אז ער וועט נישט מאַכן הבדלה און מעשה קולטור־זאטער סקעפּטיקער טראַכט ער ביי זיך: „לאָז ער יאָ מאַכן, לאָז ער ניט מאַכן, סיי ווי זיידענע צרות״. איך קען גראָסן נאָכפילן די אומגעדולד און פאַרזיכער אים (ער ווייסט עס מסתמא אַליין), אז האַמלעט מיט זיין „זיין אָדער ניט זיין״, איז ניט קיין קלענערער „נודניק״. עס איז שוין דער ביטערער גורל פון געציילטע איבער צייט און לענדער צעוואָרפענע ליטעראַרישע העלדן צו פאַרמאַטערן מיט זייער „מיסטישער איינגעשפּאַרטקייט״ דורות פון מיט זאַכלעכקייט איבערגעגעסענע אינטעליגענטן. און דער אכזריותדיקער פּאַראַדאָקס פון גייסטיקייט האָט געוואָלט, אַז די אייביקייט זאָל דווקא זיין פאַרליבט אין די „הייליקע נודניקעס״, וואָס טרייבן „מיסברויך מיט דעם צער פון דער וועלט״ און זאָל ניט וועלן וויסן פון די אויסגעפּוצטע קריטיק־אָפּיצירן, וואָס פּרוּוון פון גענעראַציע צו גענעראַציע אָפּצושטופּן די צעשויבערטע גייסטער אין „עקזאָטישן מאָנומענטאַל־פילם״.

אַפּראָפּאָ „האַמלעט״. וואָלט כאָטש ר׳ שלמה געווען אויך א בן־מלך און ניט אייגער פון די, וואָס פון זיי ווערט צו־זאַמענגעשטעלט די „וואַקכאַנאַליע פון ספּאָדיקעס, שטערנטיכלעך, בערד״. איז צו ענטפערן: אַזוי ווי מיט שמר״ס צוגעטראַכטע פּרינצן און פּרינצעסינס האָבן אונדזערע קלאַסיקער ניט געקענט קאָנקו־רירן אין סיי אין שולגעסל, סיי אין קוילערגעסל זענען ניט געווען בנמצא קיין יידן אָן זשיפּיצעס און קיין יידענעס אָן שטערנטיכלעך; אַזוי ווי דאָס „פּראָסטע ביסל שפלות און פרייליכקייט פונ'ם מיזערנעם לעבן״ קען דעם גרויסן קינסטלער ניט נאָר אַקעגנ־לויכטן דורכן פיין געשליפענעם שפּיגעלע פון קינסטלערישער דעסקריפּציע, נאָר אויך דורך דער מורה־שחורהדיק־פאַרשאָטנטער שויב פון אידעישער וויזיע. האָט פּרץ, דער איינציקער צווישן אונדזערע קלאַסיקער, אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג, דעם „טוריסטן־וועג״, דעם וועג, וואָס פירט אים פון באַלאַדע איבער אידעיען־בעראנגל און „אויפן אלטן מאַרק״־מיסטעריע ביז צום סאמע עצם

פון דעם נאַציאָנאַלן „געשיכטלעכן פּאַרוואָס" — דעם קידוש השם־געדאנק.

און ווייסט דען גראָס ניט, אַז צוריק מיט 30 — 40 יאָר האָט נאָך דאָס „פּינטאלע ייד", דאָס פּינטאַלע אין העכערן גײַסטיקן זין, וואָס האָט עוין הײַנט באַווייזן זיך גליקלעך כעמיש צו באַהעפטן מיט וועלטלעכקייט, ניט געהאט קיין אנדערן אָפּרו־אָרט פאַר זײַן דורות־לאנגער וואָגלעניש, ווי נאָר אין הערצער אונטער זשיפּיצעס און אין מוחות אונטער ספּאָדיקעס?

(איך עפן א פּאַראַנטעזע: דאָס „פּינטאַלע ייד" איז אין זײַן עצם־מהות סאָציאַלער פּאַטאָס, וואָס פאַרקרומט זיך אונטער קלעפּ פון גורל צו סאָציאַלן גראָטעסק. זײַן קינסטלערישער אַנטדעקער איז פּרץ און אזויפיל יאָרן נאָך ר' שלמהן, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע און נאָך דער וועלט־שחיטה, האָט לייוויק, ווען ער האָט מיט ניט ווייניקער „מרה־שחורה" און אידעישן אומרו, ווי פּרץ, אונטערגענומען צו געשטאלטן דאָס פּינטאלע ייד, אלץ נאָך געמוזט אָנקומען צו דער „פּאַראַדע פון מיסטישע רעקוויזיטן" פונעם „גולם" און פון דער „גאולה־קאָמעדיע").

פּרצס אויפטו איז געווען, וואָס ער האָט געבראכט צו פירן אָט די ספּאָדיקעס און די זשיפּיצעס און זיי געלאָזט רעדן אַזוי, אַז מיר זאָלן זייערע פון צייט אַרויסגעשיילטע און פאַר יעדער צײַט פּאַסיקע ווערטער קענען אויפנעמען און אַרײַננעמען אין זיך, מיר אָנגעטוענע אין פײַן צוגעשניטענע אינטעליגענטן־קאָסטיומען און אין בלאָע אַרבעטער־בלאָזעס. דער צוועק איז געווען: (איך ווייס, העכער קונסט־צילינדער, אַז קונסט האָט ניט קײַן עטישע צוועקן אָבער דאָך רעד איך פון צוועק, ווײַל פאַר מיר איז קונסט אָן „עטישער ליידנשאפט" טאקע א צילינדער אָן אַ קאָפּ), אַז מיר זאָלן ביים שײַן פון ר' שלמהס אומהיימלעך־צעפלאקערטן גאולה־פּאַטאָס, ביי דעם באַלאַדעסקן ווידערליכט פון דער „מיסטישער אײַנשפּאַרעניש" און ביים יענוועלטישן גלאנץ פון די פּאָלקסטימלעכע פייערלעך דערזען, אַז דער צוועק פון לעבן איז

דאָס לעבן אַליין, זיין דינאַמיק: „אינערגעץ נישט פאַרשטיינערט, אינערגעץ ניט פאַרגליווערט ווערן״ און זיין פרייד „בעסער מיט אַלע יידן אין גהינם, איידער אַליין אין גן־עדן״. פּרצעס פּונקט ווי לייוויקס מרה־שחורה, איז ניט קיין צאַצקען זיך מיט „זיידענע צרות״, נייערט אַ ראנגלען זיך מיט דעם אייגענעם קינסטלערישן איך און מיט דעם קאָלעקטיוון גורל פון אַ פאָלק, כדי יידישקייט זאָל ניט און ווייל

„יידישקייט טאָר ניט געגומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש — אין דער אנטוויקלונג, דאָס הייסט: איבעראל אויף דער גאנצער יידישער וועלט און אין אלע צייטן; קיין איינציקן עכט יידישן מאָמענט ניט אויסגעמעקט״. (פּרץ: וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?).

מיט רעכט זאָגט דערפאַר משה גראָס, אַז פּרץ איז געווען מער פירער ווי קינסטלער, ווייל ביים עכטן קינסטלער מוז דאָס קינסטלערישע זיין אַ תפל און די עטישע פירערשאפט דער עיקר, אויב די קונסט זאָל ניט אַראָפּזינקען צו געצנדינעריי, צו גאָטלאָזן שפּיל־מאָדעל, צו צערעמאָניעלן „טע דעאום״ פון שפּיגלדיקע קנעפּ און גלענצענדע העלמען.

דער פּראָקוראָר האָט זיך נאָר פאַרכלינעט. אָט שטייט ער אויף און דונערט א נייַע באַשולדיקונג:

„ער האָט אוועקגעשטעלט מענטשן אין ליטעראַטור און ער האָט זיי ניט געגיבן קיין כוח צו לעבן״.

וואָס פאַראַ סימן האָבן מיר, אַז א ליטעראַרישער פאַרשוין העכסט־קונציק־צונויפגעשטיקעוועט פון זיין אויטאָר פון ווערטער, פאַרבן און געשעענישן, לעבט און אז מ׳דאַרף אים ניט טאָרען מיט קיין פעדער ביי דער נאָז? א סימן מובהק: א לעבעדיקער פאַרשוין ברעכט דורך אלע טיר און טויערן פון ליטעראַטור און אַנטלויפט אויף דער גאס אין ראַשיקן לעבן אַרייַן. איז דער ליטעראַטור־געשאפענער פאַרשוין עכט, האָט ער די טבע זיך צו פאַרפילפעלטיקן איבער שטעט און לענדער: איבעראל צו זייַן צו דערזעלבער צייַט און זיך אויסצולאַכן פון גרעניץ־זשאַנדאַרן.

אין די ליטעראַרישע געשטאַלט „נאָך עכטער״ ווי עכט, דאָס הייסט, ווי גראָס זאָגט לגנאי און איך לשבח, ניט מער ווי „א כאַפּעדיקע אילוסטראַציע צו א געדאַנק״, צו א וויזיע, אָ דעמלט ווערט זי א רואה ואינו נראה, וועלכע לעבט אין דער פאַנטאַזיע פון אלע פעלקער און אלע צייַטן און מ׳שטעלט איר, דער ניט גע־זעענער מאָנומענטן.

פון דעם לעצטערן מין ליטעראַרישע פיגורן איז סערוואַנ־טעסעס אומשטערבלעכער דאָן־קישאָט, וואָס איז ניט מער ווי „א כאַפּעדיקע אילוסטראַציע״ צום (ווי אַזוי זאָל איך זאָגן ?) אייביקן געדאַנק פון דאָנקישאָטיזם. (ס׳איז ניט קיין חידוש, וואָס זייַן מאָנומענט שטייט אין מאַדריד פאַרן דענקמאָל פון זיין מייסטער. סערוואַנטעס אַליין איז דאָך ניט געווען קיין כאַפּעדיקע אילוס־טראַציע, נייַערט א מענטש, אווירקלעכער מענטש מיט הויט און ביינער). פון דעם זעלבן מין פאַרשוינען איז אויך פּרצ׳ס ר׳ שלמה, א כאַפּעדיקע אילוסטראַציע פאַר דער מיסטישער אייַנ־שפּאַרעניש צו דערלייזונג. דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס ר׳ שלמה רעדט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלסטער שפּראַך: יידיש און קען דערפאַר ניט דערגיין צו דער צווישנפעלקערלעכקייט. נאָך איין טעם: פּרץ האָט ניט געפּייערט זיין פּופּציקסטן געבוירנטאָג צווישן די זשורנאַליסטן פון דער ווינער „נייַע פרייַע פּרעסע״, ווי שלום אַש, און איז ניט געוואָרן קיין וועלטנאָמען.

דער פּראָצעס גייט ווייַטער.

„זיינע קינסטלערישע ראשי־תבות פאַרדאַנקט די יידישע ליטעראַטור די צווייפלהאַפטע אינסטיטוציע פון די „מיטשאַפּערס״, וואָס האָבן זיך מיסטיש אָנגעשטויסן, וואָס האָבן דערטראַכט דאָס ניט דערזאָגטע״.

מוז דען ווייל ס׳זענען פאַראַנען „היינע אונד די פאָלגן״, אויך זיין „פּרץ און די מיטשאַפּערס״ ? ווער זענען די מיטשאַ־פּערס, וואָס אויף זיי איז גראָס מרמז ? עס זענען זיכער געווען אין דער יידישער ליטעראַטור „צווייפלהאַפטע״ נעאָ־חסידים, וואָס האָבן געפּרווט שרייבן א לאַ מאַניער פּרץ. אָבער ווער ווייסט

פון זיי; ווער ווייסט ווען זיי זענען אויפגעקומען און ווען זיי זענען פארשוואונדן? דער פרצישער געניוס האָט זיך ארויסגעוויזן אַזוי עקסקלוזיוו, אַז אברהם וויעוויאָרקא האָט ערשט געקענט ווערן א שרייבער, ווען ער האָט אויפגעהערט צו חסידעווען און א• ווייטער••• א• וויטערס מרה־שחורה, זי איז געווען און געבליבן ניט קיין פרצישע ירושה, נאָר אַ אייגענער צייט־הויקער• די, וואָס זייער שאפן איז דער בולטסטער המשך פון פרצעס „מער אָדער ווייניקער אָריגינעלע באַנאַליטעטן״ זענען, לויט מיין מיין, לייוויק, אָפּאַטאָשו און אליעזר שטיינבאַרג•

לייוויק האָט די גאולה־בענקשאפט פון די פרצישע העלדן פאַרוועבט אין אוראַלטן יידישן משיחיזם, זי ארויסגעפירט פון פראַגמענטאַרישקייט און זי קינסטלעריש קאָנסאָלידירט; ער האָט אין דע• גאולה־אידיי אַריינגעבראַכט דראַמאַטישן קאָנפליקט און זי אַזוי ארום געדאנקלעך פאַרטיפט•

אָפּאַטאָשו האָט ביי פרצן און ביי זיין אייגענעם דיכטער־געוויסן געלערנט, אַז כדי צו ענטפערן אויף: „ווער בין איך און ווהין פירט מיין וועג״? מוז מען גיין אויך צו דער פאַרגאנגענהייט: „די אלטע קברים עפענען, די אלטע ריזן וועקן און זיי פרעגן״• דער דאָזיקער אָפּאַטאָשו־פרצישער קינסטלער־דערקענטעניש האָבן מיר צו פאַרדאַנקען „אין פוילישע וועלדער״, די היסטאָרישע נאָוועלן און צווישן זיי „אַ טאָג אין רעגענסבורג״. („אַ טאָג אין רעגענסבורג״? איך קען די מיינונג פון אַ טייל געשווירענע קונסט־מבינים: ס׳איז ניט מער ווי דעקאָראַטיוו! אָבער אָן היסטאָריש־קינסטלערישער דעקאָראַציע און אָן אידעישער טראַדיציע איז דער שפיל אין וועלטלעכער הייניטצייטיקייט ניט מער ווי שונד, וואָס דאַרף ניט קיין קאָנטינואיטעט און געזעצ־מעסיקייט, ווייל דער צופאל איז זיין הערשער, אים האָט ער פאַר זיין מלך געקרוינט)•

אין אליעזר שטיינבאַרגס משלים האָט ניט נאָר די

שלום־עליכם׳שע שפּראַך געפונען איר מעטריש פּאַרפונדעוועטע באַריקאַדע, נאָר אויך פּרצעס גײַסט, זיין שטענדיק וואַכן המשך. ניט נאָר דאָס, וואָס שטיינבארג און פּרץ האָבן ביידע אָנגע־טרונקען זייער געמיט ביי דעמזועלביקן אלטן קוואל פון חכמה און לעגענדע דערנענטערט די צוויי גרויסע יידיש־שעפערס, נייערט אויך שטיינבארגס יידישקייט, וואָס לאָדט זיך אויס אין סאָציאַלן רעוואָלט אויפן פאַן פון קהלת׳דיקער מענטש־באַטראַכטונג, איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער פּרצישער חסידות־קאָנצעפּציע: נישטיק איז דער יחיד, גרויס דער קאָלעקטיוו. באַנציע שוויג לעבט איבער אין שטיינבארגס משלים צענדליקער קינסטלערישע גילגולים און איז אידעיש אַרייַנגעוועבט אין זייַן לעבעדיקן סאָציאַלן מוסר־השכל.

און ניט נאָר ביי די דערמאַנטע דריי דיכטער קומט צום אויסדרוק די גייַסטיקע ירושה פון פּרצן. אין דעם שאַפן פון אלע עכטע יידישע שרייַבערס פון אונדזער דור קען מען ארויסקנוילן די דינע פעדים, וואָס ציען זיך ביז עט טיף אין צאַפּלדיקן האַרץ אַריין פון פּרצישע העלדן (איציק מאַנגער, למשל, האָט וווּנדערלעך קינסטלעריש סינטעטיזירט דאָס ראָמאַנטישע „גילדענע ציגאלע״ (גאָלדפאַדן) און דעם באַלאַדעסקן שלייער פון מענטשן און פאַקטן (פּרץ).

די פּרצישע געשטאַלטן „האָבן ניט קיין כוח צום לעבן?״ בלייבט דען דער דאָזיקער זאָג מער ווי א זאָג, ווען דאָס פאַטע־טישע און הערא̇ישע פון אַ ר׳ שלמה, נעמיראָווער רבין, שמעיה גבור, ביַאלער רבי, האָמערט עד היום מיט אומגעשוועכטער קראַפט אויף דער שאפונגס־קאָוואדלע פון אַ דור יידישע שריי־בערס? ווען דער „קאַלטער עקסטאַז״ פון ר׳ שלמהן שפּייַזט דווקא היינט מיט וואַרימקייט דעם מיט כל אמצי כוחות ראַציאָ־נאַליסטיש צוגעשניטענעם סאָציאַלן אידעאַל פון טויזנטער יונגע יידיש־ליינערס, וואָס די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים זענען

פאַר זיי ניט מער ווי, אין בעסטן פאַל, אינטערעסאַנטע קולטור־געשיכטע?

דעם פאַקט קען מען ניט אָפּקומען מיט פּרצס „גייסטיקער ווירקונג". ווען פון זיינע ליטעראַרישע פאַרשוינען וואָלט, ווי גראָס מיינט, ניט געווען „פאַרבליבן אַ זכר אין אונדזער זכרון" וואָלט זיך אויך די גייסטיקע ווירקונג שוין געווען אויסגעזשעפּט. דער אמת איז אָבער דער, אַז פּרצס געשטאַלטן האָבן ביז היינטיקן טאָג ניט פאַרלוירן זייער סוגעסטיוון כוח (סוגעסטיע איז געווען דער עיקר־עלעמענט פון זיין קינסטלערישער רעאַליזירונגס־קראַפט) אויף דער אינספּיראַציע פון אונדזערע שרייבערס און אויפן געמיט פון אונדזערע לייענערס; דער קינסטלערישער אמת וואָס אין זיי, האָט זיי דערלויבט אויסצוטון זיך פון די צייט־מלבושים, אוועקצוואַרפן די צייט־רעקוויזיטן און צו דערגיין צו אונדז מיט דער אין זיי פאַרקערפּערטער דינאַמיק פון איבער־צייטלעכער אידעישקייט, וועלכע איז היינט פּונקט אַזוי טאָג־צוגעשפּיצט ווי נעכטן און וועט מאָרגן ניט פאַרלירן גאָרנישט פון איר אַקטועלקייט.

אָבער, קלאָגט זיך משה גראָס ביים סוף פון זיינע רעוויזיע־טעזיסן:

> „די יידישע ליטעראַטור איז געווען צו יונג פאַר זיין גייסטיקער ראַפינירטקייט".

די יידישע ליטעראַטור איז ניט קיין יונגע, ווייל זי איז פאָרם־באַנייאונג פאַר אַ אַלטן אינהאַלט. זי איז המשך פון דורות און ניט פּלוצימדיקע געבורט פון ים־שוים. יונג איז אפשר די מאָדערנע יידישע לייענער־מאַסע. און עס קלינגט מאָדנע, זער מאָדנע, צו הערן דוקא פון משה גראָסן, אַז דער שעפער דאַרף האַמעווען זיין „גייסטיקע חריפות" צוליבן לייענער. וואָלט מענדעלע זיך געווען אָריענטירט אויפן לייענער און ניט אויף זיין אייגענער קינסטלערישער מיסיע, וואָלט די יידישע ליטעראַטור מן הסתם

נאָך הײַנט געשטעקט אין די קינדערשיכלעך פֿון יצחק יואל לי־נעצקיס און אײַזיק מאיר דיקס שפּראַך׳ אָן פּרצס גײַסטיקער ראַפּינירטקייט, װעלכע ער האָט געשטעלט אין דינסט פֿון זײַן דיכטערישן כוח, װאָלט די יידישע ליטעראַטור אפשר דערגרייכט צו דער „געשלאָסענער קינסטלערישער פֿאָרם" פֿון שטייגער־דעסקריפּציע, זיך אָבער ניט געװען דערקלעטערט. (װי פּרץ דע־פֿינירט אין זײַן „װאָס פֿעלט דער יידישער ליטעראַטור?") צום „הויכן פּונקט פֿון װעלכן דאָס אַלץ זאָל געזען װערן..."

אליעזר שטיינבאַרג

(געקראָלאָג).

...וואַרשע — צעגליאַנע 1 און טשערנאָוויץ — נעגרוצי! וואָס פאַראַ מאָדנע און גיכע איבערחזורונג פון גורל! אַן אויסגערייפטער פערציקער איז דער לערער פון דער יידישער שול אין בעסאַראַבער שטעטל, געקומען קיין טשערנאָוויץ. פאַלש געזאָגט: „געקומען" — אַראָפּגעבראַכט פון דער באַגייסטערטער יוגנט־בענקשאַפט פון דעם היפּל מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו שאַפן דעם נייעם יידיש־וועלטלעכן קולטור־שטאַט אין רומעניע דער מדינה.

ס'איז געווען דאָס פיבערדיקע דראָזשען פון אידעאָלאָגיע — ס'האָט געפּלעט די טראַדיציע־פאַוואָרצלטע פרייד פון שעפערישקייט; ס'האָט געצונדן אַ האָפערדיקע גלוסטונג צו בויען — ס'האָט געפעלט דער פלאַקער פון גייסט, וואָס דאַרף וואוינען אין היכל; ס'זענען שוין געווען הונגעריקע שפּיי־מאָנערס און קאַרגע ברויט־געבערס, ס'האָט שוין נישט געמאַנגלט אין גאַנצן טראַנספּאָרט קלאַפּערצייג פון פאַרטיי־רעדער און פאַרטיי־קוטשערס — געפעלט האָט אָבער נאָך דער גייסטיקער קאָנטראָל פונעם שעפער־וועגווייזער; ס'איז שוין געשטאַנען אין ריי און גליד דאָס מלחמה־גרייטע פאָלק פון רייטער און פוסגייער מיט אַלע עלטסטע איבער טויזנט און איבער הינדערט. געוואַרט האָט מען נאָר אויפן האָרנשאַל פונעם סימבאָליש געזאַלבטן.

מיר, די פּראָגראַמאַטיש כלל נישט מלך'דיק־געשטימטע רעוואָלוציאָנערע קולטור־סאָלדאַטן, האָבן אים דעם ממשל, דעם

פאַרשטייער פון זין און אומזין פון לעבן, אים דעם אומרויק צערייצער און מילדן באַרויקער, אויפן שילד געהויבן און אים פאַר אונדזער האַר אויסגערופן.

און האָבן געדאנקען־שמאָלקייט פון אינעווייניק און צעיור־שעטע מאַכט־חיה פון דרויסן ציגל נאָך ציגל פון אונדזער קוים אויפגעשטעלטן קולטור־בנין געריסן, איז אויף די חורבות אין זיין גאנצן מאַרטירער־גלאַנץ געבליבן שטיין דער אליהו־שטול פונעם טשערנאָוויצער מאַנסאַרדן־פּרוש. בליענדיק ווערט און קוואלנדיקער געדאנק האָבן זיך אין די פּאַרוואָרפנסטע שטעטלעך געטראָגן: שטאַרקונג און אויפרעכטונג פאַר שלאפע; זיידן העמדל פאַר שאַפונגס־באַגינען און פאַנצער־קלייד פאַר די, וואָס שטייען אין מיטן טאָג פון יצירה.

אליעזר שטיינבארג איז נישטאָ מער, — געבליבן איז די בענקשאַפט נאָך אַן אליעזר שטיינבארג.

די פאַרלוירנקייט פון א דור, וואָס איז פאַריתומט געוואָרן, וועלן די פאַרשטיין, וואָס זענען געוואַקסן אין דער הייסער פרץ־זון.

*

י. ל. פרץ און אליעזר שטיינבארג. פרץ — דער שטורמי־שער אָדלער פונעם יידישן פריען קולטור־זומער אין פוילן; שטיינבארג — די שטילע טערקלטויב פונעם פאַרשפעטיקטן קולטור־פרילינג אין רומעניע.

פרץ שטייגט אויף צו זיין גרויסן וונדער־פלי, צו „אויב נישט נאָך העכער" און וואַרפט אַראָפּ פאַר זיינע פאַרשמאַכטע רעוואָלט־קרובים פּראָקלאַמאַציעס — יום־טוב בלעטלעך; שטיינבארג נידערט אַראָפּ פון זיין הויכן געדאנקען־נעכט צו די נידערן פון לעבן. ער עפנט זיין מויל צו גלייכעניש און שיקט מיט דער פרומער טויבן־פּאָסט זיינע אויסטערליש־קלוגע דובנער מגיד־רייד פאַר די פאַרוואָגלטע, וואָס כוח באַדאַרפן צום דויערהאַפטיקן פלי זייער משיחן אַקעגן.

פרץ ערב 1905 — הונדערטער רמזים־פונקען און אַ
גילדענע קייט פון רבנים אויף צו צעבלאָזן דאָס פייער פון באַנײַונגס־
רעוואָלט; שטיינבאַרג אסרו חג 1917 — איין בעל־מלאכה־זעג
און איין דין שייטל האָלץ פון משל, און ס׳ברענט אַ העליש פייער
פון סאָציאַלן פּאַטאָס.

טשערנאָוויץ, נעגרוצי 1 און וואַרשע, צעגליאַנע 1. אויף
אַ שמאָלן וועג פון גייכט האָט אַ דור צו אַ דור געשפּאַנט, באַ־
העפטונג געזוכט און נישט דערגאנגען — ווייל דער אָנשפּאַר געבראָכן.

*

וויסנשאפטלעכער זאַפּאַס צונויפגעקליבן אויף באגריפלעך־
אויסגעטרעטענע טעאָריע־סטעזשקעס פירט צו סעקטארישן איבער־
צייגונגס־כח און קאָוועט אויס די אייזערנע רייף פון קאַמפּס־
דיסציפּלין; סטיכיש־וואַקסנדיקער לעבנסשטייגער ברענט אויס
די יאוש־באַצילן אין קרענקלעכן אינטעליגענטן־בלוט און שענקט
כח צום געזונט ווערן און טאַקע דאָס געזונט אַליין. די פּאָעטישע
דערלויכטונג פון שעפערישן מענטשן־ביישפּיל גיט די ליב־
שאפט צום חלום פון נעכטן, שטילט און רייצט די צערודערטקייט
פון היינט און שאפט דעם אויפברויז פון פרייד צום מאָרגן.

אַרום דעם גייסט פון אונדזער ממשל האָבן זיך ווי רצועות
געוויקלט די בולטע סימנים פון געשיכטלעכע תקופות און זיך
האַרמאָניש צונויפגעבונדן מיט די גילדענע באַגינען־צייכנס פון
אָנקומענדיקער נייער וועלט.

גמרא־הריפות, עקלעקטישע מילדקייט פון מדרש, פילאָזאָ־
פיש־אָנגעווייטיקטע ליריק פון מיטלאלטער, עקזאָטישע פּײַן פון
קבלה און ראַציאָנאַליסטישע שטורמישקייט פון השכלה, אלע זיי
האָבן אין זיין וועלט־באַנעמונג זייער חלק געהאט און מיט זייער
זאפט זיין רעוואָלוציאָנערע וועלטלעכקייט גענערט.

אַזעלכע האַרמאָנישע דערשיינונגען פון יידישער מענטש־
לעכקייט זענען קיין לעגיאָן נישטאָ. איין מיליאָן רומענישע יידן
האָט נאָר איינעם פאַרמאָגט — איין אליעזר שטיינבארג.

פראָ אליעזר שטיינבאַרג

„... און וואָס שייך דאָס אַוועקשטעלן שטיינבאַרגן אין איין ריי מיט פּרצן, שלום־עליכמען, וועלן מיר שוין אויך ווייטער בלייבן אין פיינטלעכע לאַגערן, — חבר רובין און מיין ווייניקייט. קיין אנדערע דאגות זאָלן מירביידע ניט האָבן".

(מיין קורסיוו — ש. ב.)

(מלך ראַוויטש אין „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור" נומ. 18 פונעם 7טן אפּריל 1933).

איך האָב שוין פון לאַנג געוווסט, אַז מלך ראַוויטש האָט ניט די, נאָר אנדערע דאגות. פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז מלך ראַוויטשעס „פאַרטיק־ווערן מיט גאָט אונטער שפּינאָזאן און מיטן בייזן מענטש אונטער מאַרקסן" איז ניט מער ווי אַ קאָקעטע מליצה פון איינעם, וואָס האָט אין דער אמתן גאָר אנדערע דאגות. ס'האָבן מיך, פאַרשטייט זיך ניט געאַרט און אויך ניט אינטערעסירט זיינע אנדערע דאגות. כ'האָב נאָר געשטוינט, וואָס ראַוויטש איז אזוי אומפאָרזיכטיק און לייכטזיניק, און שטעלט זיך קעמפן דעם לייענער צוליב — מיט וועמען? מיט קודשא ברוך הוא אַליין, ניט האָבנדיק דערביי קיין אנדער כלי־זין אין דער האַנט ווי כמה וכמה שווארץ אויף ווייַס אין פערזן באַדרוקטע צייטלעך.

די צייט, וואָס היילט אלע וווּנדן, האָט סוף כל סוף פאַרגלעט דעם ביטערן נאָכטעם פון ראַוויטשעס פּראָקלאַמירטן

„גערױנגל מיט גאָט" און סע זענען ביי מיר פֿאַרבליבן אַ פּאָר וואָרעמע אַקאָרדן פֿון זײַן „וועגעטאַרישן עוואַנגעליום". בין איך ראַוויטשן געווען דאַנקבאַר פֿאַר זײַן ליד וועגן די טראַמוויי־פֿערד און דערעיקרשט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אין אַ גוטער שעה פֿאַרענדיקט זײַן מלחמה מיט דעם, וואָס לעבט אייביק — אַ מלחמה, וואָס ביי דער אימיטאַציע־הפקרות פֿון אונדזערע „יונגע" און גאָר „יונגע" האָט זי זיך געקענט פֿאַנאַנדערוואַקסן צו א וועלט־שרפֿה פֿון שטרויענע מליצות און אַוועקהרגענען א דור פּאָעטישע טאַלענטן.

אַזויווי דער, אין דער הקדמה צו די „נאַקעטע", באַזיגטער רבש"ע האָט ראַוויטשן אויף צו להכעיס באַשאַפֿן פֿאַר אַ יידישן ליטעראַט און אים געהייסן רעדאַקטירן ליטעראַרישע בײַלאַגעס און שרײַבן רעצענזיעס וועגן יידישע ביכער, האָב איך און מיט מיר אַלע יידיש־לייענער געהאט אַ רעכט צו גלייבן, אַז דער מחבר פֿון „בלוט אויף דער פּאָן" איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זײַן גורל און האָט זיך צוגעווינט צו האָבן די דאגות פֿון דער יידישער ליטעראַטור. צו די דאגות פֿון דער יידישער ליטעראַטור קער אויך די פֿראַגע, צי מעג מען אליעזר שטיינבאַרגן אַוועק־שטעלן אין איין ריי מיט פּרצן און שלום־עליכמען צי ניין. פֿאַר קיין שום פֿאַל קענען מיר שוין ניט באַפֿרייען פֿון ד ע ר דאגה מלך ראַוויטשן, וואָס האָט זיך אין „וואָכנשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור", נומ. 9 פֿונעם 10טן מערץ 1933 אונטערגענומען אין א דרײַ־שפּאַלטן לאנגן אַרטיקל פֿאַרטיק צו ווערן מיט אליעזר שטיינ־בארגס משלים, און מעשה אַבסאָלוטער מלך (ראַוויטש) באַשלאָסן אָן שום מאָטיווירונג, אַז

„שטיינבאַרגן איז גענוג אַוועקצושטעלן אין דער ריי פֿון די גוטע יידישע דיכטער אפֿילו ווען ניט פּונקט אין דער מזרח־וואַנט".

טאקע ניט אין סאמע מזרח־וואַנט, אָבער אלץ ניט קיין שלעכט פּלאַץ, בפֿרט ווען מיר ווייסן, אַז ס'זענען פֿאַראַן יידישע קריטיקער, וואָס גיבן פּרצן דעם קינסטלער אויך ניט קיין שטאָט

אין מזרח· און מענדעלע איז שוין זיכער מיט זיין שטענדער לעבן עמוד?

אָט האָט אָפּאַטאָשו אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פונעם 7טן אַפּריל 1933 אָפּגעפרעגט — און מיט רעכט — די לעבנס־קלוגשאפט און האלט, אַז די בכורה קער דער אינטעלעקטועלער אינטואיציע· אויב מיר זאָלן איבערזעצן אָפּאטאָשוס געדאנק אויף ראַוויטשעס לשון פון נומערירטע מזרח־ און מערב־בענקלעך, הייסט דאָס, אַז אין מזרח, ביים ארון־קודש, מעג נאָר זיצן פּרץ· און ביי די אומות־העולם איז דען אנדערש? אָט האָט טאָלסטאָי אָפּגעפרעגט שעקספּירן און זיך געפּרווט אַראָפּרייסן פון אים — זיין יאָרהונדערטער־אלטן גלאָריע־מאנטל· און ניט קיין קלענערער ווי קאַרל קרויז מיינט, אַז היינע — פון מזרח־וואנט און פון אלע ווענט איז אָפּגערעדט — היינט טאָר מען היינט, 80 יאָר נאָך זיין טויט ניט אַריינלאָזן אפילו ניט אין פּאָליש פון קונסט־היכל·

הייסט עס לויט ראַוויטשן טאָר שטיינבאַרג ניט זיצן אין מזרח· פאַרוואָס? ווייל

„ער איז ניט גרויס, ווייל ער איז ניט גענוג טיף, ניט גענוג וויציק"·

דאָס פאַרקלענער־וואָרט „גענוג", וואָס ער שטעלט צו צו „טיף" און צו „וויציק" זאָגט עדות, אַז ער איז אַ גרויסער מתמיד אין ליטעראַטור, אָבער די אַנונג פון גייסטיקער גרויסקייט איז קיינמאָל ניט דערגאנגען צו אים· גייסט־פרעמדקייט באַנעמט ניט די פאַרבאָרגענע דינאַמיק פון געדאנק און געפיל, ווייל זי גיט ניט קיין „ברי, ווי אַ גאָר גוטער וויץ"· זי האָט האָלט דעם שטאַרקן עכאָ פון פערדישע פאָדקאָוועס אויפן האַרטן שאָסיי, ווייל דערמיט „האָט מען זיך אַוועקגעקוילערט ווו מ׳האָט געדאַרפט" און מ׳קען דערביי מיינען, אַז מ׳פאָרט ווייט און מ׳הערט טיף· זי באַגייסטערט זיך דערפאַר פאַר פּרץ מאַרקישן און האָט רעזערוון פאַר אליעזר שטיינבארגן· אמתע גרויסקייט קען זי, די גייסט־פרעמדקייט, נאָר דערנען, ווען מ׳לייכט איר צו מיטן

קאַנעץ־לעמפּל פון קאַנאָניזירטע ווערטן און מ׳לערנט מיט איר ליטעראַר־קריטישן אלעף־בייס ביים נשמה־ליכטשיין פון מומי־פּיצירטע זכות־אבות, דערפאַר און ניט צוליב דעם אייגענעם איבערלעבעניש זענען ביי איר די קלאַסיקער גרויס און דערפאַר איז פּאַר איר „אַ קליין ביסל איבערגעטריבן צו זיכערן (עמעצן) אַן אָרט לעבן די גרויסע קלאַסיקער״.

אליעזר שטיינבאַרגן האָט די ליטעראַריש־קריטישע קירך נאָך ניט קאַנאָניזירט, און אויב ניט קאַנאָניזירט, האָט דען מלך ראַ־וויטש, וואָס האָט אַזוי ווייניק צייט, אַז ער מוז, ווי ער איז אַליין מודה, רעצענזירן „צופּעליק און פונעם זכרון״, געקענט ביי זיך פּועלן בייצווויין אויף אַ פּאָר מינוט ביי דעם וווּנדערלעכן מיסטישן באַגעגעניש אין דרייען פון דיכטער, ים און נאַכט פון „איבערן ים״ (ז׳ 284)? וואָלט ער זיך גענומען צייט דערצו, וואָלט אים אפשר אומהיימלעך געוואָרן פּאַר דעם טיפן קאָסמישן געשריי, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ וועלטנברייט אויסגעשפּרייטן שווייגן. ס׳וואָלט אים דעמלט אפשר אויך געצויגן איבערצו־לייענען „דאָס אויגנמענטשעלע״ (ז׳ 278) און מיטצולעבן דעם אויסטערלישן גלגולים־ספּעקטאַקל פון איצעלע שוחט, וועמען שטיינבאַרג האָט קינסטלעריש דערהויבן צום סימבאָל פון צווישן גאָט און בלוט זיך טראַגיש ראַנגלענדיקן מענטשלעכן אינטעלעקט. אפשר וואָלט דעמלט שטיינבאַרגס גרויסקייט שוין באַשטאַנען דערין אַליין, וואָס ער האָט געגעבן דעם סאַטיריש־געדאַנקלעכן אונטערבוי צו ראַוויטשעס סענטימענטאַלן „וועגעטאַרישן עוואַנ־געליום״. און ווען ראַוויטש וואָלט נאָך, נאָך די אויוונדערמאַנטע איבערלעבענישן ווייטער געלייענט דעם בוך, וואָס מ׳האָט אים אונטערגעטראָגן, וואָלט ער זיך כאָטש געוועזן אָפּגעשטעלט ביים „ויברח פונעם אייזל״ (ז׳ 110), ביי „העמדער״ (ז׳ 70), „רב מייזל מיזל״ (ז׳ 116), „דאָס זעלצערל״ (ז׳ 107) — און איך בין זיכער, אַז ס׳וואָלט אים געוועזן אַ „ברי געטון ווי אַ גאָר גוטער וויץ״ און ער וואָלט „ספּאָנטאַן אַ זאָג געטון: איי גוט!״

טאָמער אָבער ניט, קער זיך ער, ראַוויטש, גאָר ווייניק אָן מיט דעם פּראָסטן פאָלק, וואָס ער האָט אַזוי ליב און באַדויערט עס וועגן דער טײַערקייט פונעם בוך: דאָס פּראָסטע פאָלק האָט אויף אומצאָליקע רעציטאַציע־אָוונטן געהערט די דערמאנטע משלים פון צענדליקער רעציטאַטאָרן מיט הערץ גראָסבאַרטן בראש און האָט געלאַכט אַ רחבותדיק געלעכטער: אַזוי לאַכן קען דאָס פּראָסטע פאָלק און אויך די אינטעליגענץ, אויב זי איז פרײַ פון זײַטיקע ליטעראַרישע פּניות, נאָר נאָך ביי שלום עליכעמען און ביי משה נאַדירן: מלך ראַוויטש איז ניט נאָר ניט פרײַ פון זײַטיקע ליטע־ראַרישע פּניות, נאָר שוין ממש בייזוויליק: ווי דען אנדערש קען מען אויסטייטשן דעם עפּיטעט „דער באָנטשע שווײַג פון דער יידישער דיכטונג", וואָס ער דערלויבט זיך צו גיבן אליעזר שטיינבאַרגן? צי מיינט ראַוויטש, אַז דער בית־דין של מעל־ה וואָלט ווינציקער געלאַכט, ווען מע פּרעזענטירט אים אַנשטאָט א „באָנטשע שווײַג" מיט א „בולקע־מיט פּוטער־השגות" א „באָנטשע שרײַ" מיט א ברענענדיקן פאַרלאַנג צו טראַנספּלאַנטירן דאָס אייגענע ביסל וואַסערדיקע בלוט אויף דער פּאָן פון אַל־מענטשלעכע אידעאַלן? און אפשר האָב איך א טעות: קען זײַן, אַז דעם געשיכטלעכן בית־דין של מעלה, וואָס איז ממונה צו באַשטראָפן געשמאַקלאָזיקייט און זעלישע וווּלגאַריטעט, וואָלט ביים אָנבליק פון דער הימלישער „באָנטשע שרײַ"־פּראָצעסיע מיט אירע רעקלאַמע־פאָנען און כל־המינים סימבאָל־קאָלירן, גאָר אָנגעכאַפּט אַזאַ עקל, אַז ער וואָלט ספּאָנטאַן באַשלאָסן אַראָפּצו־שיקן אויפסנײַ א מבול, כדי אָפּצושווענקען אין וויסטן תהום אַרײַן די ליטעראַרישע קאַפּעהויז־גאווה, וואָס לעכטערט דאָס טיפע שווײַגן, כדי געפעלן צו ווערן דעם פלאַכן ליאַרעם, וואָס איז מזנה מיטן מענטשלעכן לשון צוליב א פערוועדזער גלוסטונג צו שוואַרץ אויף ווייס אויף פּאַפּיר געשריבענער גלאָריע.

לאָמיר ראַוויטשן ווינטשן אריכת־ימים און האָפן, אַז ווען דאָס מבול וועט זיך א גאָס טון אויפן אייראָפּעיִשן קאַפּעהויז,

וועט ער גראָד דעמלט אַריבערשפּרײַזן דעם עקוואַטאָר אַזש קיין־
אויסטראַליע און וועט אזוי אַרום ניצול ווערן פונעם גרויסן־
אומגליק. אין איין וועגס וועט זיך ראַוויטש ביים עקוואַטאָר באַ־
געגענען מיטן פּליפּיש. דער פּליפּיש וועט אים ניט אנדערש ווי־
פאַרטשעפּען און מיט אים פאַרפירן אַן ערך אַזאַ שמועס:

פ ל י פ י ש (באַמצעט שטיל פּישיש): האַ, ניט ניחא דאָס
משל וואָס אליעזר שטיינבאַרג האָט וועגן מיר אָנגעשריבן?

מ ל ך ר אַ ו ו י ט ש (צופּעליק און פונעם זכרון): אין אָנהויב:
איז געווען דאָס נמשל. א שווער נמשל...

פ ל י פ י ש (פאַרוווּנדערט): אײַ ווי גרינג! מיין פריינט־
שאפט מיטן ממשל האָט זיך פאַרקניפּט אויפן ערשטן אויגנבליק!

מ ל ך ר אַ ו ו י ט ש (איבערגעראַשט): טרונק זאָגט, אַז זי
קען גיין מיט אַ הונט און יענער ניט...

פ ל י פ י ש (מיט צער): דווקא אַזאַ צער־בעל־חיימניק ווי־
דו זאָל ניט פאַרגינען אַ שטומען באַשעפעניש דאָס ביסל תענוג.
פון מענטשלעכע רייד.

מ ל ך ר אַ ו ו י ט ש (פאַטעטיש): מיין צער־בעל־חיים איז
ניט געמינערט געוואָרן פון אייראָפּע ביז אַהער. איך וועל דיך־
באַשרייבן אין דרײַ לאנגע פעליעטאָנען אין מיין צייטונג.

ד ע ר פ ל י פ י ש באַווייזט נאָך אַרויסצוזאָגן די לעצטע
ווערטער: „אסור... פון וואנען פלוצים אַזאַ אינטימקייט צווישן
אונדז?” און ווערט פאַר פחד פארשטומט.

פאַרוואָס? דאָס האָט אויף אַ ווונדערלעכן אויפן פאָרמולירט
פעטער אַלטענבערג:

„ווייל די פלאַנץ און דער זשעני פאַרמאָגן דעם ערדישן כוח צו ציען
די פאַר זיי בויטיקע יניקה פון אומעטום פ ו ן. ד ע ר צ ו פ ע ל י־
ק ע ר ס ב י ב ה... די מיטעל־גלידער חיה און מענטש זענען אָנגע־
וויזן דערויף מיט מי צו נישטערן נאָך אַ באַשטימטער שפּייז... דאָס
הייסט דערנאָך ביי זיי: נאָכיאָגן זייערע אידעאַלן”.

אומעטום אין יעדער צופעליקער כביבה אויף גאָטס גאָרער־

וועלט איז דער זשעניאַלער גײַסט פון דיכטער אינדערהיים. זײַנע באַקאַנטשאַפטן און זיינע פרײַנטשאפטן מיט חי, צומח און דומם ווערן געשלאָסן גיך און אויף תמיד. זיי אַלע, גאָטס באשעפע־נישן — ביים עקוואַטאָר און ביים אײַז־ים — זיי אלע וואַרטן אויף זייער ווייטן־נאָענטן קרוב דעם זשעני, וואָס וועט אפשר צופעליק צו זיי קומען און באַזיגלען זייער אייגנטלעך דורות־אַלטע פריינטשאפט מיט א משל און מיט אַ ליד. די סטיכיע פונעם זשעני איז זיין אייביק־ברויזנדיקער צונויפגעזאנג מיט אַלע באשעפענישן פון די זעקס בראשיתדיקע, הייליקע וואָכנטעג.

Nihil a me alienum est — גאָרנישט איז דעם זשעני נישט פרעמד. דאָס איז זיין טיפע טראַגיק און אין דער אייגענער צייט אָבער אויך זיין אומענדלעכע ליכטיקע לעבנספרייד. דאָס באַגע־געניש מיטן פליפיש איז פאַרן קינסטלער אַן אויפבליץ פון יצירה, פאַרן ליטעראַט איז עס אין בעסטן פאַל נישט מער, ווי אַן אינטערעסאַנטער רייזע־קוריאָז. דער זשעניאַלער קינסטלער שפאַנט אין גאָטס הייליקן יאָך אויף איינזאמע סטעזשקעס צו באַהעפטונג; דער ליטעראַט ראַנגלט זיך אין גאַס, אין קיבעצאַרניע און ביים שרײַבטיש נאָך טעמאַטיק.

ס׳איז דערפאַר פאַרשטענדלעך דער פחד פונעם פליפיש. וועלכס גאָטס באשעפעניש וויל באשריבן ווערן אין די גאַזעטן?

עד כאן פליפיש. און מיר קומען צו שטײַנבארגס רײַכקייט אין צייט־הויפט־און אייגנשאפטס־ווערטער. ראַוויטש איז מודה אין שטײַנבארגס עשירות. איז דאָך וויל און גוט. אָבער שטיינ־בארגן פעלן בינד־ווערטער. און דווקא די בינד־ווערטער זענען ביי ראַוויטשן „דאָס זאַלץ צו דער פיינער פאַרעדיקער יושקע מיט כל טוב״; דווקא די בינד־ווערטער זענען דאָס בינדשנירל, וואָס אויף אים האלטן זיך די „ווערטער־קרעלן״. איז ווייניק אייך אַט דעו בינד־ווערטער שפראַך־חסרון, וואָס מלך ראַוויטש דער־לאַנגט פאַר אײַך אין די אויבנדערמאַנטע צוויי יושקע־און קרעלן־

בילדער, האָט שטיינבארגס שפּראַך נאָך אַ גרעסערן, אַ קאָנקרעטערן פּגם:

„די ווערטער זענען אָפּט איבערגעדרייט, נישט לויט דער פעסטער גראַמאַטיק".

איך בין זיכער גאָר ניט מחדש, ווען איך זאָג, אז די גרויסע שפּראַכמייסטערס שאַפן די שפּראַך און ממילא אויך די גראַמאַטיק פאַר די קליינע גראַמאַטיק־לערערס און ניט פאַרקערט. צוליב דער „האַטטע, האַבע און געוואָרדן זיין"־גימנאסטיק לויט די דינים פונעם מילערישן אָדער פון אן אנדערן סיסטעם, וועט קיינעם ניט איינפאלן צו שמעלערן די שאַפונגס־סוווערעניטעט פונעם גרויסן קינסטלער, וואָס וויקלט פאַר אונדז אויף אונדזער שפּראַך אין עקסטענזאָ און פורעמט זי ניט נאָר נאָך די כללים פונעם לערנביכל, נאָר אויך לויט די געזעצן פונעם אייגענעם שפּראַך־געפיל. די געזעצן פונעם קינסטלערס אייגענעם שפּראַך־געפיל און שאפונגס־שווונג דערהייבן די בלשנים א דור שפּעטער צו דער פלאַטשיקייט פון גראַמאַטיקאַלישע נאָרמעס און פּענטען מיט זיי הענט־און־פיס פון אלע שרייבערס — שטוב־חיות, וואָס שמעקן אין וואלד אַריין איז פאַר זיי אַ סכנה.

די רייכקייט פון אליעזר שטיינבארגס שפּראַך האָט אין דער הײנטצײטיקער יידישער ליטעראטור קיין גלייכן ניט. דורות יידישע פילאָלאָגן וועלן זי שטודירן און דורות יידישע שרייבער וועלן ביי איר גמילת־חסדים לייען. שטיינבארג פאַרמאָגט דאָס פאָלקלאָריסטישע עשירות פון משה נאַדיר און דערצו די למדנישע שפּראַך־בקיאות פון תורה־שבכתב. שטיינבאַרג קען ווי בערגעלסאָן דעם סוד פון צימצום און פינקלט איבערדאָס מיט אלע חן־פינטעלעך פון פאָעטישער בארעדעוודיקייט. ער איז אין זיין שפּראַך ברייטלייוונטיק און אָנדנאָיש ווי שלום־עליכם, פאַרשטייט אָבער זיין שפּראַך צו דיסציפּלינירן מיטן כישוף פון זיין מעטריק. שטיינבארג איז בלי־שום־ספק דער אָריגינעלסטער יידישער גראמענמייסטער. צו דעם טעזיס האָט זיך דערנייענט אַפילו מלך

ראַוויטש, ביי דער גאַנצער צופעליקייט און אויבנאויפיקייט פון זײַן לייענען לשם רעצענזיע. אָבער באַלד מעלדעט זיך צום דיכטער ראַוויטש דער טרויעריק־בלאַזירטער קיבעצאַרניע־גײַסט און רוימט אים אײַן אין אויער מעשה פרומע וועלטקלוגשאַפט פון אַ ייד אַ שליש ביי בוררותן, אַז

„שטיינבאַרג האָט ממש קראַמפּהאַפט זיך געמיט צו זיין דער אָריגי־נעלסטער יידישער גראַמענשרייבער“.

פון וואַנען האָט עס ראַוויטש אַרויסגעדרונגען דאָס מיען זיך ביי אליעזר שטײַנבארגן, וואָס האָט מיט רעכט געקענט זאָגן וועגן זיך ווי אַמאָל אָווידיוס נאַזאָ:

Quidquid temptabam scribere versus erat?

אליעזר שטיינבארגס שפּראַכגעזינדל באַשטייט פון איינס אום איינס געקליבענע ער־און זי־עקזעמפּלאַרן, יונג, באַוועגלעך און מיט אַלע חנ׳ען פונעם מין. זיי אַלע — זיינע אַלע ער־און זי־ווערטער שטייען אונטערן צייכן פון יענעם מיסטישן באַהעפטונגס־כוח פון בת־פּלוני לבן־אַלמוני, וואָס אין אים ליגט דער טרויער און די פרייד, דער שפּיל און דער ערנסט פון דעם גלהדיקן גיין אַליין און סודותדיקן אָנקום אין צווייען. ביי שטיינבארגן זענען ניטאָ קיין ווערטער מיט אַלטמיידל־קאַפּריזן. די ווערטער שטרעבן צונויפנאַנד און געפינען גרינג זייער באַשערטן. דערפאַר איז שטיינבארגס גראַם אַזוי גרינג און אין דער אייגענער צייט אָריגינעל. זעלטן איז שטיינבארגן געראָטן אָנצושרייבן אַ זײַטל פּראָזע און ס׳זאָלן דערביי ניט געווען אַרויסוואַקסן ספּאָנטאַן און אַקעגן יעדער לכתחילהדיקער כוונה אַ פּאָר שמעקנדיקע, בליענדיקע פערזן. שטיינבאַרגס פּריוואַטע בריוו זאָגן און וועלן עדות זאָגן אויף דער זעלטענער גראַמענסטיכיע, וואָס אונדזער פאַרשטאָרבענער ממשל איז געווען אין דער זעלבער צייט איר באַהערשער און איר באַהערשטער.

די אַטמאָספער פון מעטרישער דיסציפּלין און גלייכצייטיק עטיקעטנלאָזער אומיטלבאַרקייט, וואָס צייכנט אויס שטיינבאַרגס שפּראַך — זי האָט דאָס זייער אָפּט פאַרטריבן פון איר מחיצה די פון ראַוויטשן מיט אזויפיל צער־בעלי־חיים געכאָוועטע בינד־ווערטער. אין דער הייליקער עראָטישער אָרגיע פון שטיינבאַרגס שפּראַכגעזעמל, וואָלטן ראַוויטשעס בינד־ווערטער געווען ניט מער ווי שטייפע גראַמאַטיקאַלישע שמשים, וואָס דערמאַנען, אַז ס'טאָר גאָרנישט געשען אָן חופּה וקדושין. דאָס בינד־וואָרט איז אָפּטמאָל געגליכן צו דעם נאָזטיכל, וואָס דער פיינער באַלעבאַטישער ייִד דערלאַנגט דער כלה ביים טאַנץ. דאָס טיכל וויל הייסן צניעות'דיק און איז זינדיק, סע וויל שאַפן דיסטאַנץ און איז גורם א ריטמיק־שטערנדיקן פיס־פּלאָנטער.

שטיינבארג האָט ניט ליב געהאט די בינדווערטער־נאָזפאַ־טשיילעס, ער האָט ניט געסמאַקעוועט א „פאַרעדיקע יושקע"־שפּראַך, וואָס ווערט ערשט געשמאַק, ווען מ'ואלצט זי צו מיט אזעלכע ה־לפּס־און בינד־ווערטער ווי „מיט", „האָט", „און" א.א.וו.:

„פרילינג אונדז געשענקט אַ טאָג אַ גילדענעם, אַ גרויסן".

צווישן „פרילינג" און „אונדז" פּעלט ראַוויטשעס גראַמאַטיקאַלישע מזוזה „האָט". ווער א חוץ דעם שפּראַך־אָבער־בוכהאַלטער האָט באַמערקט איר אָפּוועזנהייט? עפּעס איז אָן דעם „האָט" דער פרילינג נענטער צו אונדז, ניט נאָר לויט דער וואָרט־טאָפּאָ־גראַפיע, נאָר אויך לויט דער געפילס־אַסאָציאַציע. אונטערן מרה־שחורה'דיקן בליק פונעם גראַמאַטיק־צערבער „האָט" וואָלט ניט נאָר דער אויוונדערמאנטער זאַץ, מיט וועלכן שטיינבארג הייבט אָן זיין משל „צוויי פייגעלעך", פאַרלוירן פון זיין האָפּערדיקייט און זוניקייט, נאָר טאַקע די מתנה אַליין, „אַ טאָג אַ גילדענער, אַ גרויסער", וואָלט אויסגעזען ווי ניט געשענקט פונעם גאַנצן ד'האַרצן.

ווי איר זעט, זענען ראַוויטשעס בינד־ווערטער ניט תמיד

דאָס ב י ס ל זאַלץ צו דער „יושקע", נאָר פּאַרקערט, דאָס
ס אַ כ ל זאַלץ, וואָס מאַכט די „יושקע" נישט צום עסן. סע וואָלט
אונדזער אַביסל שוין צו לעזשערער שפּראַך לחלוטין ניט געשאַדט-
ווען אירע ליטעראַטן וואָלטן זי ווייניקער אַרומגעפּירט אין גראַ-
מאַטיקאַלישע בינדווערטער-פּאָסטאַלעס און זי אָפּטער געלערנט
גיין אינעם עלעגאַנטן לאַק-שיכל פונעם געצוימטן זאַץ און גלאַטן
פּערז. סע וואָלטן דערפאַר אַ סך און אַ סך יידישע ליטעראַטן
געטון אַ טובה זיך און זייער שאַפונג, ווען זיי וואָלטן, אַנשטאַט
צו שרייבן בייזווילִיקע רעצענזיעס וועגן שטיינבארגס משלים-
גוטווילִיק געלערנט די משלים אויף אויסנווייניק.

בילדער, האָט שטיינבארגס שפּראַך נאָך אַ גרעסערן, אַ קאָנ־קרעטערן פּגם:

„די ווערטער זענען אָפט איבערגעדרייט, נישט לויט דער פעסטער גראַמאַטיק".

איך בין זיכער גאָר ניט מחדש, ווען איך זאָג, אַז די גרויסע שפּראַכמײַסטערס שאַפן די שפּראַך און ממילא אויך די גראַמאַטיק פאַר די קליינע גראַמאַטיק־לערערס און ניט פאַרקערט. צוליב דער „האַטטע, האַבע און געוואָרדן זיין"־גימנאַסטיק לויט די דינים פונעם מילערישן אָדער פון אַן אַנדערן סיסטעם, וועט קיינעם ניט איינפאַלן צו שמעלערן די שאַפונגס־סוווערעניטעט פונעם גרויסן קינסטלער, וואָס וויקלט פאַר אונדז אויף אונדזער שפּראַך אין עקסטענזאָ און פורעמט זי ניט נאָר נאָך די כללים פונעם לערנביכל, נאָר אויך לויט די געזעצן פונעם אייגענעם שפּראַך־געפיל. די געזעצן פונעם קינסטלערס אייגענעם שפּראַך־געפיל און שאַפונגס־שוווּנג דערהייבן די בלשנים אַ דור שפּעטער צו דער פלאַטשיקייט פון גראַמאַטיקאַלישע נאָרמעס און פּענטען מיט זיי הענט־און־פיס פון אלע שרייבערס — שטוב־חיות, וואָס שמעקן אין וואלד אַריין איז פאַר זיי אַ סכנה.

די רײַכקייט פון אליעזר שטיינבארגס שפּראַך האָט אין דער הײַנטצײַטיקער יידישער ליטעראַטור קיין גלייכן ניט. דורות יידישע פילאָלאָגן וועלן זי שטודירן און דורות יידישע שרייבער וועלן ביי איר גמילות־חסדים לײַען. שטיינבארג פאַרמאָגט דאָס פאָלקלאָריסטישע עשירות פון משה נאַדיר און דערצו די למדנישע שפּראַך־בקיאות פון תורה־שבכתב. שטיינבארג קען ווי בערגעלסאָן דעם סוד פון צימצום און פינקלט איבערדאָס מיט אלע חן־פינטעלעך פון פּאָעטישער בארעדעוודיקייט. ער איז אין זײַן שפּראַך ברייטלײַוונטיק און אַנדנאָיש ווי שלום־עליכם, פאַרשטייט אָבער זיין שפּראַך צו דיסציפּלינירן מיטן כישוף פון זיין מעטריק. שטיינבארג איז בלי־שום־ספק דער אָריגינעלסטער יידישער גראַמענמייסטער. צו דעם טעזיס האָט זיך דער׳ייענט אַפילו מלך

דאָס ב י ס ל זאַלץ צו דער „יושקע", נאָר פאַרקערט, דאָס ס אַ כ ל זאַלץ, וואָס מאַכט די „יושקע" נישט צום עסן. סע וואָלט אונדזער אַביסל שוין צו לעזשערער שפּראַך לחלוטין ניט געשאַדט, ווען אירע ליטעראַטן וואָלטן זי ווייניקער אַרומגעפירט אין גראַ־מאַטיקאַלישע בינדווערטער־פּאָסטאַלעס און זי אָפטער געלערנט גיין אינעם עלעגאַנטן לאַק־שיכל פונעם געצוימטן זאַץ און גלאַטן פערז. סע וואָלטן דערפאַר אַ סך און אַ סך יידישע ליטעראַטן געטון אַ טובה זיך און זייער שאַפונג, ווען זיי וואָלטן, אָנשטאַט צו שרייבן בייזווייליקע רעצענזיעס וועגן שטיינבארגס משלים, גוטווייליק געלערנט די משלים אויף אויסנווייניק.

וועגן משל

דער מענטשלעכער געמיט אַוועקגעשטעלט פנים אל פנים מיט דער נאַטור דערפילט אַ טיף באַדערפעניש, אַז אַלץ וואָס ארום אים זאָל רעדן, זאָל זיך מיט אים דורכרעדן, כדי אַזוי ארום צו פאַרמינערן זיין עלנטקייט, זיין איינזאַמקייט אויף דער ערדס ווייטע שטחים. „האזינו שמים וארץ" איז דער אויסגעשריי פונעם מענטשן, וואָס שרייט אַזוי אין זיך אַריין די געאַנטע קולות און קלאַנגען פון חי, צומח און דומם און פאַרזאַמלט אַלע לעבעדיקע און טויטע באַשעפענישן אַרום זיך, כדי זיך צו קענען דערהאַלטן אויפן אויבערפלאַך פון אכזריותדיקן לעבן.

ווען די אַלע אויפגענומענע קלאַנגען און קולות רעדן אַרויס פונעם מענטשן, ווען זיי רעדן פאַר זיך און מיטאַנאַנד, ווען גאָט פונעם גאָרטן־שאָטן אַרויס האַלט אָפּ זיין דיאַלאָג מיטן מענטש און מיט דער פון אים אַרויסרעדנדיקער שלאַנג, דעמלט ווערט ניט נאָר געבוירן דער מיטאָס, נאָר אויך דער משל. משל איז אַזוי אַרום ניט די מענטשלעכע שפּראַך פאַר דער חיה, נאָר אַלע שפּראַכן פון דער קרעאַטור פאַרזאַמלט אין מענטשן.

*

דער גערעדטער אָדער שטומער דיאַלאָג פון מענטש מיט קרעאַטור פירט צו דער געבורט פון דעם פעסימיסטישן געפיל: רחמנות. אין רחמנות שפּיגלט זיך דער סענטימענט פון נישטיקייט, לגבי די ניט צום דורכדרינגען טונקעלע סודות פון דער הויה.

רחמנות לעשט דאָס פייער פון די שטורמישע פּראַגעס נאָכן „פּאַרוואָס״ און „צוליב וואָס״, רויבט אָבער אויך די פרייד און דעם בטחון פון לעבן.

דער שפּראַך־באַריר מיט די באַשעפעניש, וואָס באַפּעלקערן די ערד און די פּאַנטאַזיע שרומפּט איין דעם געזונטן לעבנס־אינסטינקט פונעם יחיד, דערהויבט אָדער דערנידריקט אים צו דער ראָלע פון אַ שטענדיקן בעל־תפילה פאַר פרעמדע זינד.

אַזוי איז צו פאַרשטיין דער סניגור לוי יצחק באַרדיטשעווער, וואָס זיין דיאַלאָג־באַלאָדענע פּאַנטאַזיע טראָגט אים אַרום פון איין פּאַרטיידיקונגס־באַנק צו דער אַנדערער אין די אַלע קליינע און גרויסע דין־תורהס פון גאָט, מענטש און טייוול.

אַזוי איז צו פאַרשטיין, וואָס

„זיצט ביי זיך אין צימערל ר׳ לייזערל דער קליינער,
רעדט מיט זיך אַליין ער.
פרעגט ער ביי זיין אומעט:
— וואָס איז איינער? —
הערט ער ווי א פליג אין אויער זשומעט:
— איינער איז דאָך קיינער!״ (א׳ שטיינבאַרג: מעשאָלים I, ז. 246).

*

אויפן פּאָן פון אָט דעם נישטיקייטס־סענטימענט, וואָס איז צו דער זעלבער צייט די מוטער און דאָס קינד פון רחמנות, ווערט געבוירן שטיינבאַרגס סאָציאַלער מאָטיוו.

אויפן טרויעריקן פּיעדעסטאַל פון „איינער איז קיינער״ שטעלט אַוועק דער אומענדלעכער רחמנות צום באַשעפעניש דעם מאָנומענט פון האַנט אין האַנט־ און אַקסל ביי אַקסל־ געשמידטער סאָלידאַריטעט. אויסגעכאָוועט אין די ווייכע נעסטן פון באַרמ־האַרציקייט ווילט די סאָלידאַריטעט, ווי באַלד זי דערפילט איר אייגענעם כוח אויך אירע אייגענע כלי־זין. איר כלי־זין ביי שטיינ־

בארגן — „אומרחמנותדיקע״ סאַטירע. עס איז לוי יצחק באַר־דיטשעווערס דין־תורה אַריבערגעטראָגן פון דער הימלישער פאַנ־טאַסטישקייט אויפן ערדישן פּראָנט פון מענטשלעכע באַגעגענישן.

*

דער מוסר־השכל איז ניט בויטיק, ווייל שטיינבאַרג אָפּע־רירט ניט מיט א ליטעראַרישן זשאַנר, וואָס מוז צוגעשפּיצט ווערן צו נ׳אַ פּאָנטע, צו נ׳אַ „גוטן וויץ״. דאָס שטיינבאַרגישע משל איז געגליכן צום דיאַלאָג פון האָמערס העלדן, איידער זיי נעמען זיך צום אייגנטלעכן דועל אין אָנגעזיכט פון די טויזנטער אַרײַנגע־בויערטע אויגן און צאפּלענדיקע הערצער. העקטאָר און אַכילעס וואַרטן ניט אויפן רעזשיסאָרישן „שטיכוואָרט״ כדי אָנצוהייבן דעם קאַמף.

יעדער זאַץ, יעדעס וואָרט קען זיין דער אַרײַנפיר, דער אָנהייב און דער תוך אַליין. דער דועל מיטן שווערד איז ניט דער רעזולטאַט פון זייער דיאַלאָג, נאָר א טייל פונעם וואָרטגעפעכט. שטיינבאַרגס משל — דאָס איז דער העלדישער וואָרטגעפעכט מיט זיך, מיט גאָט און מיט דער וועלט.

מנחם מענדל־וואַריאַנטן

(רעפלעקסיעס און דערמאַנונגען)

איך מיין נישט די וואַריאַנטן פון שלום־עליכמישן מאַנו־סקריפּט. איך ווייס ניט צי אַזעלכע געפינען זיך אין שלום־עליכמס ליטעראַרישער ירושה. און אויב אפילו יאָ, מיר קענען אין דער ליטעראַטור נאָר איין מנחם מענדל, יענעם קיין יעהופּעץ פאַרוואָרפענעם יידן, וואָס האָט זיך לויט שלום־עליכמס מייסטערהאַפטן בריוונשטעלער איבערגעשריבן מיט זוגתו שיינע שיינדל פון קאַסרילעווקע.

ווען איך רעד דאָ דאָך פון מנחם מענדל־וואַריאַנטן מיין איך גאָר עפּעס אַנדערש. איך האָב אין זינען די אין די הונדער־טער טויזנטער גייענדע גאַלעריע פון לעבעדיקע מנחם מענדל־מאָדעלן. די מאָדעלן, וואָס איינער פון זיי האָט זיך אין שלום־עליכמס שעפערישער פאַנטאַזיע קינסטלעריש איבערגעקאָכט און געוואָרן דער וועלטבאַרימטער ליטעראַרישער העלד. הייסט עס, אַז איינער פון די אומצאָליקע מאָדעלן איז דורך דער פּראָ־טעקציע פון א גרויסן דיכטער עולה לגדולה געוואָרן. און די איבעריקע, די אַנאָנימע, די אומבאַקאַנטע זעלנער וואָס האָבן ניט ווייניקער ווי יענער קאַסרילעווקער תושב מקריב געווען דאָס בלוט פון זייערע טרוימען, דעם מאַרעך פון זייער דינאַמיק אויפן מזבח פונעם גרויסן פאַטערלאַנד: חלום?

מ׳זאָל מיך גוט פאַרשטיין: דאָס לעבן פון א קיבוץ איז מיט

טויזנטער און אָבערטויזנטער קייטן און קייטעלעך צוגעקאָוועט צום גליוער, אָבערטויזנטער פלעקן און טונקלקייטן פאַרשטעלן דעם האָריזאָנט פאַר די אויגן. יעדער יחיד קעמפט לויט זיינע כוחות אָפּצובינדן זיך פון גליווער, ראנגלט זיך פאַרן פדיון שבויים פון די האָריזאָנטן. רייסט דער איבער א קייטל, ווישט יענער אָפּ א פלעק און אויף ביידע פאלט ניט די שיין פון גלאָריע. די באפרייער און אויפהעלער בלייבן אין דער פינצטערניש פון אַנאָנימקייט.

דאָך! דער אַנאָנימאַט ווערט צומאָל אויפגעדעקט. אַ קינסט־לער־שעפער זאַמלט אויף די העלדישע חלום־פּייערלעך פון איין, צוויי, צען מאָדעלן, גיסט זיי אַריין אין איין געשטאלט און שאפט דעם טיפּוס פון א בעל־חלומות. א טיפּ! אָבער וויפל פונקען גליען מחוץ פונעם טיפּיזירטן חלום? וויפל מענטשן בלייבן שטיין מיט זייערע טרוימען אין דרויסן פון דער קרעאירטער געשטאלט, בלייבן שטיין באליידיקטע ווי פארמאטערטע גרויס־שטאָט־פּנימער פאַר אַ איבערפולטן טראַמוויי. עס וואַרטן מענטשן ביי דער סטאנציע. דער טראַמוויי לויפט פארביי און פאַרשעמט מיט זיינע פאַרמאכטע טירן די, וואָס האָבן קיין פּלאַץ ניט געפונען.

די מעלה פון קינסטלערישער טיפּיזירונג איז, וואָס זי נעמט אַ סך, זייער אַ סך אַרום, אָבער איר חסרון, וואָס זי לאָזט נאָך מער אין דרויסן. זי זאַמלט צונויף, שטעלט אויס און שאַפט סדר לויט אַ אייגענעם קינסטלערישן רעגולאַמענט. אָבער וויפל אומ־גערעכטיקייטביים אויפזאמלען, ביים אָפּשאצן די גרויס און וויפל אומאָרדנונג בלייבט צוריק אויף יענער זייט פונעם קינסטלער געשאפענער אָרדנונג?

עס געוועלטיקט דער טיפּוס, עס גייט פאַרלוירן דער מענטש. איין טאָפּאָגראַפישער פונקט האָט באַקומען אויסשפּרייטונג אין רוים. טויזנטער אַנדערע פונקטן פאַרזינקען אין געאָמעטרישן גאָר־נישט. עס בליט דער מנחם מענדלישער חלום אין שאָטן פונעם

גרויסן שלום־עליכמישן בוים, זיינע וואַריאַנטן וויאנען אין ליכט פון זייערע אייגענע זונען.

אַ מענטש אָן אַ שאָטן איז ביים מלאך המות אין דער העגט; אַ אַנעקדאָט אָן אַנדערע ארום אים, וואָס זענען די אייגענע, נאָר ווערן אַנדערש דערציילט, ווערט סקוטשנע און שטאַרבט פון טשעכאָטקע; אַ חלום ניט אַרומגערינגלט מיט צען אַרום זיך כמעט די זעלבע, ווערט צערונען פאַר איינזאמקייט און אומ־היימלעכקייט; אַ ליטעראַרישע געשטאַלט ניט אַריינגעשטעלט אין קאַראַהאַד פון הונדערטער באַשריבענע יחידים, וואָס זאָלן אַרום איר טאַנצן ווי צווערגן בהקיץ און איר ניט לאָזן צומאַכן אַן אויג, אַזאַ ליטעראַרישע געשטאַלט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאָ־נומענט. זי בלייבט גרויס, מאָנומענטאַל אָבער פאַרשטיינערט.

מנחם מענדל מוז באַהיט ווערן פאַר מאָנומענטאַלישקייט: ס'מוזן געשאַפן ווערן ארום אים די חלום־קאַרליקעס, וואָס זאָלן פאַר אים טאַנצן און האַלטן וואַך זיין גרויסן חלום פון לעבנס־דינאַמיזם. יעדער יידישער שרייבער האָט געקענט אַ מנחם מענדל — דעמזעלבן נאָר אַביסל אנדערש, וועלכן ס'איז כדאי ארויסצוציען פון בן־בלי־שם־ישקייט, אים צושטעלן צום טאַנצראָד אַרום גרויסן חלום־מאָנומענט.

*

איך האָב אויך געקענט אַ מנחם מענדל. ניט מיך האָט ער אודאי געמיינט איך זאָל אים באַשרייבן. נאָר במקום שאין איש ווערט זיך מיין בן־עיר, וואָס האָט זיכער פאַרדינט, ערלעך פאַרדינט דאָס פורפור־קלייד פון קינסטלערישן סינטעז, מוזן באַגנוגענען מיטן וואָכעדיקן שפּענצער פון א פּאָר פראָזאאישע דערמאַנונגען.

מיין מנחם מענדל האָט געהייסן מאָטל און גערופן האָט מען אים מאָטל פּאָניע. ווייל הגם ער האָט פאַרלעבט אַלע זיינע יאָרן אין א גאַליצישער שטאָט אונטער לעמבערג, איז ער אָבער געבוירן געוואָרן און בר־מצוה געפּראַוועט אין טאָלטשין

לעבן קיעווי ער איז געווען, האָב איך געזאָגט, א רוסישער און א רוסישער האָט פאַר א באַלעבאָס אין א גאַליצישער שטאָט געהאט אָט וועלכע סימנים: ראשית איז ער א צלם־קאָפּ, וואָס א פּאָניע קען צוניפשטעלן די וואַנט מיט יענער וואַנט. שלום עליכם אליין איז דען ניט קיין רוסישער? וואָלט א גאַליצישן ייד גאָר געקענט איינפאלן אָנצושרייבן אַזעלכע מעשיות?

והשנית: א פּאָניעשער ייד האָט פּרנסה בהרחבה און איז אָנגעשלאָגן מיט געלט, באַרעכנט נאָר וואָס א רוסישער צאָלט אַוועק כּאַבּאַר איבערן יאָר, פון דעם כאַבּאַר אַליין וואָלטן ביי אונדז גאנצע צען משפחות געקענט שיין לעבן.

אַז מאָטל פּאָניע איז אַראָפּגעקומען אין דער גאַליצישער שטאָט ווי א יונג איידעמל אויף קעסט, האָט ער פאַרמאָגטביידע סימנים פון א רוסישן ייד. ער האָט געקענט צוניפשטעלן די וואנט מיט יענער וואנט און איז געווען אָנגעשלאָגן מיט זילבערנע רובל. דער גאַליצישער שווער האָט צוגעלייגט צו די צאַרישע רובל א מנה יפה מיט קירה׳שע רייַניש כסף, אזוי אַז יידן האָבן געהאַט וואָס צו טון. זיי האָבן געשאצט יאַנקל חלפינס נייעם איידעם אויף כמה וכמה. וועגן "כמה" האָט מען זיך אַ היבש ביסל געהיצט און דערנאָך זיך אזוי אָפּגעקילט, אַז מ׳האָט זיך איינער דעם אנדערן קוים געזאָגט גוט מאָרגן.

דאָס געלט האָט מאָטל באלד אָנגעווירן. האָט דען געקענט אנדערש געמאָלט זיַין, אַז ער האָט געוואָלט גיך, וואָס גיכער פאַרטאָפּלען, פאַרצענפאַכן זיַין פאַרמעג? ער האָט זיך אַ ווארף געטון מיט התלהבות האנדלען מיט פּראָצענט, און איז דאָס געווען פאַר אים אַוועקצולייען דעם אַביסל און יענעם אַביסל און נאָכצולויפן נאָך מיזערנע פאָר גראָשן עסקא? אמת, מיט קליינער עסקא איז מען זיכער, אָבער עשירות וואַקסט אַרויס פון ריזיקע. ריזיקע איז אַ לייטער צום הימל, זיכערקייט פויזעט ווי אַ וואָרם אויף ד׳רערד.

ער האָט אַוועקגעליגן דאָס געלט בנימין רופא, ווייל ראשית

איז ער אַ אָפּגעמער אויפן גאַנצן און והשנית צאָלט ער צוויי מאָל אַזויפיל פּראָצענט, און ס'איז נאָך דאָ אַ והשלישית אויך. דער והשלישית איז, וואָס הגם מאָטל האָט עס ניט פאַרלאַנגט (אפשר האָט ער ביי זיך אין האַרצן דערפון געטראַכט) האָט בנימין אַליין צוגעגעבן, אַז פאַר שערן וועט מאָטל מיט די קינדער ניט דאַרפן צאָלן און טאָמער חלילה אַ צאָן שלעפן, וועט עס אויך זיין אומזיסט. מאָטל איז געווען גליקלעך. די מעשה מיטן אומזיסטיקן שערן האָט אים בעשיינפּערלעך געוויזן, אַז ער האָט צו טון מיט אַ ייד, וואָס קאַרגט ניט דעם גראָשן און פאַרשטייט זיך וויאַזוי צו באַנעמען מיט מענטשן.

פונעם קרן איז מאָטל פּטור געוואָרן. קיין גראָשן עסקא האָט ער אויך קיינמאָל ניט געזען, אָבער דערפאַר האָט בנימין געהאלטן וואָרט בנוגע דער הוספה צום פּראָצענט: ער האָט אומזיסט געשוירן און פאַרקערט, דער וואָס האָט ניט פונקטלעך איינגעהאלטן דעם תנאי איז געווען מאָטל. וואָרום אויסגענומען האָט מען זיך בפירוש: נאָר מאָטל מיט די קינדער, און געשוירן האָט זיך די גאַנצע משפחה: פלימעניקעס און געשוועסטערקינדער און סתם קרובים. און ניט נאָר די משפחה. מאָטל דאַרף געבן אַ נדבה און האָט ניט ביי זיך, שיקט ער דעם אָרימאַן זיך כאָטש אָפּשערן ביי בנימינען. דער געוועלבער מאָנט צודרינגלעך אויף דעם חוב, בעט זיך מאָטל אָפּ און שיקט אים דערווײַלע זיך אומזיסט אָפּשערן.

דערמאנט ניט מאָטלס טראַנזאַקציע מיט בנימין רופא אָן שימעלע סאָראָקערס קאָנטראַקט מיט די קינעמאַטאָגראַף־סוחרים?

ביידע זענען זיי נאָכגעלאָפן אַ חלום און ביידע זענען זיי נכשל געוואָרן, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַ נאַש טון פון די מיט „קלוגשאפט״־פאַרסמטע ווירקלעכקייטס־קלייניקייטן. שימעלע האָט ביי זיין תמימות אַראָפּגעגנבעט די פרייַע בילעטן און מאָטל האָט ביי זיין פאַרגלויבטקייט צוגעלקחנט דאָס אומזיסטע שערן.

שלום־עליכם׳ס שימעלע סאָראָקער און דער בן־בלי־שם מאָטל פּאָניע זענען ניט קיין טיפּן נאָר שטערבלעכע מענטשן מיט פֿייַער־רגע׳ס פֿון טרוים אין האַרצן.ביידע וואַריאַנטן־רגע׳ס, וואָס זענען ניט אַרייַן אין דעם קייַלעכיקן מנחם מענדלעשן חלום־מעת־לעת.

וועגן מאָטלען וואָלט מען נאָך דאָ געקענט דערציילן, אַז ער האָט פֿאַרן קרן, פֿאַר זייַן קרן געצאַפּט ביי בנימין רופא בגונים, זיסע נגונים, האַרץ־דערקוויקנדיקע נגונים און — איז געווען צופֿרידן. אָבער דערמיט פֿאַלט שוין מאָטל אַריין אין גדר פֿון פּרצישע העלדן און איז נאָר אַ ראיה (די אַזויפֿילטע ראיה!) אַז שלום עליכמס לירישער הומאָר און פּרצעס גייסטיקע פּאַטע־טיק האָבן אין גאַנצן פֿון די אַנאָנימע לעבעדיקע מאָדעלן געווינט פֿריידלעך באַנאַנד. פֿרידלעכער ווי די אומשטערבלעכע ליטעראַ־רישע העלדן און זייערע מייסטערס־באַשאַפֿערס.

*

מנחם מענדל האָט געשפּילט אויף דער בערזע, מאָטל איז געווען אַרייַנגעטון אין דער לאָטעריע. ער האָט שטענדיק געזעצט אויף אַלע דרייַ נומערן — אויף אַ טערנע. ער האָט דורכגעוואָרפֿן אין קאָפּ די ציפֿערן, זיי מושטירט, צונויפֿגעשטעלט און צעוואָרפֿן, ביז דער אינסטינקט זייַנער האָט סודותפֿול צונויפֿקאָמבינירט: אָט דאָס זענען די דרייַ, וואָס קענען מנצח זייַן אין דער ווילדער שלאַכט פֿון צופֿעליקייטן. ס׳האָט אים מאָטלען פֿאַרכאַפּט די ליידנ־שאַפֿט אַרויסצוגעפֿונען דעם דינאַמישן צינדער אין דער ציפֿערן־קאָמבינאַציע, וואָס מאַכט עקספּלאָדירן דאָס בענגאַלישע פֿייַערל פֿון הויפּט־טרעפֿער. ניט וואָס צו געווינען, נאָר ווי אַזוי צו געווינען — דאָס איז דער עיקר. ער האָט געחלומט וועגן אַ פּאַטענט אויף ציפֿערן־אויפֿרייס. ס׳איז געגאַנגען וועגן אַרויס־וואַרפֿן אַ נייַעם אַרטיקל אויפֿן מאַרק, אַ אַרטיקל, וואָס ברענגט שפֿע און הרגעט אייַנמאָל פֿאַר אַלע מאָל אַוועק די קרעמערישע מיזערנעקייט פֿון פֿאַר אַ האַלבן גרייַצער הערינג.

און ער איז שוין געווען ביים ציל. אין איינעם אַ ווינטער־דיקן שבת איז ער פאַרבייגעגאַן לעבן דינע שטערנטאַלס טראַפיק און ס'האָבן איםב פונעם לאָטעריע־ברעטל אַראָפּ אַ מעהע געטון פאַר די אויגן זיינע ציפערן. זיי האָבן ענדלעך עקספּלאָדירט. ס'האָט אים געטראָגן אַהיים גיך, שנעלער ווי גיך צו דערציילן בלימע־לאהן, אַז ער האָט געטראָפן טירן, קליאַמקעס און שוועלן צעלייגן זיך ווי סטאַטעטשנעקייט אויפן וועג פון אויפברויז. ער האָט זיי אויסגעמיטן און אַ זעץ געטון אין פענצטער:

— בלימע לאה, כ'האָב געטראָפן מיטן ערשטן שאָס.

ער האָט זיך צעבלוטיקט די האַנט. בלימע לאה האָט פאַר שרעק געחלשט.

ס'האָט ווייזט אויס צו פיל געדויערט. אין טראַפיק האָבן זיך אין דערווײַלע די ציפערן געביטן. זיי זענען געווען זיינע. איצט זענען זיי כמעט זייַנע. אַ קליינער טעות ווי למשל צווישן 3 און 5, צווישן 9 און 0.

ס'האָט מנצח געווען דער אַנעקדאָט. ער לויערט תמיד אויף אַ פאַרבײַפליענדן חלום ווי אַ בייזער הונט פון אונטער אַ פּלויט. אונדז גייט אָבער דאָ ניט וועגן אַנעקדאָטישן פינאַל, נאָר וועגן חלום. גופא, זייַן ווונדערפלי, זייַן שווונג און זייַן דינאַמיק. האָט שלום עליכם ניט באַעוולה'ט, ביטער באַעוולה'ט מייַן בן־עיר מאָטל פּאָניע, ווען ער האָט די געשיכטע פון זיין לאָטעריע־שפּיל געלאָזט מחוץ פונעם מנחם־מענדלעשן טיפּיזירונגס־פּאַלאַץ?

*

אין מיטן שטאָט האָט זיך צעלייגט דער גליוועד. אַ שטייענערנער מאָנומענט פונעם דיכטער קאַרפּינסקי. ער שטייט מיטן פּנים געווענדט צו די גאַלאַנטערי־קלייטן, אין האַנט אַ פעדער און אַ בוך און... גלאָצט. אין זייַן קאַלטן ישוב־הדעת פרירט דער הייסער אימפּעט פון מענטשלעכער באַוועגלעכקייט אויף די גאַסן. ער איז דאָס בייזווונדער פון רו אינמיטן שטורעמדיקן געדריי

פון אַקטיוויטעט· ער איז דער אידיאָטישער חתן, מיט וועלכן
מ׳האָט געצוווּנגען חתונה צו האָבן די הייס־בלוטיקע רירעוו־
דיקע צייט·

די גאַנצע שטאָט האָט אים פיינט· אָבער די שנאה ווערט
געלאָשן פון רעזיגנאַציע· מער פון אַלע האַסט אים מאָטל פּאַניע-
זײַן פייַנטשאַפט קאָכט מיט אָנגרייף· די שנאה איז אַ קעגנזײַטיקע-
דער שטיינערנער באָק איז געוואָרן די מאָס, מיט וועלכער מ׳מעסט
זײַן פאַנטאַזיע, ער איז דאָס בלײַ, וואָס מ׳הענגט אָן אויף די
פליגל פון זײַנע פּלענער·

— איזט געווינען אַ טערנע, ווען קאַרפּינסקי וועט זיך אַ
ריר טון·

— וואָס האָסטו ניט קיין צייט? לערן זיך בײַ קאַרפּינסקין·
ער האָט צייט! — אַזוי רעדן צונ׳אים דאָס ווייב זײַנס און
מיושבע גוטע פריינט·

אים אַליין דאַכט זיך צומאָל אויס, אַז די קינדער זײַנע
שטייען פאַרתם׳טע, ווי קאַרפּינסקי·

— וואָס שטייסטו ווי קאַרפּינסקי אין מיטן מאַרק? צעשרײַט
ער זיך ניט איינמאָל צו א קינד זיינעם און פילט וואַקסן אין
זיך א שנאה צו זיין אייגענעם בלוט און פלייש, וואָס האָט
פאַראָטן דעם אייגענעם טאטע צוליב עפּעס א שטיינערנעם באָק·

מאָטל איז דער איינציקער אין שטאָט, וואָס גלויבט ניט אין
קאַרפּינסקיס אומבאַוועגלעכקייט, ער גלויבט ניט, ווייל ער פאַר-
שטייט ניט וויאַזוי מ׳קען שטיין אויף איין אָרט, שטענדיק, תמיד·
אים איז פאַרגליווערטקייט אָרגאַניש פרעמד·

קאַרפּינסקיס גליווער איז א פאַרשטעלעניש· מאָטל לויערט
מיט זיין פאַנטאַזיע אויף קאַרפּינסקיס באַוועגלעכקייט, ווי די משה-
ל־עגענדע אויף פרעהס מענטשלעכקייט·

געזיגט האָט מאָטל· אין איינער א נאַכט, ווען די נאָנטע באַן
האָט אכזריותדיק גערעדערט די שטאָטישע הויפּטגאס — האָט

465

קאַרפּינסקי א ציטער געטון. קיינער האָט עס ניט געזען אַ חוץ מאָטלען.

זיין פאַנטאַזיע האָט זיך נוקם געווען אָנעם שטיינערנעם גולם. זי האָט אים א ריר געטון פון אָרט און איבערגעלאָזט פאַר די יונגערע דורות א איראָניש ווערטל: אַז די באַן פאָרט טרעסעט זיך קאַרפּינסקי אין מאַרק. נאָר א איראָניש ווערטל? ניין! א פּייערצונג פון פאַנטאַסטיק, וואָס טאָפּעט די ווירקלעכקייט און איר גליוועריגע. א נייעם שם־המפורש פון באַלעבונג. ניט קיין פּאַטעטיש־פּיינפולער וואָס אַנטפּלעקט זיך אויף די הויכע בערג פון קאַלטער געדאנקלעכקייט, ווי אין דער מהר״ל־לעגענדע, נאָר א ליריש־פאַרחלומטער, וואָס איז צו געפונען אויף די באַגרינטע טאָלן פונעם פאָלקס־געמיט. א ספּיראַל אין דער ווונדערלעכער געמיטס־ספּרינזשינע, וואָס איז דער כוח הדוחף פאַר דעם טיפּי־זירטן מנחם־מענדלעשן טרוים און דינאַמיזם.

*

דער טויט איז ניט מער ווי אַ עפּיזאָד אין דער לעבנס־אַקטיווי־טעט. דער עפּיזאָד פאַרמאָגט זיין אייגענעם טעאַטראַלישן אימפּעט און פון שטייגער אייגנס צוגעטראַכטע פאַסיקע דעקאָראַציע. גיך און אימפּעטיק מוז אָפּגעשפּילט ווערן דאָס טויט־סצענקאַלע, ווייל אימפּעט איז דער געברויז פון בלוט, דער סימן מובהק פון אַקטיווקייט.

אַ מענטש ראַנגלט זיך מיטן מלאך המות. איז וואָס גיכער פאַרטיק ווערן. רעפּליק און דופּליק. ער דיר אַ קלאַפּ אין קאָפּ, דו אים אַ האַק אין די ציין. די צייט שטייט ניט. די פאַנ־טאַזיע אודאי ניט.

— שלום בער גראַלניק האַלט שוין דעם פערטן טאָג אין איין גוססן. ס'איז דען אַ מענטש? ס'איז אַ בארעם האָלץ!

אַזוי האָט זיך מאָטל געבייזערט פאַר זיין בלימע לאהן.

בלימע לאה האָט דערפון געדרונגען, אַז בעל־ה היקר איז עפּעס אַ נישט גוטס, דעם מלאך המות אַ שתדלן.

און פונקט פאַרקערט: מאָטל איז געווען דעם טויטס געפערלעכסטער שונא, געפערלעכסטער, ווייל תחית המתים איז פאַר מאָטלען ניט געווען אַ פאַרטרוקנטע האָפענונגס־פלאַנץ פונעם סידור־הערבאַריום, נייערט אַ שטענדיק וואַכע וויזיע פון זיין געמיט. זיין פון סטאַטיק אָפגעווענדטע פאַנטאַזיע האָט אריינגעוואָרפן אין איין קאָכקעסל פון באַוועגלעכקייט און פאַרשמייעטקייט אי דעם מאַרק און אי דעם בית־עולם.

פון זיינע שבת־נאָכמיטאָגדיקע שפּאַצירגענג אויפן בית־עולם האָט ער אַהיימגעבראַכט נייעסן, צאַפּלדיקע נייעסן. ניט נייעסן געהערטע פון אנדערע, וואָס זענען אָפּט ניט מער ווי ביז צו קאָנווענציאָנעלע רייד פאַרבלאַסטע צופעליקייטן, נאָר ממש דראַמאַטישע קאָנפליקטן אין פלאגראַנטי דערטאַפּטע. קאָנפליקטן צווישן קברים, קאָנפליקטן וואָס זענען המשך פון לעבן, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין רו. ס׳איז נאָר דאָ אייביקער קאָך און צונויפשטויס.

— משולם קראַטקע האָט זיך מיט דער מצבה ארויפגערוקט אויף חיימל האַלבערשטאַם. ס׳שטייט אים אָן די שכנהשאַפט. פונדעסטוועגן וועט ער אים דאָס יאָר אויך אויסדונגען די מיל.

— הערש פּוזער איז זיך צעגאַנגען מיטן ווייב. זי ליגט אויף יענער זייט פונעם בערגל. זי וויל ניט דעם שידוך מיטן קראָקעווער כניאָק.

— אַזעלכע און אנדערע חדשות האָט מאָטל געבראַכט. אלע אָפּקלאַנגען און דראַמאַטיש צוגעשפּיצטע המשכים פון פאַר־טויט־געשעענישן.

פּרצעס מתים פון „בייגאַכט אויפן אלטן מאַרק״ האָבן זיך פּאָלקלאָריסטיש פאַרזאַמלט אין דער טונקלקייט פון נאַכט און מחוץ פון זייערע קברים, כדי צו קענען א שפּיל טון מיט די פונעם קינסטלער אָנגעצונדענע לעבנס־פייערלעך. מאָטלס פאַנטאַזיע האָט דינאַמיט געוואָרפן אין די קברים און דאָרט אויפן פעלד פון

דו געלאָזט אויפרייסן די צערודערטע מענטשלעכע אַמביציעס און ליידנשאפטן. זיין טואונג איז ניט די פון קינסטלערישער כונה געצוימטע געשטאלטונגס־באַדערפעניש, נאָר סטיכיש אויפגעשוימטע פאַנטאַזיע פון א פאָלקסמענטש, וואָס יאָגט זיך נאָך דינאַמיק צוליב דינאַמיק. כדי צו פאַרברייטערן דעם שטח פון מאַרק־לע־בעדיקייט, אַפעלירט מאָטלס פאַנטאַזיע צום בית־עולם, ציט אים אַריין אין גבול פון איר דינאַמישקייט און שפאנט איין זיינע טויטע באַוווינער אין געלאף פון אומאויפהערלעכער באַוועגלעכ־קייט. פאַראַדאָקס? יאָ! און... מנחם־מענדליש! א וואַריאַנט צום פערפעטואום מאָבילע פונעם מנחם־מענדלשן געמיט.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

(צו זיין 70טן געבוירנטאָג)

I.

צו זיין יובל זאָל עס געזאָגט ווערן: אונדזער באַציונג, די באַציונג פון דער יידישער אינטעליגענץ פון אונדזער דור צו ד״ר זשיטלאָווסקי איז שטאַרק ענלעך אויף דער זעלישער באַהעפטקייט פון א זון צו זיין מאַמען. אין זיין צאַרטער קינדהייט איז דאָס יינגל אָנגעוויזן אָרגאַניש אויף דער מוטערס הילף און ליבשאַפט. זי, די מאַמע, איז די לערערין פונעם יינגלס ערשטע טריט אין לעבן. ווען דאָס צאַרטע ווייכע קינד צעבליט זיך דערנאָך צו א שאַרפקאנטיקן יונגלינג און עס הייבן זיך אָן אויספיקן די ערשטע סימנים פון אייגענער פערזענלעכקייט, ווערט די באַציונג צו דער מוטער אַן אָפּגעקילטע, אַ קריטישע. דער מאַמעס ליבע איז דעם יונגלינג פריקרע, איבריק. באַפרייען זיך פון איר איז פאַר דעם נאָך ניט אויסגערייפטן פליער און שטורמער אידענטיש מיט... פערזענלעכער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. דער שווערער קאַמף פאַר מאַטעריעלער און גייסטיקער עקזיסטענץ זאַמלט אָן ביטערע לעבנסדערפאַרונג אינעם אויסגערייפטן מאַן, קאָנסאָלידירט זיין געמיט און באַהעפט אים אויפסניי זעליש מיט דער מוטער.

ווען אין סאמע לעבנסמיט, אין וועלכער ס׳געפונט זיך אונדזער דור, מיר ווארפן א בליק אויף אונדזערע איבער 20 יאָר באַוווסט־זיניקע זשיטלאָווסקי־יאָרן, אין משך פון וועלכע מיר האָבן

אָרגאַניש געשלונגען זיין „געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע״ אַלס די איינציקע פילאָסאָפיע פון אונדזער לעבן, זיך גענערט מיט יידישיזם און זיין סאָציאַליזם אלס עקסקלוזיווע גייסטיקע אידעאַלן און דערנאָך זיך קאלט אָפּגעווענדעט פון אים, ווייל ער איז נאָר אַ „פּאָפּולאַריזאַטאָר״ און גייט ניט אין שפּאַן פון די פּאַר־גיכערטע סאָציאַלע רעאַליזירונגען; ווען, זאָג איך, מיר קוקן היינט אויסגערייפטע צוריק אויף אונדזערע חדר־יאָרן ביי זשיטלאָווסקין, וואַקסט פאַר אונדז דער נאָמען פון אונדזער רבין אויס צום שם־הכולל פון אונדזער גייסטיקן אויפשטייג, צו דער „אם כל חי״ פון אונדזער באַוווסטזיניקן לעבן אלס מענטשן און יידן.

און ווי זין אין די מענערישע יאָרן צו זייערע מאמעס קערן מיר זיך אום פול ליבשאפט און דאנקבאַרקייט צו זשיטלאָוו־סקין — די וואַרעמע נעסט פון אונדזער געדאנקען־באַגינען. דאָס גרינע פעלד פון אונדזער גייסטיקן זיך אויסבריקן, די עק־לעקטישע שפּייזע־קאמער פאַר די סינטעטישע זוכענישן פון אונדזער דורי.

II.

ווען אין די נייינציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט האָט געבושעוועט אויף דער יידישער גאס די סימפּליסטישע פאָר־מול פון קאָסמאָפּאָליטיזם, אַלס „היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונג״ פונעם סאָציאַליזם, ווען דער ציוניזם האָט זיך באַוויזן אין זיין „העברעאישן אַסימילאַציע־מענטאלע״ אונטערגעגאַרטלט מיטן עסט־רייכישן ליבעראַליזם פון זיין באַשעפער, וויפל האָט געפעלט ס'זאָל אויפוואַקסן אַ דור מיט גרויסע מענטשלעכע דערלייזונגס־אידעאַלן, וואָס זאָל צו דערזעלבער צייט זיין דער תלין פון דער אייגענער נאַציאָנאלער קולטור־פאָרמאַציע? ווי ווייט איז עס געווען דערפון, אַז דאָס העברעאישע מענטאלע פון אסימילאַציע, פון אַ ליידנשאפטלעך אויפגעבראָכענעם נאַציאָנאַליזם, זאָל אַוועק־הרגענען אַ גענעראַציע, איבערייסנדיק דעם נאַטירלעכן צונויפבונד אירן מיט די קאָנקרעטע יידישע מאַסן אין מזרח צוליב דער

חלום־אַבסטראַקציע פון א מעריב־אייראָפּעישן יידישן טרוימער? באַלערנדיק איז אין דעם פּרט דער שמועס צווישן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און ד״ר הערצל אין באַזעל, ביי וועלכן דער לעצטער האָט אַלס רעזולטאַט פון זיין אוידיענץ ביים רוסישן מיניסטער און תלין פּלעווע געפאָדערט פון ד״ר זשיטלאָווסקין אָפּצושטעלן די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט צווישן די רוסישע יידן.

סימפּליסטישע פאָרמעל — אזוי האָט געזען דאָס יידישע לעבן דער אוטאָפּיש־טרוימערישער ציוניזם און אפילו אויך דער וויסנשאַפטלעך־מאַרקסיסטישער „בונד״.

ווי אנדערש זשיטלאָווסקי! און דעמלט נאָר א יחיד, סיי אין די רעוואָלוציאָנערע צירקלען פון דער שווייץ, סיי דערנאָך אין אַמעריקע פון „פאָרווערטס״ און אייב. קאַהאַניזם! אַנשטאַט א פאַרטיקע פאָרמעל האָט ער אונדז געבראַכט דעם אַנאַליז, דעם ווייטעקלעכן אַנאַליז פון דער גאַנצער יידישער לעבנס־פענאָמענאָלאָגיע, אַנשטאַט אַ, אין לאַטייניש פּסוקים, פאַרגליווערטן רעצעפּט — אונדז געלערנט פריי דענקען.

דער גרעסטער אויפטו פון זשיטלאָווסקין איז בלי שום ספק דאָס, וואָס ער האָט געוואַגט פריי צו דענקען ניט נאָר וועגן אָפּגעלעבטע לעבנס־פאָרמען (דאָס אפּיקורסות איז שוין געווען באַנאַל), ניט נאָר וועגן דער קעגנוואַרט, נאָר אויך (און דאָס איז געווען דאָס נייע!) וועגן וויסנשאַפטלעך־פעסטגעשטעלטע, מיט מסירת־נפש פאַרטיידיקטע צוקונפטס־אידעאַלן. און ווייל ער האָט געהאַט דעם מוט דערצו, איז ער טיילמאָל דערגאַנגען, אַז אונדזערע פּראָגרעסיסטן האָבן אין אַ סך פּרטים איבערגעכאַפּט די מאָס, אָבער אָפט איז ער אויך ווייט אַוועקגעשפּאַנט פאָרויס אין געדאַנק, אַזוי, אַז אונדזערע ראַדיקאַלן האָבן ערשט מיט יאָרן שפּעטער געקענט נאָכקומען.

אָטאָ בויערס בוך „די סאָציאַלדעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1907 איז באַלד געוואָרן דער גייסטיקער קנין פון אלע סאָציאַליסטן און

אויך פון די אויף דער יידישער גאס· הגם בויערן איז געלונגען צוצופאסן דאָס נאַציאָנאַלע שטרעבן פון אלע פעלקער צום סאָציאַ־ליסטישן שולחן־ערוך, איז ער די יידיש־נאַציאָנאַלע פראַגע אָפּגעקומען אויף איין מיט פעטיט־אותיות געדרוקט זייטל דער־מיט, וואָס די ליבע צווישן יידישע בחורים און גויישע מיידלעך וועט לעזן דאָס יידישע פּראָבלעם·

מיט יאָרן פאַר בויערן האָט זשיטלאָווסקי פאָרמולירט דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פונעם יידישן פאָלק| אין ראַמען פונעם סאָציאַליזם אין אָט וועלכע פאָדערונגען :

1) די נאַציאָנאלע ווידערבאַלעבונג פונעם יידישן פאָלק אומעטום, ווו זיינע קינדער וווינען, אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט, אייראָפּעאישער קולטור און יידישער שפּראַך·

2) די יידישע אינטעליגענץ — דעם יידישן פאָלק.

צו די דאָזיקע צוויי פאָדערונגען איז דערנאָך נאָך צוגע־קומען די אידיי פון טעריטאָריאַליזם·

אַזוי אַרום האָט דער פרייַער זשיטלאָווסקישער געדאנק אַנ־טיציפּירט אַלע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער פון דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע, סינטעטיש פאָרמולירט דעם יידישן רענעסאַנס אין די גלות־לענדער און אָפּגעווערט דעם אין נאַציאָנאַליסטישן און אין קאָסמאָפּאָליטישן תכלת אייַנגעהילטן אַטאַק פון דער אַסימי־לאַציע אויף דער יידישער אינטעליגענץ·

III.

„טייערער פאַר אַלע געשטאלטן
איז מיר מיין מאַמעס פּנים ;
ליבער פון אַלע לשונות
איז מיר מיין מוטער־שפּראַך!"

די דאָזיקע ווערסיפיצירטע אַפּאָלאָגעטיק פון דער יידישער שפּראַך קלינגט פאַר אונדז היינט ווי א נאַאיוו פאָלקסלידל· אָבער טאַקע דאָס אליין, וואָס די אַפּאָלאָגעטיק קלינגט אונדז נאַאיוו־פאַריערט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם שאפונגס־כוח פון

אונדזערע ליטעראַטור־קלאַסיקער און דעם קאַמף־און לערן־כוח פון ד״ר זשיטלאָווסקי.

דער „פאַרוואָס דווקא יידיש?״ איז מיט דרייסיק פערציק יאָר צוריק געווען אַזוי ניי אינעם יידישן געזעמל אין וועלכן די פּאַראַלעטעטע ווונדן האָבן „זיך איינגעגעסן אין לייב און זעל פון דלות און פון צעפוילטער, צעקראָכענער רייַכקייט, פון גנבה פאַר הונגער און ביאוף פאַר ווילטאָג״ אַזוי ניי, זאָג איך, אַז ער האָט באַטייט אַן אמתע רעוואָלוציע.

אָבער נאָך גרעסער און וויכטיקער ווי זשיטלאָווסקיס אויפטו פון טעאָרעטיש צו פאָרמולירן די רעכט, די אלייניקע רעכט פון מאַמע־לשון, איז געווען זיין אייגענע יידישע שפּראַך, דער פון אים געשאפענער פובליציסטישער און וויסנשאפטלעכער סטיל אויף יידיש. אויף דעם דאָזיקן געביט האָט ער געשאפן אַ יש מאין. ער האָט פאַרזאמלט אַלע פראָסטע ווערטער פון גאַס און מאַרק, אַלע איידעלע דיבורים פון בית־המדרש און קלויז, געשיקט רופן ווי אַ נעאָלאָגיזם, וואָס האָט זיך געוואָלט מזוג זיין מיט יידיש און זיי אַלע אינאיינעם אָרגאַניזירט צונ אַ לייכטן פּאָפּולערן סטיל, אין וועלכן דער געדאַנק קייטלט זיך הלכהדיק אין אַ גלייַכער לאָגישער שורה און פאַרבט דערביי אָפּ אויפן לייענערס געמיט מיט ווייכער פאָלקסטימלעכקייט און מיט זיסער באַלערעוודיקייט פון אגדה.

זייַן, זשיטלאָווסקיס יידישע שפּראַך איז אַ נאָך וואָגיקערער אַרגומענט פאַר יידיש ווי אַלע זיינע וואָגיקע וויסנשאַפטלעכע אַרגומענטן. זיין שפּראַך האָט אין זיך געהאט דעם כוח פון אי־בערצייגונג על רגל אחת, אַזוי, אַז אַלע זייַנע אַרטיקלען פראָ יידיש זענען געבליבן ניט מער ווי דער ברייטער קאָמענטאַר צו דער ספּאָנטאַנער ווירקונג פון זיין ניי־געשאפענעם יידישן סטיל.

*

און ניט נאָר דאָס געשריבענע. אויך זשיטלאָווסקיס גערעדטע וואָרט איז געווען אַן אַנטפּלעקונג. ער, אונדזער ערשטער גרוי־

סער רעדנער אויף יידיש האָט גערעדט אַנדערש, לגמרי אנדערש
ווי אַלע ביז צו אים געהערטע יידישע אָראַטאָרן. זיין פּראָזע
האָט אין זיך געטראָגן דעם געצאמטן כוח פון אַ לאָקאָמאָטיוו,
וואָס האָט אַ פאָרגעשריבענעם וועג, שלעפּט נאָך כמה וכמה
וואַגאָנעס, שטעלט זיך אָפּ נאָר ביי די און די סטאַנציעס און
קומט אָן צום ציל פּינקטלעך, אָן אַ פאַרשפּעטיקונג. עס איז
אין זיינע רייד געווען דורכגעטראַכטקייט פון אָנהייב ביזן סוף,
אַ דורכגעטראַכטקייט, וואָס דערלאָזט ניט קיין זייטיקס, קיין „ניט
דאָס בין איך אויסן" (אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזערע ביז־
זשיטלאָווסקישע און נאָך אַ סך היינטיקע רעדנערס, וואָס רעדן
מער פ ו נ ע ם ווי צום ענין). און געהאט האָט זיין רעדן דעם
מילדן ריטם פון אַ תלמיד־חכם און דאָס נייע עקשנות פון אַ
רעוואָלוציאָנער, וואָס ביידע אינאיינעם האָבן זיי פאַרכשופט
גרויסע פאַרזאַמלונגען און זיך געלאָזט צוהערן צונ׳אים מיט
דעמזעלבן געשפּאַנטן אָטעם סיי דעם פאָלקס־מענטש, און סיי דעם
ראַפינירטן אינטעליגענט.

יאַקאָב וואַסערמאַן

דער ייִנגער פּעיקער ד״ר מאַוריציוס איז אַרײַנגעפּלאָנטערט געוואָרן אין אַ נעץ פֿון יורידישע טעותן, קלײנלעכע מענטשלעכע אַמביציעס און טײַוואָלאָניש־ציניש בייזוויליקייטן און האָט פֿאַרלוירן זיין פרײַהײַט. די פּרוסאַקישע גאוה פֿונעם פּראָקוראָר אַנדערגאַסט, וואָס האָט געמוזט האָבן אַן „ערפֿאָלג״, האָט פֿאַרזיגלט אונטער מאַוריציוס דעם שווערן אײַזערנעם טויער פֿון תּפֿיסה.

אַ מענטש איז אומשולדיקערהייט פֿאַרמשפּט געוואָרן צו יאָרנלאַנגער תּפֿיסה. קען דען שווייגן אַ דיכטער ווי יאַקאָב וואַסערמאַן מיט אַ אומשטילבאַרן דאָרשט נאָך מענטשלעכער גערעכטיקייט, וועלכן ער האָט געירשנט ביי זיינע עלטערזיידעס — די תּנאים, מיט אַ דיסציפּלינירטן פֿלייס און גרינטלעכקייט, אײַנגעזאַפּט אין זיך אינאיינעם מיט דער גאַנצער קולטור־טראַדיציע פֿון זיינע שטיף־זיידעס — די דײַטשישע פּראָפֿעסאָרן, און מיט אַ טיפֿער פּסיכאָלאָגישער אינטויציע, וואָס מאַכט אים פֿאַראַ נאָענטן שני שבשני מיטן רוס דאָסטאָיעווסקי? קען ער וואַסערמאַן לאָזן פֿאַרבײַגיין פֿאַר זיינע קינסטלער־אויגן דעם „פֿאַל מאַוריציוס״ און שווײַגן? ער האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן, אַ גוטן, אַ אינטערעסאַנטן ראָמאַן און איבערגעגעבן די עובֿדא אויפֿצופּלאַנטערן דעם פֿאַרוויקלטן פֿאַל מאַוריציוס, ניט קיין שאַרפֿזיניקן אַדוואָקאַט, ניט עפּעס אַ באַהאַלטענעם למדוואָוניק, וואָס קען זיך פֿאַרוואַלגערן אויך אין אַ דייטשישער פּראָווינץ־שטאָט, ניט עפּעס אַ מיסטעריעזער דאַמע, וואָס האָט זיך פֿאַרליבט אין באַשולדיקטן אין די יום־טובֿדיקע סעזאַציע־טעג פֿון פּראָצעס, נייערט אַ קליינעם ייִנגל, דעם

גימנאַזיסט עצעל אַנדערגאַסט. אים דעם פופּצניעריקן זונדל פונעם פּראָקוראָר אַנדערגאַסט אינפעקטירט דאָס וואַסערמאַן מיט זיין נביאישער ירושה: בענקשאַפט נאָך אמת, הייסט אים איבער־לאָזן דאָס טרויעריקע אָבער באַקוועמע הויז פון זיין טאַטן, זיך וואַלגערן א ניט דערשלאָפענער און ניט דערעסענער אין בערלין און סוף כל סוף אַרויסברענגען דעם אמת ווי בוימל אויפן וואסער. כדי צו באַפרייען דעם אומשולדיקן מאַוריציוס נויטיקט זיך וואַ־סערמאַן ניט אין קיין גרעסערן העלד, ווי דער פופּצניעריקער עצעל אַנדערגאַסט. דאָס וואָס זיין ניט דערוואַקסענער העלד מוז דווקא שטאַמען פונעם פּראָקוראָר, וואָס אים האָט דער אומשול־דיקער מאַוריציוס צו פאַרדאַנקען זיין האַרבן שטראָף, דאָס איז שוין סעקונדאַרע ליטעראַרישע דעקאָראַציע. דאָס דערמאַנט שוין אין דעם געשליפענעם רעטעניש, וואָס שמשון הגבור האָט פאַר־גיבן זיינע פריינט די פּלישתים, אַז פון שטאַרקן איז אַרויסגעקומען זיסקייט. די פּלישתים האָבן דערביי פאַרלוירן לעבנס און געווינען דרייסיק פּאָר קליידער. וואסערמאנס העלד עצעל פאַרהאַרעוועט די מיסטישע רעאַביליטאַציע פון זיין פּאָטערס פּראָקוראָריש־מענטש־לעכער גאווה.

עצעל אַנדערגאַסט האָט אויפגעפלאָנטערט דעם „פאַל מאַוו־ריציוס“, אַנדערע העלדן וואַסערמאַנס האָבן אויפגעפלאָנטערט דעם פאַל „קאַספּאַר הויזער“ און אנדערע מענטשלעכע שיקזאַלן. דער שיקזאַל פונעם מענטשלעכן יחיד איז געווען דער שטענדיקער אָביעקטיוו פון וואַסערמאַנס ליטעראַרישער שאַפונג. ער אַליין זאָגט ערגעץ אין איינעם פון זיינע ליטעראַרישע עסייען:

„איך קען נאָר דעם מענטש: פאַר מיר גילט נאָר די געשטאַלט; די קאַטעגאָריע זי איז ניט מיין זאַך“...

וואָס עס איז געלונגען וואַסערמאַנס העלדן, איז ניט געלונגען אים אַליין, וואַסערמאַנען, דער גרעסטער, ווייל טראַגישסטער פיגור פון זיין אייגענער שאַפונג. ער האָט ניט באַוויזן אויפצו־קנוילן דעם „פאַל וואַסערמאַן“, וואָס איז ווי דער אימאַגינערער

„פּאַל מאַוריציוס״ אויך פּאַרקניפּט געוואָרן דורך די שעטנז־פּעדים פון סביבה־קליינקעפּלדיקייט און אייגענער ביז צו הערא־יזם אויסגעוואַקסענער פּערזענלעכער ווערדע. זיין גראַנגל צווישן יידישקייט, וועלעכס ער האָט קיינמאָל ניט באַגערט און דייטשיש־קייט: זיין טייער האָב און גוטס אין לעבן, אויף וועלכן רעאַלע און אימאַגינערע גזלנים האָבן באַלד באַהאַלטן און באַלד אָפן געלויערט, האָט אים דערהויבן צום סימבאָל פון דער יידיש־דייטשער גייסט־ און כאַראַקטער־פּראָבלעמאַטיק. דערעיקרשט דאָס לעצטע, ווייל די פּסיכישע סבה פון זיין עכט־יידישער מלחמה מיט זיך אַליין איז געווען זיין באַזונדערער חוש הריח פאַר דער מענטשלעכער כאַראַקטערלאָזיקייט, וואָס מינערט די גרויסקייט פון קולטור־אויפשטייג פון דייטשן יידנטום. ער, דער פון דור דורות אַסימילירטער ייד אין וועמען, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, די דייטשישקייט איז דורות־וויַיז אַריינגעפלאָסן דורך דער שפּראַך, פּייזאַזש, געשיכטע און דורך די, אַקסל ביי אַקסל מיט די דייטשן, שטומע איבערלעבענישן פון יאָרהונדערטער, האָט זיך ניט געפילט זיכער אין זיין דייטשישקייט און האָט געלעבט אין אַ שטענדיקער מורא, אַז מ׳וויל אים זיין באַוווסטזיין און זיין פאָרם צוריקשליידערן אויף זיבנהונדערט אָדער טויזנט יאָר צוריק. אַ פאַרצווייפלטער, ווי איינער, וועלכן מ׳וויל באַרויבן פון זיינע באַקוועמע טייערע קליידער און אים טון די טובה אַ אָדם־נאַקעטן איבערצולאָזן אין סאַמע מיט פון גן־עדן, ווערט זיך וואַסערמאַן און שרייט אויס:

„זיי קענען מיך פאַרטרייבן, אָבער זיי קענען מיך ניט מאַכן פאַר אַ פּאַלעסטינעזער״.

דאָס דייטשישע גהינום — דאָס איז זיין לעבנסווירקלעכ־קייט; יידישקייט אָדער, ווי ער, דער פון יידישע פּראָבלעמען פרעמדער, רופט עס אָן נאַאיוו: פּאַלעסטינע, דאָס איז פאַר אים בלוט־ און פליישלאָזע גן־עדן־אַבסטראַקציע, וועלכע ער וואַרפט

אָפּ מיט דער גאנצער ליידנשאַפטלעכקייט פון זיין אין דייטשיש־קייט פאַרוואָרצלטן לעבן.

> „כ׳קען נאָר אַ צי טון מיטן אַקסל, ווען זיי דערציילן מיר פונעם לאַנד פון מיינע אבות; יעדעס איטאַליעניש שטעטל באַטייט פאַר מיר מער, מער צוניפבונד, מער בילד, מער ממשות״.

יעדעס איטאַליענישע שטעטל, אַ פּשיטא שוין די דייטשישע פּראָווינץ־שטאָט, די שטאָט פון מאַוריציוס, קאַספּאַר הויזער, קריסטיאַן וואַנשאַפּע און אלע זיינע איבעריקע פון פאַנטאַזיע און לעבן געבוירענע מענטשן.

און דאָך אַזוי לאָזט אים די יידישקייט ניט רוען. פאַראַן עפּעס א שיר ניט גאָלדפאדעניש אָדער וואַרשאַווסקיש „פּינטעלע ייד״, וואָס האָט זיך אויף אים, אויף וואַסערמאַנען, אָנגעזעצט ווי א אומהיימלעכער געוויסן־קאָנטראָלאָר און פאַרשאפט אים יידישע פּראָבלעמען־בײַסעניש. דייטשישער פּייזאַזש און דייטשישע קול־טור־טראַדיציע, דייטשישע מענטשן און זייער פון דייטשישער סביבה ארויסגעוואַקסענער גורל, — אַזוי אַרום דאַכט זיך אויס־געגאָסענע מענטשלעכע און ליטעראַרישע גאנצקייט און דאָך עגבערט א פּראַגע, צי בלייבט ניט ביים דייטשישן לייענער און קריטיקער הענגען אויף די ליפּן א איראָנישער שמייכל, וואָס גריבלט זיך אין דיכטערס יחוס־בריוו און קען אינטואיטיוו דערזען די געלע מיטלאַלטערלעכע לאטע אויף די טראַדיציאָנעלע בגדים פון זיינע עלטערזיידעס אין נירענבערגער געטאָ. און אַז יאָ, איז וואָס?

> „איך לייקן ניט דעם געוואַלטיקן בלוט־שטראָם פון מזרח, וואָס שפּייזט מיך. איך כין שטאָלץ דערויף. ״—

שרײַט אויס וואַסערמאַן און איז ביי זיך אין דעם מאָמענט זיכער, אַז דאָס פּראָבלעם לאָזט זיך פאַרענטפערן מיט כאַראַקטערפעסט־קייט און קוראַזש. די מימיקרי־טאַקטיק פון די אַסימילירטע דייטשישע יידן איז אים דערווידער, ער ווייסט, אַז זיי וועלן צוגרונט גיין מחמת אינעווייניקסטער ליידיקייט און אומגלוי־

ביקייט, אָבער דער ייד אלס מזרח־מענטש, ניט אין עטנישן, נאָר אין מיסטישן זין, אין אים זענען פאַראַן שאַפונגס־כוחות. ער האָט געשליידערט אין פנים אַריין דער דייטשישער וועלט זיין באַקענטעניש צום יידישן בלוטשטראָם און האָט געמיינט, אז דער איראָנישער שמייכל איז פאַרשווונדן. ער איז געגאנגען אויף דער בריק, וואָס ער האָט געבויט מיט די שענסטע מעלות פון זיין שרייבערישער פערזערלעכקייט: כאַראַקטערלויטערקייט און מענטש־לעכע ווערדע. ער האָט געגלויבט, אַז די בריק איז פון אייזן און עס קענען נאָכקומען די באַטאַליאָנען פון דייטש־יידישער קולטור־טרעגעריי. א שטילער ווונק פון עפעס א דייטשישן ליטעראַט אָדער קריטיקער רעדט בנעימות׳דיק: די בריק איז ניט פון אייזן, זי פאַרטראָגט נאָר דיך. דו קענסט אַריבערקומען און פטור ווערן פון דעם פינטעלע. אונטער די טריט פון די, וואָס קומען נאָך דיר וועט די בריק זיך פאַנאַנדערייסן, ווייל זי איז פון פאַפיר.

וואָלט געווען אויף וואַסערמאַנס אָרט אַן אַנדערער, איינער פון דער גרויסער מחנה מימיקרי־ליטעראַטן, וואָלט ער געפאָלגט די זיסע רייד, פאַרגעסן דאָס פאַרפירערישע באַלאַדן־געשפענסט פון יידישער פראָבלעמאַטיק און זיך אויסגערוט פון פיינפולע יסורים אין דער ענדלעך דערגרייכטער גאַנצקייט פון דייטשישער גייס־טיקייט. וואַסערמאַן איז אָבער ניט פון יענע „פון מיטאָס אָפגע־בונדענע מענטשן״, וואָס רופן זיך ליטעראַטן. ער איז פאַר אלעמען א שטאָלצער בירגער, וואָס פילט זיך באַליידיקט, ווען מ׳וויל אים אָפקויפן מיט א לעקעכל.

„איך לאָז פון מיר ניט מאַכן קיין אויסנאַם, אַזוי לאנג מ׳וויל מיך אַרויסנעמען פונעם כלל״.

יידנטום און דייַטשנטום, דאָס בלייַבט שוין דאָס ניט אויס־צולעשנדע ברענענדע פראָבלעם פון וואַסערמאַנס פערציקיעריקן שעפערישן לעבן. זיין יאַנוס־פנים אלס ייד און דייַטש האָט אים אַלס מענטש אַרויסגעהויבן פון דער פלאַטשיקייט און כאַראַקטער־

לאָזיקייט פון דייטש־יידישער אַסימילאַציע. ער האָט געאַנט דעם צוזאַמענברוך פון דער אַסימילאַציע־פּאָליטיק און ניט געהאט דעם כוח צו ציען פון זײַן אַנונג די נויטיקע קאָנסעקווענצן ניט פאַר זיך פערזענלעך און א פּשיטא שוין פאַרן דייטש־יידישן קאָלעקטיוו.

ער איז געווען א דײַטש מיט יעדן ציטער פון זיין נשמה. אויב ער האָט זיך אויך באַקענט צום יידנטום, איז דאָס געווען, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, אין א מינוט פון רויקן חשבון הנפש, ניט צוליב אינעווייניקסטע סבות, נאָר ווייל אַזוי האָט אים דיקטירט זיין מענטשלעכער שטאָלץ און חשיבות.

ער איז געשטאָרבן אַ פאַרטריבענער אָבער ניט קיין... „פּאַלעסטינעזער".

קאַרל קרויז

I.

דער סאַטיריקער

סוף נײַנצענטער יאָרהונדערט ביז וועלט־מלחמה אין עסטרייך פונעם ליבעראליזם — דעם פארשייטן קינד פון דער מערץ־רעוואָלוציע — האָט זיך אויסגעפיקט אַ מיושב׳ער, סטאַטעטשנער „אונטערטאן פון זיין מאַיעסטעט דעם קייסער”. דער אונטערטאַן האָט אָנגעווירן דעם דרייסטן מאַרש־טראָט פון פרייהייטס־שטאָלץ און זיך צוגעווינט צום רעספעקטפולן שפּאַציר אויף די שטאָלצן פון קייסערלעכע טיטלען און פענסיעס. דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן לעבנס־פאַנאַטיזם פון די רעוואָלוציאָנערע פראָקלאַמאַציעס האָט דער לאָיאַלער בירגער פאַרביטן אויף דער סקעפּטישער טאָלעראַנץ פון „פרייע פרעסע”־לייטאַרטיקלען.

לייטאַרטיקלען און פעליעטאָנען! די צייטונג האָט דאָס געשריבענע וואָרט, דעם בראשיתדיקן עלעמענט פון לעבנס־געשטאַלטונג און לעבנס־לייטערונג, פאַרוואנדלט אין אַ באשטאנד־טייל פון קונציקע פעליעטאָנען אויף צו שיצן מיט זיי די זאַטע באַקוועמלעכקייט קעגן נאַטור און גייסט. אומגייסט האָט זיך פאַרקויפט אין די גאַסן אין שיינער און אין שענערער פאַרפאַקונג; מיט עטיקעט (באקאַנטער פעליעטאָניסט) און אָן עטיקעט (זשורנאַליסטישער אַנאָנימאַט); ביליק און ביליקער.

און די מאָראַל — די אָנגעבלאָזענע, געקראָכמאַלעטע מאָראַל פונעם לייטאַרטיקל, וואָס האָט געשווירן אויף אַלע מינים געזעלשאַפטלעכע זיטלעכקייטן — האָט מיט טאָלעראַנץ אַוועקגעקוקט פון דעם אנאָנס, וועלכער האָט מיט פאַרשעמטער בויגעוודיקייט רע־

קאָמענדירט די „אומזיטלעכקייט“, אַ לאָיאַלע קאָנקורענץ צווישן אַנאַנס און לייטאַרטיקל!

לייטאַרטיקל און אַנאַנס — די שאַנדצייכן פון געזעלשאַפט־לעכער גייסטלאָזיקייט און צביעות. די געזעלשאַפט זעט ניט דעם פייער־קאָמעט פון דער וועלט־מלחמה, וואָס דערנענטערט זיך. איר אויג איז געבלענדט פון די לוקסוס־טואַלעטן אויף די עליטע־בעלער. זי הערט ניט דעם שאַל פון נאָענטע סאָציאַלע איבער־קערענישן. איר אויער איז פאַרטויבט פון דעם סקאַנדאַל־כראָניק געקלימפער.

ווו איז דער דעמאַסקירער, דער שטראָפער פון דעם דאָזיקן ליבעראַליסטישן דור־הפלגה? ווו איז דער, וואָס גאָט זאָל אים אָנפאַרטרויען דאָס שליחות און אים זאָגן:

„Sei Zucht und Strafe, Licht zugleich und Brand;
durch Liebe sind sie nimmermehr zu halten!“?

(קאַרל קרויז: ווערטער אין פערזן V).

דער אין מערישן שטעטל יי ט ש י ן געבוירענער ייד ק אַ ר ל ק ר ו י ז האָט אויסגעפולט דאָס דאָזיקע שליחות מיט דער עסי־שער אָפּגעהיטקייט פון אַ הייליקן פראַנציסקוס, מיטן אומ־פּשרהדיקן פאַנאַטיזם פון אַ ראָבעספּיער און מיט דער איי־גענער ניט צו פאַרגלייכן ליכטיקער דיאַלעקטיק און העלן פּאַטאָס.

דער סאַטיריקער קאַרל קרויז איז אויפן גייסטיקן שלאַכט־פראָנט פון אונדזער יאָרהונדערט געווען דער ראָבעספּיערישער האַס־פענאָמען פונעם פראַנצויזישן ערב־טערמידאָר. זיין ביז 1911 כמעט פון אים אַליין, און פון דעמלט אויסשליסלעך פון אים אַליין געשריבענע צייטשריפט „די פאַקל“, איז זיבן און דרייסיק יאָר דורכ־אַנאַנד געווען די באַרימטע ראַמפּע פונעם פראַנצויזישן קאָנווענט: אַרויסגערופן צו איר און צוגעגאנגען האָט געהייסן — אומפאַר־מיידלעכע גילאָטינירונג. און אַרויסגערופן האָט קרויז צום ליכט

פון זיין פאַרניכטנדיקער סאַטירע דאָס קלענסטע געשעעניש און דעם גרעסטן פרינציפּ, די פון גלאָריע באַשיינטע גרויסע דיכ־טער גערהאַרט הויפּטמאַן און ריכאַרד דעמעל און דעם אין אַנאָנימקייט באַהאַלטענעם שאַנטאַזש־זשורנאַליסט בעקעשי. דעם אין נאָמען פון גייסט, וואָס זיין ערשטער באַדינג איז מענטשלעכע אויטענטישקייט, אָנגעפירטן סאַטירע־טעראָר זענען פרעמד די באַגריפן פון קליין און אומוויכטיק. אין קלענסטן, פאַרבאָרגענסטן נעסט קען הויזן דער גרויסער חשד אויף זינד און טאַקע די זינד אַליין אויכעט. און...

„ניט די גרויס פונעם צילברעטל, נייערט די דיסטאַנץ איז דער עיקר״.

און די דיסטאַנץ פון וועלכער עס ווערט געצילט איז א אומגע־הייער ווייטע. ביי ראָבעספּיערן טראָגט זיך דער טויט־אורטייל, וואָס טרעפט וויכטיקע און אומוויכטיקע יחידים פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע, פון דער טיפקייט פון זיין רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָ־טיזם: פראַנקרייך אַרומגערינגלט מיט שונאים פון דרויסן און פון אינעווייניק מוז אלע באַזיגן. אַלץ וועט אונטערגיין, פראַנקרייך מוז בלייבן.

קרויז׳ס פייערדיק וואָרט, וואָס דאַרף געשטאַלטן דעם קאָנטר־גייסטיקן סאַטירע־שטאָף, שפּרייזט פון העט ווייט, פון יענעם ביים אָנהייב פון דיסטאַנצן ברענענדיקן דאָרנבוש פון אַב־סאָלוטן לעבנס־אמת, וואָס אַנאַליטיש צעביטן הייסט ער: אידענטישקייט פון געפיל און האַנדלונג, פון וואָרט און טאַט, פון פלאמיקער אידעאָלאָגיע און קאלטער פּראַקטיק, פון געוויסן און שטרעבונג, פון שעפער און שאַפונג. אָט דער שטרענגער מאָניזם פון אמת, פון סוביעקטיוון גייסטיקן אמת, איז דער אינ־ספּיראַטאָר פון גרויסע טראַגעדיע־דיכטערס, אָבער אויך פון גרויסע סאַטיריקערס.

אין ליכט פון דעם פריער דערמאַנטן אמת־מאָניזם, וועלכן קרויז האָט געלעבט און איבערגעלעבט ביי זיין שטילן־רוישיקן שרייבטיש, האָט ער געקענט אַריינקוקן טיף, אפשר טיפער ווי

קיינער נישט פאַר אים, אין דעם שעטנז־קנויל פון ליטעראַטור און ליגן, פּאָליטיק און פראזע.

ער האָט געקענט דערזען, אַז די „צונויפשמעלצונג פונעם גייס־טיקן מיטן אינפאָרמאַטאָרישן", אַז די ביז שלימות אַנטוויקלטע טעכ־ניק פון שטימונג און אָרגאַמענטאַציע האָט דער ליטעראַטור פאַרשאַפט א שפע פון טאַלענטן און א מאנגל אין דיכטער; ער וואָס האָט „דורכגעוואַכט די נאַכט כדי אונטערצוהערן דעם טאָג" האָט גע־קענט דערהערן ניט נאָר דעם הויכן קלאנג פונעם געדאַנקן־ליגן, נאָר אויך די דממה דקה פונעם שקר, וואָס באַהאַלט זיך אין וואָרט.

אין דעם קאַלטן מאַרמאָר פון זיין סאַטירע און פּאַמפלעט האָבן זיך אָפּגעבריט אלע קלוגע באַגריפן פון דער באַשטייענדער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און מאָראַל, אָבער אויך דער לאָזונג פון געזעלשאַפטלעכער איבעראנדערשונג, אויף וויפל ער איז געווען פאַפּירענע פראַזע און ניט בלוטיקער געדאנק.

קרויז'ס רעוואָלוציאָנערישקייט איז באשטאנען אין דעם פון אים אלס מענטש געלעבטן און אַלס קינסטלער געשטאלטעטן „אחד" פון נאַטור און גייַסט. און...

„ווי זיי פרייהייט פאַר פראַזע געגוצט,
בין איך געווען רעאַקציאָנער.
ווי זיי די קונסט מיט זייער קענעכץ באשמוצט,
בין איך געווען רעאַקציאָנער.
און ביז צו בראשית צוריקגעגאן ווייט".
(ווערטער אין פערזן IV).

און קענעכץ, ניט קונסט איז אויך דעמלט, ווען עס הויערט אַ מאָראַלישער ריס צווישן פּאָעט און זיין פּאָעם: גאווה פאַרגייט זיך אין אַ שלימותדיקן געזאנג וועגן מענטשלעכער געבראָכנקייט; אכוריות פלאטערט קינסטלעריש וועגן רחמים. קרויז דריקט אויס דעם דאָזיקן געדאנק אין אַ שפּאָרעוודיקן, לאַפּידאַרן אַפאָריזם:

„אַ געדיכט איז אַזוי לאַנג גוט, ביז מ׳ווייסט ניט פון וועמען ס׳איז״.
(אַפאָריזמען־זאַמלונג „באַנאַכט״).

דעם דיכטערס גייסטיקע ביאָגראַפיע קען ערשט זיין די וואָג אויף אָפּצוּוועגן די קינסטלערישע עכטקייט פון זיין ליד. ווייל אונטער דער שאַפונג מוז שטיין ווי אַ גייסטיקע ערבות און קאָנטראָל די אידענטישקייט פון דיכטער און דיכטונג.

די לאָקאַלע ווינער און עסטרייכישע טעמאַטיק פון קרויז׳ס פובליציסטיק איז פאַר אַ טייל פון זיינע קריטיקער געווען דער פרימיטיווער לעש־אַפּאַראַט, מיט וועלכן זיי און סתם סאַטירע־שטאָף־קאַרליקעס האָבן געפּרווט צו לאָקאַליזירן דעם העל־ברע־נענדיקן פייער פון קרויז׳ס עטישן פאַמפלעט. דאָס גייסטיקע עקשנות אָבער פון זיין סאַטירע, דער גליענדיקער אָטעם פון זיין שפּאָט און די אומהיימלעכע קראַפט פון זיין שפּראַך האָבן די פלאַמען פון דער קליינער טעמאַטיק צעשפּרייט איבער שטח און צייט און קרויזן פאַרפיקסירט אין דער געשיכטע פונעם גע־שריבענעם וואָרט אַלס דעם צייטלאָזעסטן קריטיקער פון צייט־לעכער מענטשלעכער אומקולטור.

די צייטלאָזע סאַטירע. וועגן איר קען ניט געזאָגט ווערן, אַז עס איז „שווער זי ניט צו שרייבן״, קען ניט געזאָגט ווערן, ווייל די דאָזיקע סאַטירע איז ניט קיין צונויפגעסטרוגעוועט קאַריקאַטור־קלייד פאַר צייטלעכע געשעענישן, נאָר אַ מאַרטער־יאַקע פון לייד און פיין פאַר דעם, וואָס איז אויסדערווײלט געוואָרן אַלס געטלעכער שטראָף־כלי־זין. אין דער צייטלאָזער סאַטירע פינקלען די שוואַרצאַפּלען פון אייביק רעוואָלוציאָנערע פראַגעס:

„Und ist das Leid nicht göttlicher Besitz,
dass die es tragen, die gekreuzigt haben?
(ווערטער אין פערזן I).

דער צער פון דעם דאָזיקן ביז צו געזעץ פאַרשטאַרצטן פראָב־

לעם — עס ציטערט נאָך די פילאָזאָפישע פּיַין פון שכר ועונש — דאָס איז דער רעוואָלוציאָנערער פונדאַמענט פון קרויז׳ס געחאל־טיקן סאַטירישן געביי. זיין צום קליינעם מענטש געווענדעטע סאַטירע דרייט אויס איר צייטלאָזן פּנים צום גרויסן גאָט, דעם „גאָט פון די גרויסע און די קליינע״ און שרייט אויס צו אים מיט דעם געשריי פון אלע צייטן:

... נעם זייער אייגן בלוט

און טרויער איבער זיי מיט גאָטס טרער. (דאָרט, ווערטער אין פּערזן !).

ווייל עס דערנענטערט זיך דער סוף. „שוואַרצע מאַגיע מאַכט חרוב די וועלט״; עס זענען „די לעצטע טעג פון דער מענטשהייט״.

*

למאי זאָל איך וואַרטן, אַז דער ראַדיקאַלער לייענער זאָל מיט חדוש און חשד א פרעג טון: וואָס איז מיט קרויז׳ס איינשטע־לונג צו ד אָ ל פ ו ס, ווי צו ן׳אַ מלוכה־מאַן „ניט אָן קולטור־קוראַזש און מיט זין פאַר אָרדענונג אין כאַאָס״, און מיט זיין פאַרגלייַכן דעם קרעטין שטאַרעמבערג מיט לאַסאַלן?... וואָס עס איז? עס איז קרויז׳ס א טראַגישער טעות. טראַגיש, ווייל פונעם אמתדיקן ניין צו סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאָליטיק, אַ פּאָליטיק, וואָס האָט געזעצמעסיק געפירט צו היטלערן, איז דער סאַטיריקער פאַרבלאָנדזעט געוואָרן צו אַ טעות׳דיקן יאָ צו דאָלפוסן, וואָס האָט פאַרן מאָמענט היטלערן צופעליק דערוויַיטערט. אויף די חורבות פון דער צעבראָכענער סאָציאַליסטישער פעסטונג האָט קרויז געפונען דעם דאָלפוס־שטיין און אויף אַ מאָמענט געגלויבט, אַז ער קען פאַרבייַטן אַ מויער. דאָס באַלאַדעסקע געשריי, מיט וועלכן די פּאָליטישע פּראַזע האָט געוואָלט אויפוועקן קרויז׳ס שווייַגן צו דער היטלער־קאַטאַסטראָפע, איז געוואָרן די דווקא־קוזניע, אין וועלכער עס ווערן פון תמיד אָן טייוולאָניש געשמידט די טעותן אפילו פון גרויסע גייסטער.

ווען די באַפרייַטע מענטשהייַט וועט איבער דורות און אָבער־דורות פייַערן קרויז׳ס ווערק פון גייַסט און לעבן, וועלן די דאָל־פוס־ און שטאַרעמבערג־ווערטער אַנטרונען ווערן אין דער פאַרגעס־

לעכקייט פון צייטלעכן פסולי. זיי וועלן זיין טויט אינאיינעם מיט אלע פון קרויזן גילאָטינירטע געדאנקען, געשעעניש אין מענטשן, אייביק טויט אינאיינעם מיט די אַנטיסעמיטישע פסוקים אין די ווערק פון אַזעלכע גאונים ווי מאַרקס און געטע.

II

דער פאַציפיסט

נישט פאַציפיסט־טרוימער, נאָר פאַציפיסט־קעמפער; דאָס האַס־וואָרט קעגן קריג שלענגלט זיך ניט רויק און סאמעטן פון צרגעץ א שטילן דערפל אין דער שווייץ צו דער נייטראַלער עפנטלעכער מיינונג, נאָר רייַסט זיך שטורמיש און שטעכיק פון אונטער דעם ווינער צענזאָרס שער גלייַך אין פנים אַרייַן פון מאַכט־צעיושעטע גענעראַלן, פאַטריאָטיש צעפלאַמטע פראָפיטירערס און אומווערדיקע וואָרט־פירערס, וואָס האָבן דעם קריג באַשטימונגט און באַוינגען.

דערצו האָט געהערט מוט. ניט יענער קוראַזש מיט וועלכן מענטשן לויפן אַקעגן דעם טויט, ווייל „דער גענעראַל האָט באַפוילן”, נאָר יענער זעלישער מוז צו רעאַגירן, וואָס נעמט זיך פון א פייַנפולער דערקענטעניש, פון א טראַגיש־העלער זעאונג, אַז די מענטשהייַט איז — אַ אָנגעפויעטע מיט מאַקאַברען ענטוזיאַזם — אַרויף אויפן אומשכלדיקן, נאטורדערווידריגן וועג פון בלוט און פאַרדאַרבונג.

גרויס און מעכטיק איז געווען די מחנה פון די ענטוזיאַזם־פראָדוצירערס: ליגנערישע דיפּלאָמאַטן, סאַדיסטישע אָפיצירן, דעגענערירטע פרינצן, ריווח־דאָרשטיקע פאַבריקאַנטן, פחדנות'דיקע קלעריקער, קאָרומפירטע וויסנשאַפטלער, פון געדאַנק און פון אידעאַל אַראָפּגעפירטע סאָציאַליסטן, פראָסטיטואירטע דיכטערס און פאַר אַ טאָפּ לינזן געקויפטע זשורנאַליסטן. זיי אלע האָבן דעם טויט און דעם הונגער אין די אויגן געסטוקעט מיט: גאָט,

פּאָטערלאַנד, דיסציפּלין, קייסער, סעלעקציע, איבערבאַפעלקערונג, פאַרטיידיקונג און דייטשע־טרײַשאַפט — ניבעלונגען־טרײַשאַפט. און האָט עמעץ ניט געגלויבט אין די אלע גוטע זאַכן: דעפּעטיסטיש געספּקט אָנשטאָט פּאַטריאָטיש צו יאַכמערן, איז אים אַקעגנגעקומען די שטראָפנדע געטין פון „גערעכטיקייט": קריגס־געריכט און תליה.

תליה — אין שאָטן פון גאַליצישע און דאַלמאַטינישע וועלדער. ווער זעט זי?

הונגער — אונטער די פאַרכמורעטע שויבן פון פאָרשטאָטס טרויעריקע הײַזער. ווער פילט אים?

פרויען־צער נאָך געפאַלענע טאַטעס און זון — אין דער טונקלקייט פון פאַרלוירענע פויערישע כאַטעס. ווער פאַרנעמט אים?

לעצטער קרעכץ פון אין גאז דערשטיקטע און פון גראַנאַטן צעריסענע — אויף די געדרייטע סטעזשקעס פון טיראָלער בערג און אין די פינצטערע קאַווערנעס ביים איסאָנצאָ. ווער הערט אים?

אין דער צייטונג הוליעט די האָפערדיקייט פון אויסגעטראַכטע נצחונות; וואַקלט זיך ליגנעריש די טרייסט פון הונגער... אין פּאריז; טענצלט באַרימעריש די נישטגעשטויגענע זיג־פאַרשמאַכט־קייט פון פארשמאַכטע עסטרײַכישע פעלקער.

דער איינציקער אין עסטרייך, וואָס האָט אין דעם דאָזיקן וויסטן חסר־דעה'שן טומל פון דרייפאַכער שענדונג — נאַטור, מענטש און וואָרט — געהאט דעם איבער מענטשלעכן כח זיך אָנצונעמען פאַר דער געפּײַניקטער קרעאַטור, דער איינציקער, וואָס האָט ניט פאַרלוירן די נביאישע „פרייהײַט פון גײַסטיקן שפּאָט", און זיך מיט זיין ביז צו געטלעכן שגעון צעפלאַמטן עטישן וואָרט אַקעגנשטעלט דער מיושבער קריגס־מאַשין פון טויט, הונגער און שקר — איז געווען דער איינציקער, דער איין און איינציקער קאַרל קרויז.

אין דער שטילער וווינונג פונעם אויסדערוויילטן זענען זיי ארײַנגעדרינגען אלע: דער יאָמער פון דער דאַלמאַטינישער פרוי,

וואָס מוז צוקוקן די עקזעקוציע פון איר צוועלפיעריקן ייִנגל; דער קלאָג פונעם טויטן וואַלד וואָס „ווי געווען איך גרין, ווי בין איך אַלט. בין געווען א וואלד! בין געווען א וואלד!"; דער שמאַרץ פונעם סערבישן פויער, וואָס גראָבט זײַן אייגענעם קבר, ווייל ער האָט ניט אַוועקגעגעבן אַלץ, וואָס מ'האָט פאַרלאַנגט; דער קרעכץ פונעם גוססען זעלנער וואָס „ווען ער וועט זײַן בײַ זײַן גאָט, וועט דעם קייסערס טראָן זיין אונטער אים"; דער צער פון די קינדער, וואָס וואַרטן אויף ברויט און שלאָפן אײַן מיטן טרייסט: „קינדער, ענגלאַנד גייט אויס פאַר הונגער!"; די לעבנס-בענקשאַפט פון טויטע קינדער, אומגעקומען אויף דער „לוזיטאַניאַ"; דער זינד-באַוווּסטזיין פון הונט — אײַנגעשפּאַנטע צו אַ מיטראַליערע. אַלע די דאָזיקע יסורים'דיקע איבערלעבענישן פון מענטש, חי און צומח, האָט קרויז פאָרם געגעבן אין דעם מלחמה'דיקן אַרום פון באָטפאַרלאָזענער פאָרמלאָזיקייט, זיי געשטאַלטעט צום הימלגעשריי פון אַ מענטשהייַט, וואָס האָט זיך סדומיש פאַרזינדיקט קעגן גייסט און ענדגילטיק צעשניטן דעם בונד מיט איר באַשעפער.

קרויז האָט פאָרמולירט די זינד פון דער „גרויסער צייט, וואָס איך האָב זי געקענט ווען זי איז נאָך געווען אַ קליינע" מיט דער קנאַפּקייט פון דער פאַר-מבול-באַשרײַבונג און מיטן לײַדנשאַפטלעכן גײַסטיקן אָטעם פונעם ערשטן ישעיה:

„דאָס בילד פון באַשאַף זיי געשענדעט,
„חיות געפייניקט און מענטשן פאַרשקלאַפט.

— — — — —

„די שלעכטע געכאָוועט, די גוטע געשלאַכטעט
און דעם אייגענעם כבוד אָפּגרינדיק פאַראַכטעט.

— — — — —

זייער שפּראַך מיט זייער רעדן באַשמוצט,
נשמה און חושים, געדאַנקען און וואָרט
און עולם הבא צעפּאַקעוועט רק פאַר עקספּאָרט,
טויט און טייוול, גאָט און די וועלט

און די קונסט אין דינסט פונעם סוחר געשטעלט.

— — — — —

און אונטער די שטראַלן פון שטערן און זונען
זיי זיך שלאַכטן געליפערט און בושות געחוגעץ.

— — — — —

געפּאַנצערט מיט בילדונג, פלינק און געלערנט,
איבערבאַחאָפּנס און אונטערערגערס.
אין גנאָד פון מאַשינען זיי מעכטיק,
גאוה׳דיק און דאָך נידערטרעכטיק.

(ווערטער אין פערזן V).

נידערטרעכטיק ניט נאָר אין גנאָד פון טייוולאָנישער מאַשין, נאָר אויך בחסד פונעם געטלעכן וואָרט: ריכאַרד דעמעל, דער דיכטער פון אַרבעטערס „צייַטמאנגל" ד׳האָט זיין דייטשע שפּראַך דערנידריקט ביז צום געזאַנג פון „מלחמה־שטאָלצע דייַטשע פערד"; אַלפרעד קער׳ס איראָנישער אינטעלעקט האָט פּראָדוצירט ציוויליזאַטאָרישע פּאָעזיע פאַרן פּרוסאַקישן גענעראַל:

In Bucarescht, wo man sich nicht
die Fűsse wäscht...

איז דער דאָזיקער קער׳שער פערז ניט קיין גענוגענדער אַרגומענט פאַר מאַקענזען׳ס קאַנאָנען און מיטראַליערן אין רומעניע? אויב ניט גענוג, דאַן פעלט נאָך אַ שטימונגספולער באַריכט פון אַליס שאַלעק אָדער ראָדא ראָדא וועגן דער קראַפט און אויסדויער פון „אונדזערע האַרמאַטן" און אַ פאָטאָגראַפישע אויפנאַמע פון דער אומגעדולד פון „אונדזערע העלדן" זיך צו טרעפן מיטן שונא. די טויזנטער הרוגים פונעם אָפיציעלן שלאַכט־קאָמוניקאַט וועט דאַן מאָריץ בענעדיקט פון דער „פרייַער פרעסע" אָפּטובלען אינעם מיים אחרונים פון זיין ענציקלאָפּעדישן פאָליטישן וויסן און צושטעלן די היסטאָרישע באַרעכטיקונג פונעם קאַנאָנען־געדונער און מיטראַליערן־געקנאַל.

„דו זאָלסט אויסראָטן דאָס שלעכטס פון צווישן דיר". די הייליקע קנאות פון דעם דאָזיקן ביבלישן זאַץ — נאָר זי קען

פאַרגליכן ווערן מיט דער ליידנשאפט, מיט וועלכער קרויז׳ס גע־
ביאַלער שפּאָט האָט געמעקט און אַוועקגעמעקט דעם צרעת׳דיקן
טינטנפלעק פון קריגס־דיכטונג און קריגס־פעליעטאָן אויף דעם
מיט בלוט אָפּגייענדיקן לייב פון די עסטרײַכישע פעלקער.

קרויזס שנאה צום קריג איז ניט געווען משועבד צו קיין
שום פּאָליטישן ציל, ניט געווען דער רעזולטאַט פון קיין שום
פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע. קרויז איז ניט געווען קיין פּאַציפיסטישער
שלום־בורר צווישן די מלחמה־פירנדע מלוכות. ער האָט ניט גע־
פּסקעט מעשה שליש: אָן אַנעקסיעס און אָן קאָנטריבוציעס, ווייל
דאָס דאָזיקע בוררות גופא באַדײַט שוין אַ קאָנצעסיע פאַרן קריג,
הייסט אַקצעפּטירן זיין פאַקטישקייט. ער האָט זיך ניט אַרײַנ־
געלייגט אין שלום, נײַערט איז געבליבן שטיין אויף זיין
דורך יאָרן אויסגעבויטער גײַסטיקער פּאָזיציע — קעגן מלחמה.
קרויז׳ס קריגס־פיינטשאַפט איז ניט געווען דער צייטווײַליק אויפ־
געפלאַקערטער חשבון הנפש פון אַ שוואַכן אינטעליגענטישן געמיט,
נאָר דאָס פּערמאַנענטע זיטלעכע געזעץ פון אַ שטאַרקן גייסט.
דער קריג איז ניט געווען עפּעס אַ אומגליק, וואָס האָט זיך פלוצים
געיאווועט, נאָר געווען איז ער דאָס אַלטע ביז צו מאָנסטרום־פאָרמען
צעוואַקסענע שלעכטס. קריג האָט פאַר קרויז׳ן באַדײַט: ביז צו
גורל געשטייגערטע מעכאַניזירונג פון לעבן, גיהינום׳דיק אָנגע־
הויפטע אומקולטור און ביז אומהיימלעכקייט צעשויבערטע פּאָלי־
טישע פראַזע. ער האָט דעם אומגייסט באַקעמפט אין זיינע קלענערע
דימענזיעס. ער האָט זיך געשטעלט אַקעגן אים מיטן גאַנצן ברען
פון זיין עטישער ליידנשאפט אויך דעמלט און בפרט דעמלט, ווען
דער אומגייסט איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן צו די פאַרזעעניש־
דימענזיעס פון מלחמה.

מיט רעכט זאָגט דערפאַר פרידריך אויסטערליץ
אין אַ יובל־אַרטיקל צו קרויז׳ס פופציקסטן געבוירנטאָג:

„די פאַקטישקייט פון דער מלחמה, וואָס האָט איבערגעבעטן מיט איר
אַפילו די מוטיקסטע פּאַציפיסטן, האָט אויף קרויז׳ן קיין שליטא ניט

געהאט. ער האָט זיך נישט געלאָזט איינרעדן דעם קריג, ניט ווי אַ היסטאָרישע קאַטעגאָריע און ניט ווי אַ פּאָליטישע נויטווענדיקייט".

די מלחמה האָט זיך אין קרויז'ס נביאישער פאָרשטעלונג פאַנאַנדערגעפלאָמט צו דער וויזיע פונעם באַשאַף, וואָס גייט אונטער אין זינד, בלוט און שאַנד. די וויזיע זיינע פון „די לעצטע טעג פון דער מענטשהייט" האָט ער געפאָרמט צום שטאַרקסטן, ליידנשאַפטלעכסטן אַנטיקריגס־בוך פון אונדזער צייט — צו אַ שוידערלעכן סך־הכל פון מבול'דיקער פאַרניכטונג, פון אַפּאָקאַליפּטישן חורבן.

פון דעם גרויסן שווייגן אַרויס, וואָס הויערט איבערן תהו ובהו פון חורבן, לאָזט זיך הערן די שטים פונעם געטלעכן געוויסן: א י ך ה אָ ב ע ס נ י ט ג ע וו אָ ל ט. מיט די דאָזיקע ברענענדיקע ווערטער פון ודוי, פּיין און חרטה פאַרענדיקט זיך קרויז'ס אַפּאָקאַליפּסע־בוך; די נישט וועלנדיקע בעל־כרחא'דיקייט פון די דערמאַנטע ווערטער איז אָבער צו דערזעלבער צייט אויך דער סימבאָל פון אייביק שעפערישער שטרעבונג איבער חורבן צו אויפקום, איבער סוף צו אָנהייב, ווייל... „בראשית איז דער ציל".

III

דער שפּראַכמיסטיקער

זיין שפּראַך איז דער סינטעז פון קאָמפּליצירטעסטן זאַצבוי און העלסטער פשטות. דער לייענער קען זיך נישט פאַרגינען קיין איין קליינעם אויגנבליק פון אומאויפמערקזאַמקייט. יעדעס וואָרט איז אַ וויכטיקער, ניין, דער וויכטיקסטער שיידעוועג פון געדאַנק־איבערגעהיפּערט איין וואָרט, איז דער גאַנצער וועג ביז אַהער אַ אומזיסטיקער: דאָס איבערגעהיפּערטע וואָרט לעשט אויס אַלע ביז איצט בהדרגה אָנגעצונדענע לעמפּלעך און דער זאַץ הילט זיך איין אין אַ אומדורכדרינגלעכן נעפּל. אָבער וואָס פאַראַ הערלעכע

פאַנאָראַמע עפנט זיך פאַרן אויג, ווען די קאָנצענטרירטע אויפמערקזאַמקייט האָט דערגרייכט צום סוף פונעם זאַץ: אַ וווּנדערבאַר אַרכיטעקטאָניש־אויפגעבויטע שטאָט מיט גלײַכע פּאַסאַדנליניעס און אויסטערלישע קופּאָלן; סימעטרישע גאַסן און געסלעך; אַ האַרמאָניע פון ליניעס און קרײַזן; אַ בלינדער קען נישט פאַרבלאָנדזען, ווייל דער וועג אַליין פירט און ווײַזט אָן.

דער גליקלעך דורכגעשפּרײַזטער זאַץ וועקט די תּאווה נאָכאַמאָל און אָבעראַמאָל צו וואַנדערן דורך די, פאַרן לייענער העל געוואָרענע וואָרט־ און געדאַנק־אַלייען. שלעכט געזאָגט „וואָרט און געדאַנק", ווייל בײַ קרויז'ן איז דאָס וואָרט ניט קיין העמדל, ניט אפילו קיין כתונת פּסים אויף צו באַקליידן דעם נאַקעט געבוירענעם געדאַנק. (די אידיי פון נאַקעט געבוירענע געדאַנקען איז אפשר דער איינציקער נאַקעטער געדאַנק, נאַקעט ביז צו עקזיסטענצלאָזיקייט). אין וואָרט ווינט דער געדאַנק מיט אלע זיינע ניואַנסן און חנען, מיט אלע זיינע ליכטיקע שמייכלען און טראַגישע קנייטשן. דאָס וואָרט איז געפאַנגען אין נעץ פון פאַקטן־געדווישן, פון געשעעניש־ווירוואַר. באַפרייען דאָס וואָרט, הייסט צוריקברענגען דעם געדאַנק אין רשות פון אָרגאַניזירטער גײַסטיקייט, הייסט קאָנפראָנטירן דעם כאַאָס מיט קינסטלערישן אָרדנונגס־זין, הייסט קינסטלעריש שאַפן פון דער שפּראַך אַרויס. אין דער שפּראַך און אויף דער שפּראַך ווערט געשריבן און געהאַנדלט דער מקח וממכר פון „זיך פאַרשטענדיקן". פון דער שפּראַך אַרויס ווערט געבוירן די געפערלעכע אַווענטיורע פון קינסטלערישער שאַפונג. „פון דער שפּראַך אַרויס" — דאָס איז דער קריטעריום פון עכטער קונסט. די רעזולטאַטן פון שרײַבן אין דער שפּראַך און שאַפן פון דער שפּראַך אַרויס זענען אויך אין פּראַקטישן לעבן גאַנץ פאַרשידענע: יענע באַגליקן מיט זייער לשון, די פילן דאָס גליק פון דער שפּראַך.

דאָס גליק פון דער שפּראַך:

... Verzweiflung den einzigen Trost bildet, soweit und solange es möglich war, sie in das Glück der Sprache hinüberzuretten.

(„די פּאַקל״, יולי 1934)

אפילו פאַרצווייפלונג קען ווערן א טרייסט, דער איינציקער־טרייסט, אויב ס׳איז דעם קינסטלער געלונגען זי צו געשטאלטן: און די פרייד — וועלכע ממשות קען זי האָבן פאַר שאפנדן מענטש, אויב זי איז געבליבן ניט מער ווי אַ געשעעניש אין דעם ערדישן כאַאָס פון פאַקטן?

קרויז האָט די שפּראַך אידעאיש און קינסטלעריש דערהויבן צו דער גײַסטיקער אַרענע, אויף וועלכער ס׳שפּילן זיך אָפּ די סודותפולע קאַמפן צווישן די רשות־הרבים׳דיקע נײַן מאָס רייד פון נוצלעכקייט און דעם קליינעם קונסט־מעסטאלע פון וואָרט־ווערט. „נײַן מאָס רייד״ — אַזוי הייסט דער כוליגאַנישער שאָדב־ווינקל פון דער שפּראַך. זיין מאָטאָ: נוצלעכקייט. זיין ציל: באַקוועמלעכקייט. אים שטעלט זיך אַקעגן דער טרײַער שפּראַך־היטער: דער קינסטלער. דער קינסטלער איז דער באַשיידענער אָבער עקשנות׳דיקער צוריקשטעלער פון יעדן וואָרט אויף זיין פלאץ, דער מסירת־נפש׳דיקער קעמפער פאַר דער restitutio in integrum פון דעם באַשעדיקטן שפּראַך־אָרגאַניזם. דעם קינסטלערס דעוויז: דער ווערט פונעם וואָרט; זײַן ציל: די אורשפּרינגלעכקייט.

In sprachzerfallenen Zeiten
im sichern Satzbau wohnen:
dies letzte Glück bestreiten
noch Interpunktionen.

(ווערטער אין פערזן II)

ניט נאָר דורכן וואָרט קען פאַרקרימט און ווידער אויסגע־גלייכט ווערן דאָס וועלט־בילד, נאָר אפילו אַ אויסגעלאָזטע אָדער שלעכט אַוועקגעשטעלטע קאָמא האָט אין זיך דעם מיסטישן כח צו פאַרשטעלן און אויפצוהעלן האָריזאָנטן. איז דער דאָזיקער

קרויזישער שפּראַכמיסטיציזם ניט אַן׳אַלט־יידישע ירושה, אַ
פאַרגעסענע, אַ פאַרשעמטע פון אונדזערע נײַ־יידישיסטישע
„שפּראַך — מיטל״־פּראַקטיקער ? די אַלטע יידישע שפּראַך־קאָנ־
צעפּציע האָט געוווּסט, אַז גאָטס תורה ווערט פּסול, אפילו ווען
אין די פון מענטשן אויף פּערגאַמענטן איבערגעשריבענע קאָפּיעס
איז אָפּגעריבן געוואָרן אײנאונאײנציק אות*. און די רירענד־
שיינע לעגענדע פון דעם אין דער תפלה פאַרשעמטן וואָרט, וואָס
גייט ווײנען פאַרן רבש״ע ? איז די דאָזיקע לעגענדע ניט די
ווונדערבאַרע אַגדתא צו קרויז׳ס האַרבער שפּראַך־הלכה ?

איך זאָג שפּראַך־הלכה, כדי אָפּצוגרעניצן קרויזן פון אַלע
יענע, וואָס זייער שפּראַך־מיסטיק באַשטייט דערין, וואָס זיי פאַר־
ווארפן אַ שוואַרצן ווערטער־טוך אויף פאַקט־קאַדאַווערן און
געפיל־גולמות, כדי דער לייענער זאָל אויף די חורבות פונעם
שרײַבערס „לאָגיק״ פּיעטעטפול אָנצינדן דאָס קאַניצל פון „מיסטיק״.
קרויז׳ס שפּראַך האָט אין זיך גאָרניט פון אָט דעם מין מיסטיק.
פון קרויז׳ס שפּראַך ווייעט דער שאַרפער ווינט פון לאָגיק. זײַנע
ווערטער האָבן אין זיך גאָרניט נסתר׳דיקעס, פאַרקערט, זיי אַנט־
פּלעקן פאַר אײַך די גאַנצע שפע פון זייער קלאָרקייט, זיי זאָגן
אויס אַלע זייערע סודות און האָבן זיך פײַנט צו שפּילן אין באַ־
העלטעניש פון מעטאַפער. זייער שפּיל מיטאַנאַנד, זייער פאַלן
זיך אין די רייד אַרײַן, זייערע צומאָל געפערלעכע אַקראָבאַטישע
קונסטשטיק, אַלץ דאָס איז בײַ די ווערטער ערנסטע עבודה אויף
צו דינען מיט לײַב און לעבן דעם קינסטלערישן שליחות פון
זייער שטאָלצן האַר און אָרגאַניזירער, וואָס איז צו דערזעלבער

---

* פּראַגער זשורנאַליסטן האָבן איבערגעדרוקט קרויז׳ס אַ גערדיכט און אויסגע־
לאָזט אַ קאָמא. זיי האָבן דערמיט צעשטערט דעם שלום־בית פון עטלעכע ווערטער,
נאָך מער, פון אַ גאַנצן זאַץ. קרויז האָט די פאַרברעכערס פאַרקלאָגט פאַרן דאָר־
טיקן טריבונאַל. האָבן דען אָבער ריכטערס, וואָס פאַרמשפּטן אַ הונגעריק קינד פאַר
צוגנבענען אַ ברויט, געקענט פאַרשטיין די סדום׳שע זינד פון שרײַבערס, וואָס
האָבן אומגעבראַכט אַ קאָמא ?

צייט זייער הכנעהדיקער חבר און דינער. קרויז איז דער גרויסער שלאַכטנפירער; די ווערטער און אינטערפּונקציעס זענען זיינע זעלנער און אָפיצירן; מער ווי מענטשלעכע פּאַרזיכטיקייט איז נויטיק ביים אויסאַרבעטן דעם סטראַטעגישן פּלאַן; איין קליינער אָפּנויג, איין אויף א ניואַנס פאַלשע אויספירונג פון אַ באַפעל און די גאַנצע מאַרש־אָרדענונג איז אין סכנה, דער נצחון — ניט צום דערגרייכן.

Obgleich ein Strichpunkt riefe,
dem Komma nicht zu trauen:
ein Doppelpunkt lässt schauen
in eines Abgrunds Tiefe!

די שפּראַך איז ניט נאָר די געדאַנקלעכע שלאַכט־אַרמיי, נאָר אויך דאָס כשוף־שפּיגאַלע, דורך וועלכן דער קינסטלער קען אַריינקוקן טיף און גרינטלעך אין די אינגעווייִדן פון צייט־געשעענישן.

די באַרבאַריש פּאַרוואָרלייזטע היטלעריאַדע צייכנט ניט אָן אינערגעץ בולטער די שטריכן פון איר אומהיימלעכער אַנטיגייסט־מאַסקע ווי אויפן פּאָן פון דער דייטשער שפּראַך. אַלע נאַצישע אכזריותן קעגן מענטשלעכן יחיד און קאָלעקטיוו האָבן זיך טיף אַריינגעגראָבן אין דער שפּראַך, האָבן צעשעדיקט און פאַרפּייניקט די מעטאַפער און געשענדעט אוראַלטע, גליקלעכע וואָרט־זיווגים. ניט אפילו די וועלט־מלחמה, דער אַפּאָגיי פון אומגעקומענעם בלוט און אויפגעקומענער טעכניק, ניט אפילו זי האָט ניט גע־ווילדעוועט מיט אַזאַ אומגייסטיקער צעשויבערטקייט אין דער שפּראַך פון די דיכטער און דענקער. ביישפּילן? איז עס ניט ווי „בלוטיקער טוי אויף דער מעטאַפער", ווען דער זאָג: „שיטן זאַלץ אויף די ווונדן" — אַ מימרא, וואָס איז יאָרהונדערטער לאַנג געווען מענטשלעכער פּראָטעסט קעגן פאַרשוועכן פרעמדע ליידן און ליבעפולער רוף זיי צו רעספּעקטירן — האָט איצט אין נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער צוריקבאַקומען איר ניט געאַנטע ווירק־

לעבקייט און איז געוואָרן דער אכזריותדיקער שפראַכצייכן פון בעסטיאַלישן פאַקט?

דאָס בלוט פון די נאַצי־קרבנות האָט באַשפריצט די שפראַך־מעטאַפער.

איז די דאָזיקע קרויזישע שפראַך־וויזיע ניט די מעכטיקסטע, עלעמענטיש־געוואלטיקסטע געשטאלטונג פונעם היטלער־גיהינום?

שטומקייט שפרייט זיך איבער דייטשלאנד; די באשולדיקטע זענען טויט; די עדות שווײַגן; ניט פטור צו ווערן איז נאָר פון איין איינציקן בארעדעוודיקן עדות: די שפראַך...

ווייל „היטלער באַהערשט אַלץ אַ חוץ דער דייטשער שפראַך"—

דער יידישער קולטור־פּייזאַזש אין אַלטרומעניע

פּאַקטן, טעזיסן און קאָמענטאַרן

די קולטור־טראַגעדיע פונעם אַלטרומענישן יידנטום איז געווען, וואָס אויסלענדישע אידעאישע השפעות האָבן אַהער אַרייַנגעשפּאַרט, נאָך איידער ס׳האָט זיך דאָ באַוויזן אויסצופאָרמירן אַן אייגענער פאַרפונדעוועטער לעבנסשטייגער. דער מענדעלזאָניזם, וואָס איז אויסן געווען א נייַע, פּליסיגערע פאָרם פאַרן פאַרהאַרטעוועטן יידישקייטס־אינהאַלט, איז דאָ אָן אַ ספק געווען, פאַרפריט, ווייל דאָ איז נאָך ניט געווען וואָס צו באַנייען. דאָס אלטע האָט זיך ערשט געהאלטן אין שאפן. וואָסזשע האָט דאָ אויפגעטון דער רעליגיעזער רעפאָרמיזם? ער האָט דעם וואַקסנדיקן, ניט דערוואַקסענעם גוף פון אַ לעבנס־אייגנאַרטיקייט אָנגעטון א איבערדימענזיאָנירטן קאָלפּאַק פון אייראָפּעאישער צופּאַסונג און דעם יינגן אָרגאַניזם פאַרמשפּט צו דער ראָל פון אַ טראַגי־קאָמישן בלאָנדזער; טראַגיש, ווייל ער זוכט דעם וועג פון אויפקום און קאָמיש, ווייל ער האָט זיך מיט דער אויסגעליגענער קוטשמע פאַרשטעלט די שייַן פון דער זון.

איינער איז געווען, וואָס האָט געהאט די העלע וויזיע פון דער מענדעלזאָניזם־סכנה פאַרן אלטרומענישן יידישן ישוב. עס איז געווען דער דעמלטיקער בוקאַרעשטער רב מלבי״ם. מיטן גאנצן כח פון זיין מאָראַלישער אויטאָריטעט און מיט דער וואָגיקייט פון זיין שם אַלס אנערקענטער תלמוד־קאָמענטאַטאָר, האָט זיך דער

מלבי״ם אַקעגנגעשטעלט די נײַע בערלינער אידייען, וואָס דער פּראָיעקטירטער בוקאַרעשטער טעמפּל האָט געזאָלט ווערן זייער סימבאָל און פעסטונג. דער מלבי״ם האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער מאַסע פון קליינבירגער און בעל־מלאכה׳ס, די לייפּציקער סוחרים און אינטעליגענטן האָבן אָ נ ג ע ש פּ אַ ר ט ביי מלכות. אַזוי אַרום איז באלד קלאָר געוואָרן חער ס׳וועט פאַרשפּילן. דער מלבי״ם האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד און די לעגענדע וויל: אַרויס־געפירט פון דער שטאָט, צו שאנד און צו שפּאָט, אויף אַ וועגאַלע מיסט; אויף דער „הייליקער פריַיטיק״־גאס (סטראַדאַ ספּ. ווינערי) איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּרעכטיקער טעמפּל־בנין צום פאַר־דראָס פון די אָרטאָדאָקסע און צו דער פרייד פון די „מאָ־דערנע״ יידן.

איז פאַרן סימבאָליש איירָאָפּעאיזירטן יידנטום געוואָרן פריַי דער וועג צו דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע? די געשיכטע האָט זיך דערלויבט אַ גאליק־ביטערע איראָניע. די רומענישע קאָנסטיטוציע פון 1866 האָט אין איר וועלטבאַרימטן אַרטיקל ז י ב ן אָפּגעזאָגט די יידן בירגער־רעכט, ווײַל... די יידן זענען חשוד אין גערמאַנאָפיליזם. ביסמאַרק האָט אַרויפגעזעצט אַ דײַטשן פּרינץ אויפן רומענישן טראָן און די יידן האָבן אויסגעבויט אַ טעמפּל אויפן דײַטשן נוסח. אין דער דאָזיקער גליקלעך־דעמאַגאָגישער „אידעען־פאַרבינדונג״ פון דײַטשן פּרינץ און יידישן טעמפּל זענען געשמידט געוואָרן די העק און די האַמערס מיט וועלכע דער אויפגעהעצטער רומענישער המון האָט צעשטערט דעם טעמפּל — דעם האָפנונגס־צייכן פון דער נאָענטער, מיט דער האַנט צו גרייכנדיקער עמאַנציפּאַציע*). אונטער די חורבות פונעם „גאָטעס־הויז״ זענען באַגראָבן געוואָרן די בירגער־רעכט און ליתר שאת איז פון דאָרט אַפּירגעקומען און זיך ענדגילטיק עטאַבלירט אין יידישן לעבן פון אַלטרומעניע — דאָס טעמפּליזם־פאַרזועניש.

---

*) לויט אַדאָלף שטערנס „זכרונות פון אַ רומענישן ייד״ איז דער פּאָגראָם אויפן טעמפּל פאָרגעקומען דעם 16טן יוני 1866.

יידיש־רומענישער טעמפּליזם, דאָס איז עפּעס אַ מין אברהם גייגעריזם פונעם האַלבן וועג אָן: ניט ר ע פ אָ ר ם־, נאָר פ אָ ר ם־ יידנטום. פאָרם־יידנטום ניט נאָר אין זינען, וואָס יידישקייט איז געבליבן בלויז שאָלעכץ, נאָר וואָס אויך די שטורמישע רומעניש־ אַסימילאַציע פון דעם דאָזיקן יידנטום האָט געגרייכט ניט ווײַטער ווי ביז צו דער שפּראַך. די דאָזיקע אַסימילאַציע האָט דעם יידישן מענטש אין אַלט־רומעניע ניט אָוועקגעפירט אין דער געדיכטעניש פון פרעמדער קולטור און אים אויך ניט אינערלעך ראָמאַניזירט. זי האָט בלויז שיטערער געמאַכט דעם צונויפבונד מיט דער „טראַדיציאָנעל יידישער ערציאונג" און מיט דער צײַט אויך אָפּגעריבן די צורה פון דעם ביסל אייגנאַרטיקן לעבנסשטייגער, וואָס האָט באַוויזן אָנצוּוואַקסן. דער אַלטרומענישער ייד איז גע־ וואָרן פּנים־לאָ, פּנים־לאָ, ווײַל ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ קולטור און איז ניט דערגאַנגען צו קיין אנדערער. עס האָט זיך אויך פון דור צו דור פאַרמינערט זײַן גײַסטיקע אינטענסיווקייט: פון אַ מעיין אין אַ ספר איז דער ייד געוואָרן דער לייענער פון אַ רומענישער גראָשן־צײַטונג.

האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעלאָשן די „אייגנס"־בענקשאַפט? ניין! יידישקייט האָט זיך בלויז אויסגעליידיקט ביז צו צערעמאָניע, ביז צו דעקאָראַטיוון ספּעקטאַקל. פאַרן רײַכן ייד און אינטעליגענט איז דער יידישקייט־ספּעקטאַקל געווען די לאָזשע און דער טעמפּל. דער קליינבירגער און דער אַרבעטער האָבן זייערע צערעמאָניע־ באַדערפעניש באַפרידיקט אין דער קרעטשמע און אין יידישן טעאַטער. די סודות־פּולע, פון סימבאָלישע צייכנס פאַרמאַטערטע לאָזשע־זיצונגען און די פײַערלעכע טעאַטראַלישקייט פון דער „מי שברך־יאדע" אין טעמפּל האָבן פאַרן בירגער געשאַפן די אילוזיע פון יידישער קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט. אין דער קרעטשמע האָט דער פון מרחקים אַראָפּגעקומענער זינגער באַזינגען די נויט פון אַ יידיש לעבן פון יענער זײַט גרעניץ און ווערזיפיצירט יידישע פּראָבלעמען פון גאַליציע און רוסלאַנד פאַר די אויערן פון

באַגייסטערטער איגנאָראַנץ און שפּילבאַדערפטיקער עם־הארצות· דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות, צווישן רעפאָרם און אָרטאָדאָקסיע איז דאָ פאַרן פאָלקסמענטש פון צווייטן דור געבליבן ניט מער ווי אַ טויבע ידיעה אַרויסגעהערט פון וועלוול זבאַרזשערס לעבעדיק ווערזיפיצירטער צייטונג· ס׳האָט פאַרכאַפּט ניט די פּראָבלעמאַטיק, וואָס האָט זיך געטומלט אין זיינע לידער, נאָר זיין ווונדערבאַרע קונץ פון פּראָמפּטער אימפּראָוויזאַציע· אברהם גאָלדפאַדענס טעאַטער איז אַרויסגעוואַקסן אונטערן „גרינעם בוים" אין יאַס און האָט באַהערשט די יידיש־רומענישע אָרימשאפט אַ דאַנק דעם וואָס אים איז געלונגען צו אַקטואַליזירן סצעניש אין געמיט פונעם פאָלקסמענטש אַנ׳אויסלענדישע פרשה חומש· די פרשה חומש, וועלכע דער בוקאַרעשטער, פלאָיעשטער און צום טייל אויך דער יאסער ייד איז געווינט געווען און ניט אנדערש ווי אויף רומעניש, אָפּצומבינ׳ען צי זי איז אַ כבוד, צי גאָר אַ אומכבוד פאַר זיין סאָציאַלער פּאָזיציע, צי עס איז ווערט געווען וועגן איר זיך אַריינצולאָזן אין דער שווייספולער אַווענטיורע פון מאַכן אַ ברכה, דיזעלביקע פרשה חומש ד׳האָט אונטערן מאַגישן גאָלדפאַדענישן שטעקאַלע באַקומען לעבן און איז ווערט געווען ניט נאָר א ברכה, נאָר טאַקע מער, אַ סך מער: האַרץ און ליבשאפט· אין דעם צוזאַמענהאַנג איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דאָס יידישע רומעניע איז עד היום און צוליב די זעלבע טעמים געבליבן דאָס לאנד פון פאַנטאַסטישן טעאַטער־ספּעקטאַקל· דער רעאַליסטישער בינע־דיאַלאָג וואַרימט ניט די ראָבוסטע וויטאַליטעט פונעם רומענישן ייד. די פּאָלקלאָריסטיש אויסגעהוילטע יידישע מאַסע ווערט געצונדן דורך דער אינסצענירטער עקזאָטיק פון יידישער דערמאַנונג· גאָלדפאַדענס: „עקדת יצחק", פּרץ׳ס: „ביי נאַכט אויפן אלטן מאַרק", אַנ־סקיס: „דבוק" און יעקב שטערנבערגישע פאַנטאַזיע־ספּעקטאַקלען זענען פאַרוואָרצלט אין געמיט פון יידיש־רומענישן פאָלקסמענטש און אינטעליגענט אַלס טיפע יידישע אינהאַלטס־בענקשאַפט·

האָט זיך פאַר דער שפּראַכלעך אַסימילירטער יידישער מאַסע ניט געשטעלט די באַוווסטזיניקע פראַגע פון קולטור־ און לעבנס־אַסימילאַציע? ערשט בײַם סוף פונעם נײַנצענטן יאָרהונדערט האָט דער יידיש־רומענישער דראַמאַטורג ר אָ נ ע ט י ־ ר אָ מ אַ ן (אַ געוועזענער מיטאַרבעטער פונעם ליקער „המגיד") אין זיין דראַמע „מאַנאַסע" צוגעשפּיצט די אַסימילאַציע צו אַ פּראָבלעם. עס איז נויטיק עפּעס לענגער צו פאַרווײַלן בײַ אָט דער דראַמע, ווייל אין איר האָט זיך דעם מחבר אײַנגעגעבן קינסטלעריש צו געשטאַלטן די גייסטיקע ירידה פון אלטרומענישע יידן אין משך פון דריי־דורות. מנשה — די פאַרקערפּערטע נשמה־גאַנצקייט פונעם ערשטן דור — סאַמעוועט שטאַרק מיט פּרץ׳ישע מענטשן. עס איז אין אים פאַראַן עפּעס פונעם בריסקער רב׳ס גייסטיקער תקיפות און אויך פון דער טראַגישער רעבעלישקייט קעגן לעבנס־פאַקט, וואָס צייכנט אויס אין אַזאַ גרויסער מאָס די פּרץ׳ישע העלדן. פונדעסטוועגן איז די מנשה־געשטאַלט ניט אויסגעוויקלט אינגאַנצן פון ליטעראַרישער פאַפּירנדיקייט און דאָס דערפאַר, ווייל עס הענגט איר נאָך די אידעאַליזאַציע־טענדענץ און די „דווקא וויל איך״־מאָנומענטאַלישקייט, וואָס ברענגט זי אין אַ סתירה צו דעם קלימאַטישן אַרום פון דער יידישער אַלטרומעניע. דער צווייטער דור איז מנשה׳ס זון, ניסים. ער איז אַ ווונדערבאַר רעאַליזירטע פאָרם־יידן־פיגור פון נאָכן חורבן „טעמפּל ראשון". דעם טאַטנס שטייגער־באָרד האָט ניסים פאַרביטן אויף אויסלענדישע באַקנבערד; פון מנשה׳ס אָרגאַנישער צונויפגעוואַקסנקייט מיט יידישן לעבנס־ און קולטור־געוועב איז בײַ אים פאַרבליבן עפּעס אַ געפיל פון חצי־פּיעטעט און חצי פחד צו די אַלע „הייליקע רעליגיע־זאַכן", צו וועלכע מע מוז גיין אַ פאָר מאָל אין יאָר אין וויזיט, אַ ניט קענען זיי חלילה ברוגז ווערן און קומען וואַרגן. ער, ניסים, איז ניט פאַרוואָרצלט, ניט אין רומענישן און ניט אין יידישן לעבן. ער איז ליבעראַליסטישע מהיכי־תיתי׳דיקייט אויף רומעניש, וואָס איז הענגען געבליבן אויף אַ האָר יידישקייט. די דאָזיקע האָר האָט

מיט עם־הארצ׳ישן ביטול דורכגעשניטן דער רעפרעזענטאַנט פונעם דריטן דור: עמיל האָרן, האָרן איז לגמרי פריי פון יידישן אידיי־ און געפיל־אָבערגלויבן. ער איז דער קלאָרער פאַר־שטאַנד פון האנדל־וואנדל, וואָס ווייסט אַז דער סוד פונעם מענטשנס גלייכגעוויכט אין דער געזעלשאפט איז צו געפונען אין טייסטער, דער טייסטער וואלגערט זיך אין די טונקעלע געגנ פון רומענישער געשעפטס־פּאָליטיק. מיט ערמה, הכנעה און חניפה וואַנדלט ער אויף יענע וועגן בהקיץ און אין חלום. אָט דער גע־שעפטס־פּאָליטיק־סאָמנאַבוליזם — דאָס איז עמיל האָרן׳ס רומענישע אַסימילאַציע.

ראָנעטי ראָמאַן׳ס אידעאָלאָגישע כונה איז געווען: מנשה׳ס יידישער סעפּאַראַטיזם ווערט געבראָכן; זיין אייניקל לאה האָט חתונה מיטן רומעניש׳ן אינטעליגענט פרונדזע; די אַסימילאַציע האָט מנצח געווען; יידישע יוגנט! נעם דיר אַראָפּ א מוסר־השכל פון מיין העלדין לאה! זי האָט דיר געשענקט אַ נייעם אידעאַל, דעם אידעאַל פון אַסימילאַציע!

די דראַמע איז געשפּילט געוואָרן אָפּט און אונטער דראַ־מאַטישע אומשטענדן (דראַמאַטישע, ווייל עס איז פון צייט צו צייט געווען א חלול־רומענערטום זי צו שפּילן אין נאַציאָנאַל־טעאַטר!) און געבליבן זענען פון איר אלס לעבעדיקע — ניט ליטעראַרישע — שארית־הפליטה: די מאָנומענטאַלע געשטאַלט פון „מנשה״ און די ביז צו שפּראַך־נמשל פּאָפּולאַריזירטע פיגור פונעם יידישן מעקלער „זעליג שאָר״. דאָס אַסימילאַציע־פּראָבלעם פון דער ערפאָלג־רייכער דראַמע איז געווען און איז פאַרבליבן ליטעראַטור, וואָס האָט ניט געהאט קיין כח אַריבערצושפּרייזן די בינע־ברעטער. אפשר דערפאַר וואָס מחמת מאנגל פון פּאָליטישער עמאַנ־ציפּאַציע איז די פראַגע נאָך געווען פאַרפריט און זיכער אויך צוליב דעם, וואָס אונטערן גראָען הימל פון דער יידיש־רומענישער געזעלשאפטלעכקייט האָבן זער לאַנגזאַם געבליט און זיך קיינמאָל ניט אויסגערייפט פּראָבלעמען פון „זיין אָדער ניט זיין״. דעריבער

אין דאָ אויך דער אָטעם פון אידעאָלאָגישער דיפערענציאַציע געווען אַ קורצער. האָט דאָ מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק אַ ווייע געטון א ווינטל פון שמד, איז אויך דערפון קיין פּראָבלעם ניט אויסגעוואַקסן. ביי די משומדים האָט זיך די יידישע מטבע ניט מערער אָפּגעריבן ווי ביי אנדערע. אַ דור שפּעטער איז פון דעם שמד־פאַקט געוואָרן ניט מער ווי אַ פּיקאַנטע נייעס, וועלכע מ׳האָט קאָלפּאָרטירט בסוד כודות.

דער קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע האָט געוואָרפן א בריקל איבער אידעאָלאָגישע דיפערענצן און לעגיטימע אינטערעסן. דער אַסימילירטער יידישער שתדלן איז געווען, אויב מ׳האָט באַדאַרפט, אַ חובב־ציון, אי דאָס איידער ער האָט געקענט חלומן צו ווערן אַ אַגענץ־מיטגליד פאַר זיין נישט־ציוניזם. דער הערצלישער ציוניסט איז נאָכגעקומען אין ענין אַסימילאַציע, ווייל פאַרביידע — דעם אַסימילאַנט און דעם ציוניסט — זענען ארץ־ישראל, העברעאיש, די סינאַגאָגע און דער צדקה־פאַריין געווען אַ שפּילעכל, וואָס קאָסט געלט, און ניט „קאָפּדאַרעניש״. אלע אָן סאָציאַלע אָנ־טערשידן האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל בראש פון איר זענען געשטאַנען באַיאַרישע זון, וואָס האָבן געפּאָדערט רעכט פאַר יידן. די באַיאַרישע זון האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין סאָציאַליזם ניט אויסגעהאלטן. ביים סאָציאַליזם זענען פאַר־בליבן די, וואָס אידעאַליזם איז זייער גורל: באַזיצלאָזע רומענער און באַזיץ־ און רעכט־לאָזע יידן. ערגעץ האָבן אין יאָס יידישע סאָציאַ־ליסטן געשמוגלט פון אויסלאַנד בונדישע ליטעראַטור איבער באַסאַראַ־ביע קיין רוסלאַנד, און זענען אָנגעשמעקט געוואָרן מיט יידישן סעפּאַ־ראַטיזם. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען אַ סאָציאַליסטישע צייטונג אויף יידיש: „דער וועקער״. „דער וועקער״ איז אָבער ניט געווען לויטן בונדישן שטייגער מאַרקסיזם אויף יידיש, נאָר יידישקייט לעבן מאַרקסיום. אין דער ניט דיפערענצירטער אַט־מאָספער פון יידישער רעכטלאָזיקייט האָבן טשאָלנט און מערוועדט געהויזט פרידלעך ביינאַנאַנד. פּראָגראַמאַטיש זענען די רומענישע

סאָציאַליסטן און פאַר אלעמען די יידן צווישן זיי געווען געכאַפּט אין איסקראַישן קאָסמאָפּאָליטיזם, אָבער אָן די דקדוקי עניות פון אומטאָלעראַנץ אין דער פּראַקטיק.

די דאָזיקע טאָלעראַנץ האָט זיך אויך איבערגעטראָגן אויף די יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן מיט דער צייט פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער רומענישער קולטור. די אינטעליגענטן זענען ניט ווייטער דערגאַנגען, ווי ביז צום קולטורעלן פלאַכלאַנד — פּרעסע־שאַפּענדע כוחות קענען אַרויסוואַקסן נאָר פון אויטענטישן שטייגער־לעבן און אַזעלעכס איז ניט פאַראַן געווען. אויפן זאַמדיקן באָדן פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע האָבן זיך נאָר געקענט אויסבויען די גייסט־ און אינפאָרמאַציע־אַגענטורן פון זשורנאַליזם, וואָס האָבן פאַר דער קולטור־עקאָנאָמיע תמיד נאָר סעקונדאַרע און אַמאָל אויך סכנה׳דיקע באַדייטונג. ניט נאָר די יידישע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן געשאַפן די יידישע צייטונג אויף רו־מעניש, נאָר אפילו יענע יידן, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין דער פּאַרטייאישער און אין דער פּאַרטיילאָזער רומעניש־דעמאָ־קראַטישער פּרעסע (און דאָס לעצטע איז דאָס כאַראַקטעריסטישע!) זענען ניט געווען פון יענעם מין אין גאַליציע און אויך אין די איבעריקע לענדער פונעם אַלטן עסטרייך באַקאַנטע שרייבער, וואָס האָבן זייער פּוילישקייט און דייטשישקייט דערפירט ביז קאַלטער פרעמדקייט, ניין, ביז פיינטלעכן בטול און שפּאָט צו יידן. אין דעם פּרט האָבן זיך פון די זשורנאַליסטישע כל הנערים ניט אָפּגעטיילט אַפילו אַזעלכע שרייבערישע פּערזענלעכקייטן ווי ווילהעלם פעלדמאַן אין לעמבערג און פרידריך אויסטערליץ אין ווין.

דער יידיש־רומענישער זשורנאַליזם אָבער, איז געשטאַנען אין סאַמע קאָך פון מחלוקת צווישן רומענישע פּאַרטייען, פון סכסוכים צווישן פּאָליטיקער, פון אינטריגעס צווישן פּאָליטישע אַספּיראַנטן און... ניט ווייט פונעם יידישן עמאַנציפּאַציע־פּריפּעטשיק. אָפּגע־רעדט פון אַזאַ צייטונגס־פענאָמען ווי דער היינט כמעט אַכציקיעריקער

משה שוואַרצפעלד, וועלכער מוז דערמאָנט ווערן, ווייל ער איז בלי ספק די רעפּרעזענטאַטיווסטע געשטאַלט פון דער יידישער פּרעסע אויף רומעניש (זיין וואָכנבלאַט „עגאַליטאַטע" (גלייכהייט) דערשיינט שוין אַן ערך זיבנאונפערציק יאָר מיט די זעלבע פּאָלע־מיסטישע און אַפּאָלאָגעטישע אַרטיקלען, מיט דיזעלבע פריילעכע ידיעות וועגן יידישע פון מלכות־חסד באַקומענע אָרדערס, מיט דיזעלבע האָפערדיקע מזל־טוב׳ס פאַר יינגע פּאָרפעלקער און מיט דיזעלבע פּאַטעטישע נעקראָלאָגן. גאָר ניט האָט זיך אין דער „גלייכהייט" ניט געביטן אחוץ די נעמען פון רשעות׳דיקע אַנטי־סעמיטן, גליקלעכע חתן־כלה׳ס און פאַרדינסטפולע נפטרים. געביטן האָט זיך אויך ניט דער אַכציקיעריקער רעדאַקטאָר אַליין: זיין שאַרפקאַנטיק וואָרט, שׂכל־הישר׳דיקע ראיה און דאָקומענטירטע אינפאָרמאַציע) אָפּגערעדט, הייסט עס, פון שוואַרצפעלדן, זענען יינגערע פון אים, וואָס פאַרנעמען היינט צו טאָג וויכטיקע, זייער וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער רומענישער פּרעסע, אין זייער אַסימילאַציע ניט אָנגעקומען ווייטער ווי צו רומענישן שפּראַך־אימפּעריאַליזם, וואָס זיין אינהאַלט איז ווייכער, ביז גאָרוועלטישער הומאַניטאַרישקייט סובלימירטער פּאַטריאָטיזם און וועלטמענישער גע־ראַנגל מיט דער ליריק פון „פינטאַלע ייד". דער אויפן שטייגער פון „נייע פּרייע פּרעסע" זומפּיק, ברייט־צעפלאָסענער ב. בראַנישטעאַנו, דער מעמאָטעכניקער פון ענציקלאָפּעדישע פּסוקים און פּאָליטישע גלייכווערטלעך סאַניעל גראָסמאַן, דער פּיל־פּוליסטיש־פּאַראַדאָקסאַלער פּאָלעמיסט קאָנסטאַנטין גראַאור, דער איבעראַשנדער שפּראַך־פּאָענטירער און סקעפּסיס־חנדלער ה. סט. שטרייטמאַן, דער פון אידעאישער וויטאַליטעט און קאַמפּס־לוסט איבערשטראָמענדיקער סאַניעל לאַבין, און אַנדערע דעאי מינאָרעס, זיי אַלע, וואָס זענען עד היום איבערן קאָפּ אַריינגעטון אין ווירוואַר פון רומעניש־פּאָליטישן לעבן, זיי אַלע, האָבן אין זיך גאָר ניט פון דעם ווילבאַקאַנטן אַסימילאַציע־עקשנות־וואָס איז אידענטיש מיט דער, מענטשלעכע חשיבות באַליידיגענ־

דער, איבערליציטירונג פון פרעמד־נאַציאָנאַלע געפילן; עס איז געבליבן ביי דער זעלבער מערכה פון אויבנאויפיקער שפּראַך־צופּאַסונג אויך איצט, נאָכדעם וואָס דער אַרטיקל זיבן איז שוין באַלד אַנ׳ערך צוואַנציק יאָר טויט און די יידישע מאַסן אין אַלט־רומעניע זענען, הייסט עס, שוין פּאָליטיש עמאַנציפּירט און נעמען אָנטייל אין פּאָליטישן וואַל־טומל. דער חלק ריווח, וואָס איז צוגע־פאַלן פון דעם דאָזיקן טומל א גרויסן טייל פון יידישע פאָלקס־מענטשן און אינטעליגענטן, איז ווידער ניט א רויק פּאַרטיפּטער צונויפבונד מיט דער רומענישער קולטור, נאָר א ווילדע כאַראַקטער־צעטומלעניש. וויבאַלד די יידישע מאַסע אין די מאָלדאַווישע שטעטלעך איז פאַרן רומענישן פּריץ געוואָרן אַ סכום פון וואַל־צעטלען, האָט אויך ניט פאַרזאַמט זיך צו מעלדן „דער חשוב״, וואָס איז אויסגעבונדן מיט די מושלים, האָט זיך אַליין פאַרזאָרגט און לאָזט אויך אַלע „גוטע און פרומע״ אָפּלעקן אַ ביינדל. ער איז דעם פּריצ׳ס הכנעה׳דיקסטער הונט און דער חוצפּה׳דיק־סטער קאָמאַנדירער פון זיין וואַל־קליענטעל; ער טוט צען יידן טובות און זאָגט דעם גאַנצן שטעטל „דו״, מיט איינעם וואָרט, די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע האָט אינדערוויַיל פאַר אַלעמען געבראַכט צו טראָגן אויף דער יידישער גאַס א נייעם מענדעלישן בעל־טאַקסע, וואָס האָט זיך געשטעלט לערנען מיט דער יידישער אָרימשאַפט די פריקרע סדרה פון מענטשלעכער ווערדעלאָזיקייט. (א באַזונדערס גראָטעסקע פאָרם פון בעל־טאַקסיזם פאַרמאָגן אין דער וואַלאַכיי די אַזויגערופענע קעגנזייטיקע הילפספאַריינען, וואָס זענען פאַרן קליינבירגער דער במקום לאָזשע, אין וועלכער ער קען צוליב זיין נידריקער סאָציאַלער פּאָזיציע ניט אַריינדרינגען. די פּורים־שפּיל־היעראַרכיע פון אָט־די פאַריינען (געוויילטע צערעמאָניע־מייסטערס), דער אָבליגאַטער טרויער־אַנאָנס אין די צייטונגען, די באַזונדערע פּלעצער אויפן בית־עולם און די „דע־לוקס״־לויה, ביי וועלכער עס מוזן זיך באַטייליקן די מיט־גלידער פון נומער אַזויפיל ביז אַזויפיל (וועלכע נומערן עס וועלן

אויספאלן אויף זײַן גורל דאָס איז א רעטעניש, וואָס מוטשעט
ביים לעבן די פאַנטאַזיע פון אַ יעדן מיטגליד) דאָס אַלץ גיט
דעם קליינבירגער די אילוזיע פון חשיבות און מאַכט אים דער־
ווײַלע פאַר א געהאָרכזאַם שרײַפל אין דער פאָליטישער מאַנעוו־
רירונגס־מאַשין פון כל המינים פרעזידענטן.)

איז ער דער בעל־טאַקסע געבליבן טאַקע דער איינציקער
סארוועד? האָבן זיך אים ניט אַקעגנגעשטעלט ריכטונגען און
אידייען? דאָס צו באַהויפּטן וואָלט געווען א גוזמא!

פון חוץ לארץ האָבן אַהער אַריבערגעווייט דער סאָציאַליזם
און דער יידיש־נאַציאָנאַלער געדאַנק.

דער סאָציאַליזם ווי אַ עקאָנאָמישע באַפרײַאונגס־אידיי האָט
אָנגעשטויסן אויף דער מעות חטין, כשר פלייש און בית־הקברות־
פילאַנטראָפּיע, וואָס איז פאַר דער יידישער אָרימשאפט געווען די
לעצטע פאָזיציע פון א פריצײַטיק אָפּשטאַרבנדיקן לעבנסשטייגער.
ער האָט געשטורעמט די דאָזיקע פאָזיציע אַרײַננעמענדיק די
שטייגער־רעקוויזיטן אין אַרסענאַל פון זײַנע פראָפּאַגאַנדע־לאָ־
זונגען. דער סאָציאַליזם האָט דערמיט אַליין אָפּגעבראָכן זײַנע
שאַרפע קלאַסנקאַמף־שפּיצן און זיך איבער זײַנע אידעאָלאָגישע
ברעגעס צעגאָסן אויף דער יידישער גאס, בפרט אין מאָלדאָווע,
אין טאָלעראַנטער הומאַניטאַרישקייט, וואָס איז ניט געווען בכח
אַוועקצוווישן די צרעתדיקע בעל־טאַקסע־פילאַנטראָפּיע.

דער יידיש־נאַציאָנאַלער געדאנק, ניט אָנטרעפנדיק דאָ ניט אויף
קיין אײַנגעוואָרצלטער שטייגער־טראַדיציע און ניט אויף קיין אידע־
איש באַפעסטיקטע קעגן־פאָזיציעס, האָט ער אין גיכן פאַרלוירן זײַן
נײַקייט־ און קאַמף־אימפּעט און איז געוואָרן א סטאַטעטשנער מחותּן
אינעם פויזעדיקן לעבנס־אָפּאָרטוניזם. איין מעגלעכקייט איז געווען אָפּ־
צוראטעווען דעם, דורך אימפּאָרט אַרײַנבאַקומענעם, נאַציאָנאַלן גע־
דאַנק פון הינערפלעט: אַ נײַע, אָדער אַלט־נײַע שפּראַכלעכע פאָרם.
דאָס יידיש־גערעדטע און געשריבענע וואָרט האָט געקענט ווערן
פאַרן נאַציאָנאַליזם דאָס כשוף־גלעקל, וואָס זאָל אויפוועקן די־

אונטער דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע אַנטשלאָפענע נאַציאָנאַלע אינהאַלטס־פּאָטענצן. נאַציאָנאַלע פּראָפּאַגאַנדע אויף רומעניש האָט העכסטנס געקענט באַפלאַנצן דאָס רומענישע לשון מיט די עקזאָטישע בלימלעך פון ציוניסטישער פּאַראַדע־טערמינאָלאָגיע, איז אָבער ניט געווען בכח צו פאַרפלאַנצן די אידעאישע קערנדלעך צו־אַ אויפסנײַער יידישער קולטור־פאָרמאַציע. צום שלעכטן רומענישן אַקצענט פונעם יידישן קליינבירגער זענען צוגעקומען ספּעציפישע טערמינען פון העבּרעאישן מעטאַל און רומענישן קלאַנג (Kerenhaysod-ul, Histadruth-ul) וואָס האָבן אים, דעם קליינבירגער צו גאָרניט ניט באַהעפט און פון גאָרניט ניט אָפּגעריסן. דער גוישער סטרוזש האָט גערופן אין שול אַרײַן און זיך אפילו ניט גענומען די מי זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ שמש.

דער דאָזיקער ריס צווישן פאָרם און אינהאַלטס־בענקשאַפט — ער איז דאָס, דער עיקרדיקער חולאת פון דער גאָרער יידיש־רומענישער קולטור־טענדענץ. ער פאַרקרימט ביז צו גראָטעסק דאָס פּנים פון די „רומעניש־איזראַעליטישע" שולן, אין וועלכע עס ווערט דערצויגן אַ גרויסער טייל אָרימע קינדער, דעזאָריענטירט ביז טראַגיקאָמישן בלויז קולטור־חברות און מאַכט גערונען דאָס שאַפונגס־בלוט פון יידיש־רומענישע ליטעראַטן.

די קרעאַטיווע פּאָטענץ פונעם רומעניש שרײַבנדיקן יידישן ליטעראַט האָט ניט אונטער זיך דעם אויטענטישן מענטשלעכן שטאָף־מאָדעל פון געשטאַלטונג. דער רומענישער לעבנסשמייגער באַהאַלט אויס זײַנע טיפע געמיטס־קוואַלן אונטער די שטרויענע דעכער פון דאָרפישן ישוב און איז ניט צוגענגלעך פאַר דער שאַפונגס־פאַנטאַזיע פונעם יידישן קינסטלער, וואָס געפונט זיך סאָציאַל און גײַסטיק אויף דער פלאַך פון שטאָטישער קולטור און עקאָנאָמיק. וואָס שײַך דעם רומענישן אורבאַניזם, איז דער יידישער ליטעראַט מיט אים, וואָס אמת, שטאָפלעך אינטים. אַזוי־וי אָבער דער שטאָף איז אַנ'אויסגעשפּראָכן סאַטירישער, האָט דער יידישער קינסטלער צוליב פרוידיש אויסצופאָרשנדע טעמים פונעם

אונטערבאַוווסטזיַין, באַוווסטזיניקע רעאַליזאַציע־באַוואָרענישן, וואָס דערויף קרענקט און צומאָל ווערט אויך נפטר די וואָרהאפטי־קייט און די אינטואיטיווע ספּאָנטאַנישקייט פונעם ווערק. דער מאָגערער יידישער שטייגער־מאָדעל ווידער, אויף וויפל ער איז אַסאָציאַטיוו נאָך פאַרבונדן מיט דער שאַפונגס־פאַנטאַזיע פונעם רומענישן שרײַבער פון יידישער אָפּשטאַמונג, דערגייט ער צו זײַן אַרבעטס־טיש פון צווישן מצבות און פאַרשאָטנטע סינאגאָגע־ווינקלען און צווינגט דעם י ו צ ר פיעטעטפול נאָכצוגעבן די מע־לאָדראַמאַטישע חפציעס פונעם ח ו מ ר: אויסצוקנעטן העלדן מיט סקאַרבאָווער סליחות־שטימונג און כל־נדרי־צער. טרעפט זיך, אַז דער שרײַבער האָט געגנוג כח ניט רחמנות צו האָבן מיט זיינע צעפּיעשטשעטע אַסאָציאַציעס, דאַן, דאַן דראָט אים די סכנה פון אַרײַנפאלן אין אנדערן עקסטרעם, דהיינו: צו מ אָ ר אַ ל י ז י ר ן זיינע העלדן מיט ראַציאָנאַליסטישער אייראָפּעאישקייט און זיי צו ד ע מ אָ ר אַ ל י ז י ר ן ביז שאַרזש. טרײַ און ערלעך גייט דער יידיש־רומענישער שרײַבער צום שאפונגס־ברונעם. מ׳מוז אָפּט באַוווּנדערן די עלעגאַנטע בויגעוודיקייט און אַקראָבאַטישע וויר־טואָזיטעט מיט וועלכער ער שלענגלט זיך אונטער דער גלאַטקייט פון שפּראַך־קראָמיסלי. אַ שאָד נאָר, וואָס די קאַן פון רומענישקייט קען ער ניט מיטנעמען און די פון יידישקייט איז לעכערדיק.

דער פרווו זיך צו ראטעווען פונעם קלעם דורך פּרצ׳ישער טעמאַטיק האָט קינסטלעריש קיין פירות ניט געצײַטיקט. א. ל. ז י ס ו ס קבלה־טראַקטאַט אין זײַן „ודוי פון א קאנדעלא־בער״ האָט געמוזט זוכן טײַטש־וועגן צו דער פרעמדער שפּראַך־פאָרם און צום פרעמדן לייענער און איז דערגאנגען ביז... פּוב־ליציסטיק. א ו ר י ב ע נ אַ ד אָ ר ס מיסטיק פונעם סאַדאַגערער רבישן הויף אין זײַן נאָוועלע „אַפּאַסיאָנאַטא״, האָט קינסטלעריש ניט אַריבערגעשפּרייזט די גרעניצן פון אַ עקזאָטישער „מעשה נורא״.

איןביידע פאלן (הגם ס׳איז פאַראַן אַ בולטע דיפערענץ צווישן ערשטן און צווייטן אין פרט פון יידיש־גייסטיקער טעמ־

פּעראַטור) איז די מיסטישע כמאַרע ניט געווען די אויפשטײַגנדע פּאַרע פון דער ערד, נײַערט דער שרײַבער אַליין האָט געבלאָזן אויפן ליטעראַרישן געקעכץ: ר׳האָט געוואָלט ס׳זאָל ווערן הייס און עס איז געוואָרן נאָך קעלטער.

דער שדוך צווישן יידישער טעמאַטיק און רומענישער שפּראַך־פאָרם איז אַזוי אַרום ניט געוואָרן קיין קשר של קימא. די רומענישע שפּראַך גופא אַלס קינסטלערישער שטאָף, אַלס אָביעקט פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען איז געווען און איז דערווײַל געבליבן די איינציקע גלענצענדע לייסטונג פון די יידיש־רומענישע שריפטשטעלער. די פונדאַמענטאַלע אַרבעטן פון לאַזאַר שײַניאַנו, היימאַן טיקטין, משה גאַסטער און באַרבו לאַזאַרעאַנו אויפן געביט פון רומענישער פאָלקלאָריסטיק, פילאָלאָגיע און ליטעראַטור־פאָרשונג זענען דערווײַלע די איינציקע שאַפונגס־גאַנצקייט צו וועלכער עס האָט געקענט דערגיין דער בלויז שפּראַכלעך אַסימילירטער ייד פון אַלטרומעניע.

אוודאי זענען דאָ, און בפרט אין די געגנטן פון געדיכטערן יידישן ישוב אַרום דער אַלטער קרוינשטאָט יאס, געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פון צוריקפירן דאָס נאָך פאַראַנענע מאַסישע שטייגער־לעבן צו יידישער פאָרם. די ליטעראַרישע גרופּע „ליכט״ (1915) צו וועלכער ס׳האָבן געהערט דער אין דער מלחמה געפאַלענער אפרים וואַלדמאַן, דער פרי פאַרשטאָרבענער רבי׳שער זון מאַטעס פרידמאַן, דער קליין־פעליעטאָניסט מאָטי ראַבינאָוויטש, דער דיכטער יעקב גראָפּער און דער פון בעסאַראַביע אַריבערגעקומענער פּראָדוקטיווער זשורנאַליסט און רעדנער יעקב באָטאָשאַנסקי, איז ניט נאָר געווען דער באַגינען פון מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין אַלטרומעניע, נאָר זי האָט אויך אָנגעפירט אַ רירעוודיקע טעטיקייט פון יידישיזירונג מיט דער הילף פון אויף אויסנווייניק איבערדערציילטע קאַפּיטלען שלום־עליכם און פּרץ (עס זענען אין גאַנצן לאַנד געווען געציילטע קענער פון זייערע ווערק) און מיטן כח פונעם פאָלקס־

רייזען־ און ראָזענפעלד לידי אויב דאָס געשריבענע און גערעדטע וואָרט פון די דאָזיקע יידיש־פּיאָנערן האָט ניט געהאַט די גענו־גענדע קראַפט און אפשר אויך צייט (עס איז געווען ערב רומעניעס צושטיין צו דער וועלט־מלחמה) אַריבערצושפּרייזן דעם ענגן קרייז פון ליבהאָבערס און איז דערפאַר בלויז געבליבן האַפטן ווי א לשם־נוי־ דערמאנונג אין דער ביאָגראַפיע פון דעמלט ייִנגע און הײַנט בעל־בתיש אויסגערײַפטע גימנאַזיסטן, האָט אָבער דאָס פון זיי מיט באַגײַסטונג פּראָפּאַגירטע פאָלקסליד (א דאנק דעם קפיצת־הדרך־סוד פון מוזיק) געפונען דעם וועג צו א ברייטערן שיכט פון פאָלקסמענטשן און אינטעליגענטן. די פאָלקליד־שפּורן זענען, אגב, עד היום אין דער מאָלדאָווע ניט פאַרווישט געוואָרן. שע־פעריש צו באַהעפטן דאָס יידישע פאָלקסליד מיט דעם ספּעציפישן אַראָמאַט פון דער רומענישער ערד, קינסטלעריש צו קרײַצן זײַן קלאָג און טרויער מיט דער האַרציקער בענקשאַפט פון דער רו־מענישער „דאָינע" — דאָס האָט ערשט באַוויזן דער ערשטער דור פון נאָך „ליכט": די מוזע פון איציק מאַנגער. (פונ־דעסטוועגן האָט א געזונטער דיכטערישער חוש אונטערגעזאָגט מאַנגערן צו פאַרפלאַנצן זײַנע חנ'עוודיק־שטיפערישע „חומש־לידער" אין דער מזרח־גאַליצישער לאנדשאפט פון זײַן טאטן און ניט אין דער אייגענער מאָלדאַווישער. „די בערד פון די אבות און די שטערנטיכלעך פון די אמהות" וואָלט דאָ פאַרפעלט די אַרומיקע שטייגער־דעקאָראַציע און עס וואָלט געוואָרן א פאָרשטעלונג אָן גרים און אילוזיע).

די רוישיקע נאָכמלחמהדיקע יידיש־אָפּענזיווע אויף די פליגלען פון ראַדיקאַלער אידעאישקייט האָט, אָנשטויסנדיק זיך אַ חוץ אויף אַלע שוין פריער אויסגערעכנטע אָרגאַנישע מניעות פונעם יידישן לעבן אין אַלטרומעניע, אויך אויף דער אַלץ מער און מער וואַקסנדיקער שנאה מצד דער אָפיציעלער מלוכה־פּאָליטיק, געמוזט ווערן אַלץ דעפענזיוו און דעפענזיווער...

דאָס דאָזיקע נײַע קאַפּיטל יידישיזם איז נאָך צו צאַרט און

צאפלדיק, אַז מ׳זאָל מעגן אַ מיש טון דערין מיט צוגעשפּיצטע היסטאָריציסטישע פּרעטענציעס. אָבער אַלס אָפּשליס פונעם פריער געזאָגטן טאָר ניט פאַרהוילן בלײַבן דער טרויעריקער אמת, אַז דער יידישיזם דאָ אין אַלטרומעניע איז דערוואַילע אויך הײַנטצוטאָג ניט מער ווי אַנ׳ אין דער שטיל אָרגאַניזירטער קולטור־קאָמפּלאָט אויף דעם צעריסענעם געמיט פון אַ לעבנסשטייגער, אין וועלכן פּרצ׳ס אומאויסשעפּלעכער אָפּטימיזם האָט דאָך געגלויבט ווי אין אַ רעזערוו פון יידישער פאָלקסוויטאַליטעט.

איז פּרץ אין דעם פּרט געווען אַ בלינדער מאמין, צי אַ העלער זעער?

יעקב גראַפּער

(צום דערשײַנען פון זײַן בוך לידער: „אין שאָטן פון אַ שטיין")

גראַפּער געהער צו דעם מין קולטור־שעפּערס, וואָס אַ יעדע אָנגעשריבענע שורה זייערע בלײַבט ווײַט הינטערשטעליק אונטער דער שפע און טיפזיניקייט פון זייער אינספּיראַציע. ער באַלאַנגט צו יענעם מין פּאָעטן, וואָס קײַן שום אָפּגעריסענער ניגון וועט ניט לאָזן אויפקומען אין אײַך די פאָרשטעלונג פון זײַן גאנצער שלימות־דיקער פּערזענלעכקייטס־סימפאָניע. טראַגיש איז דער גורל פון אַזעלכע מין שרײַבער: פון דעם גאנצן פעלזן־קאָמפּלעקס פון זייער פּאָטענציעלער שאַפונג, קרישלט אָפּ די פעדער נאָר ברעקלעך, וואָס לאָזן קאלט דעם ליטעראַטור־מבין און דערוואַרעמען ניט דעם ליטעראַטור־סנאָב, ווײַל פאַרבאָרגן בלײַבט פאַר זיי אונטער דער פראַגמענטאַרישקייט פון וואָרט און פערז, די גאנצקייט און כולו מוקשה׳דיקייט פון געדאַנק און געפיל. אין דעם זינען געפונט זיך גראָפּער אין א זער בכבוד׳יקער קאָמפּאַניע, אין דער קאָמפּאַניע פון י. ל. פּרץ. צוליב פּרצ׳ס פראַגמענטאַרישקייט, צוליב זײַן צעריסנקייט אַלס רעאַליזאַטאָר, האָט ניט איינער פון זײַנע „זאַכלעכע" קריטיקערס ניט דערזען די ריזנגעשטאַלט פון דעם, וואָס איז געווען א סך מער ווי ליטעראַט, נאָוועלן־ און דראַמען־שרײַבער, ווײַל ער איז געווען די קאָנדענסירטע גײַסטיקע פּערזענלעכקייט פון אַ צײַט־אָפּשניט, סימבאָל און אָנזאָגער פון אַ נײַעם קולטור־רענעסאַנס.

בלינדע אויף ניט צו זען דעם ברענענדיקן פּרץ־צייכן פון

אונדזער צײַט, חושימדיקע אויף ניט צו דערפֿילן דעם פּרץ־אומרו אין דעם יידיש־געשאַפֿענעם וואָרט פֿון גאָר דער וועלט, פֿאַר־מעסטן זיך הײַנט די באַבריליטע קונסט־דידאַקטיקער צו אַ רעוויזיע פֿון פּרץ׳ישן ווערק. זיי ווייסן ניט די טאַלענט־אַפּטייקערס, אַז איבערקוקן לאָזט זיך אפֿשר פּרץ׳ס אַ נאָוועלע, אַ דראַמע, אָבער ס׳איז אומעגלעך צו רעווידירן די פּערזענלעכקייט פּרץ, וואָס איז אָרגאַניש אַרײַנגעוואַקסן אין אויפֿלעבונגס־גײַסט פֿון אונדזער צײַט און האָט אויסגעשטראַלט איר פֿלואידום אין די נשמות פֿונעם הײַנטצײַטיקן שעפֿערישן און געניסנדן גײַסטיקן יידישן מענטש.

איך פֿאַרמאַך די פֿאַראַנטעז פּרץ און קער זיך אום צו יעקב גראָפּער.

אײַנגאַנצן מיט דרײַ צענדליק יאָר צוריק זענען די אײנציקע יידיש־פּיאָנערן אין אַלט־רומעניע געווען דער שונד־אַקטיאָר און דער קרעטשמע־זינגער. ביידע נישט מוזיקאַליש באַגאַבט, האָבן זיי גענומען פֿאַלשע טענער, הגם זייערע צײַטווײַליקע דיריזשאָרן זענען געווען ניט קיין קלענערע ווי אברהם גאָלדפֿאַדן און וועלוול זבאַ־ראַזשער. אין וואַרשע — פּרץ, אין אָדעס — מענדעלע; אין גאַליציע — קאַמף פֿאַר דער גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון דער יידישער שפּראַך; אין דער בוקאָווינע—טשערנאָוויצער שפּראַך קאָנפֿערענץ און אין דער נאָענטער מאָלדאַווע מיט אירע רײַכע פּאָסעסאָרס, גע־ניטע ב לי־מלאכה׳ס, ווײַן־סוחרים, פּיאַטרער משכילים, גאַלאַצער חובבי־ציון און יאַסער סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן? גאָרניט, קײַן סימן פֿון א אייגענער קולטור־צורה. קיין איין מזומענער קולטור־גראָשן, אלץ אויף אויסלענדישן אידעאישן קרעדיט ביי דער „אַליאַנץ” אין פּאַריז און ביים „קאָמיטעט” אין אָדעס. דער יידיש־ראַדיקאַלער געדאַנק האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין די ביבליאָטעקן פֿון געציילטע פּאַסיאָנירטע פֿרײַנט פֿון יידישן בוך אין פּאַשקאַן הערלוי און אפֿשר ערגעץ נאָך אין אַזאַ גרויס שטעטל.

די עקזיסטענץ אַליין פֿון אַ יידישן ליריקער, וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פֿונעם בעלי־בתישן שטאַנד אין מאָלדאַוויש־בוקאָ־

װינער גרענעץ־שטעטל מיהאלען און װאָס האָט געשריבן אויף יידיש לידער, ראוי געדרוקט צו װערן אין דער װילנער „יידישע װעלט״, די עקזיסטענץ פון יעקב גראָפּער אַליין, זאָג איך, איז שוין געװען אַ װיכטיק קולטור־געשעעניש. דער יידישער אינטעליגענט גראָפּער, װאָס האָט מיט אַנ׳אמת פּאַרצײַטישער התמדה און חריפות צונױפגעשטעלט זײַן קולטור־באַגאַזש פון דײַטשישער װיסנשאַפט, פראַנצױזישער גײַסט־פּראָבלעמאַטיק, פרישער פאָלקס־טימלעכקייט פון דער יונגער רומענישער ליטעראַטור, און אַן אייגענער אינערלעכער אינטענסיװקייט פון געדאנקענפלי און נשמה־פלאטער, ער, דער אינטעליגענט גראָפּער איז װײַט אַרי־בערגעשטיגן דעם קולטור־ניװאָ פון דער דעמלטיקער און אויך פון דער הײַנטיקער האַלב און גאַנץ אַסימילירטער רומעניש־יידישער אינטעליגענץ. זײַן יידישע שאַפונג? זי איז קודם־כל געװען אַ רעזולטאַט פון דעם מאָגערן ביסל יידישן גײַסטיקייט אין זײַן שטעטל, אַ גײַסטיקייט אויף װעלכער ס׳האָבן זיך צונױפגעלייגט דאָס חדר, דער מאמעס מעשה־ביכלעך און פאָלקסלידער, דעם טאַטנס פרום־יידישער שטייגער און די קאָלעקטיװע אַטמאָספער פונעם שטעטלדיקן יידישן ישוב. ס׳איז אין זײַנע לידער נאָך ניט געװען די ר ײַ פ ע יידישע קולטור־פּערזענלעכקייט, װאָס האָט זיך גענומען ערשט פאָרמירן, װען דאָס דערװאָרבענע גײַסטיקע פאַר־מעגן איז פאַרפיקסירט געװאָרן אין דער שאַצקאמער פונעם דורותדיקן אויטענטישן „מיר״ און „איך״. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז זײַנע לידער זענען געבליבן הינטערשטעליק אונטער זייער באַשעפער און גיבן ניט דאָס ריכטיקע בילד פון דער אין טויזנטערליי פאַרבן פון געדאנק און עמאָציע שימערירנדער גראָ־פּערישער פּערזענלעכקייט.

דער יידישער ישוב אין אַלטרומעניע האָט, אַליין אַ גײַסטיק־פאַרמלאָזער, ניט געשטיצט דעם איינזאַמען טרובאַדור זײַנעם מיט פאָרם־טראַדיציע, װעלכע אַנדערע יידישע קיבוצים האָבן שוין פאַרמאָגט. ער, גראָפּער איז דאָ דער ערשטער, װאָס האָט דאָס

יידישע וואָרט ליטעראַריש געצוימט. פונדאַנען נעמט זיך אויך, וואָס גראָפער בעל־פה, דער באַפרייטער פון כלי־שאַבלאָנען ווירקט פיל טיפער און פאַרביקער, ווייל דער גוטער עכטער גייסטיקער ווייַן זיינער האָט רוים צו שוימען און צו באַווייַזן זיינע הונדער־טער חדושים פון חריפות און בקיאות.

גראָפער, וועמעס לידער ס׳זענען שוין פון לאנג אין אָרי־גינאַל און אין איבערזעצונג אַ רשות הרבים פון דער רומעניש־יידישער יוגנט, האָט איצט די לידער זיינע ממש אויפגעזאַמלט פון פרעמדע מיילער. גראָפער אַליין איז הייַנט צו טאָג אַן אָר־גאַנישער באַשטאַנדטייל אין דער גייסטיקער פאָרמאַציע פון אַ דור יונגע יידישע מענטשן אין אלטרומעניע. ער איז דער סימבאָל פון זייער קולטור־אויפשטייַג און דער אָנזאָג פונעם יידיש־רענעסאַנס אין אלטרומעניע.

אַוודאי האָט שוין הייַנט רומעניע אינאיינעם און אַ דאנק בעסאַראַביע און בוקאָווינע אַ היבש ליטעראַריש פאַרמעגן און פרעטענציעס אויף גלייכבאַרעכטיקונג אין דער יידישער קולטור־וועלט. אוודאי האָט אלטרומעניע שוין אַרויסגעגעבן די וווּנדער־באַרע באַלאַדעסקע דערשייַנונג: **איציק מאַנגער**, וועמעס שאפונג ס׳האָט שוין א פיל אינטימערן באַריר מיטן ספעציפישן רומענישן נראה און אינו נראה. אָבער אָן גראָפערן וואָלט קיין מאַנגער ניט מעגלעך געווען. גראָפער איז דער ערשטער געלונגענער פרווו פון אויפהענגען אַן אייגן פידאַלע אויף די יידיש־רומענישע טרויער־ווערבעס.

ער איז אלס יידיש־שעפער — דער באַגינען; אַלס יידישער אינטעליגענט — דער זעניט; אַלס גייסטיקע פערזענלעכקייט — דער גאנצער טאָג פונעם אַלטרומענישן יידישן קבוץ.

יעקב שטערנבערג: „שטאָט אין פּראָפיל“

I.

„לאַנדשאַפט־כראָניק“

לאַנדשאַפט־כראָניק: דער פּאָעטישער חשבון, וועלכן דער דיכטער לייגט פאָר זײַן שטעטל. ער שליסט ניט אָפּ מיט א זיסלעך־ראָמאַנטישן עודף. ער פאַרענדיקט זיך ניט מיט אַ דעפיציט פון ביטערניש. (זינט משה לייב האָט זיך פאַרגינען צו האָבן א זיידן א רשע, וואַקסט די ביטערניש ביי אונדזערע פּאָעטן ווי אויף־הייוון). ס׳פעלט אויך די נגזל־פּאַטעטישקייט, מיט וועלכער אַ צאַרט דיכטעריש האַרץ ראטעוועט אַרויס פון דער, מיט אייגענע סאַטירע־פערזן אָנגעצינדענער, שרפה זײַן טאטן דעם האָרעפּאַשניק און זײַן מאמען די צדקת.

וואָס פעלט ווײַטער? ס׳פעלט, גאָט זיי דאנק, דאָס גאנצע שטעטל און פאַראַן זענען נאָר: ווי זי ע, אַסקעטיזם, טרויער־קאָשמאַר און טעאַטראַליק. מיט איינעם וואָרט, עס זענען שוין אין די לידער פון צוריק מיט צוואַנציק יאָר דאָ אלע שאפונגס־עלעמענטן, וועלכע מיר טרעפן אין די שפּעטערע ציקלען, ווי „שטאָט אין פּראָפיל“, „מיט מיר און מיט אנדערע“ און „קאָליברי“.

וואָס צייכנט זיך שוין נאָך בולט אָן אין דער „לאַנדשאַפט־כראָניק“? ס׳שאַריעט א דיכטער, וואָס געבוירן אין אַ קליינעם באַסאַראַבער שטעטל מיט א לאנגן יחוס־בריוו פון יידישע זיידעס

און עלטערזיידעס, האָט פונדעסטוועגן זיין געמיט ניט קיין שום באַציונג צו קאָנקרעטער יידן־געשטאַלטונג. אפילו די אייגענע זיידעס זענען ניט קיין קאָנקרעטע פאַרשוינען נאָר באַלאַדעסקע „אָנגעפּעלצטע שאָטנס אויפן שניי" און פונעם „פּעטער הערשל" איז אין דער דיכטערישער זעאונג פאַרבליבן בלויז א קאָשמאַרישער דעטאַל:

„בלויז פּאַנטאָפל גייען שפּאַצירן אויפן שעס". (זייט 30)

אודאי איז אין דער „לאַנדשאַפט־כראָניק" נאָך ניט פאַראַן די רעזשיסערישע דינאַמיק, וואָס מאַכט פון יעדן ליד אין די שפּעטערע ציקלען אַן אומהיימליכן ספּעקטאַקל פון גראָטעסקע סי־טואַציעס, טראַגישער סימבאָליק און קאָשמאַרישן ריטם. אין „לאַנדשאַפט־כראָניק" שפּילט נאָך ניט דער ווילד־משונה'דיקער זשאַז־אָרקעסטער פון „חצות" און פון דער שטאָטישער פּיס־וואַק־כאַנאַליע. דאָ ווערט דער גיי־ריטם דערוויילע נאָך באַגלייט פון דער מיסטיש־רויקער שעס־מוזיק:

„אויף די אָקסן רייט לבנה
און די אָקסן שפּאַנען הייליק". (ז. 17)

הערצקע דער באַלאַיעכעס* — דער זיידע, דער ישוב'ניק און משה מייערבערס — דער טאַטע, דער אָקסן־סוחר, האָבן ניט פאַראַרבט צו דער יידישער דיכטונג זייער קאָנקרעטע וועלטבאַנעמונג. די כיאוריקע ברכות פון „שלא עשני עבד" און „שלא עשני גוי" האָבן אין געמיט פונעם דיכטער־יינגלינג קיין שאָטנס ניט געוואָרפן; דאָ האָט געבליט א אוראַלטע, פון ישוב'ניקעס און אָקסן־סוחרים פאַרגעסענע ירושה — די יידישע נבואה. די נביאישע אַסאָציאַציע האָט אין דעם יונגן פּאָעטישן טעמפּעראַמענט געצונדן אַ אַבסטראַקטערע קאַטעגאָריזירונג פון מענטשן:

„און ניטאָ איצט נישט קיין יידן, נישט קיין גויים —
געצנדינער בלויז פאַראַנען...." (ז. 29)

אמת, א ווייניקער קאָנקרעטע, אָבער אויפן פּאָן פון אַזאַ

* פון אַ ליד, וואָס איז נישט אַריין אין „שטאָט אין פּראָפיל".

קאָסמישער דעקאָראַציע ווי „פעלדער הינטן, פאָרנט, וועלדער בײַ דער נאָז", בײַם שפּיל פון אַזעלכע ליכטעפעקטן, ווי

„די שײַן פון טאָג,
וואָס הייבט ערשט אָן צו קלערן,
ציטערט, מינעט זיך מיט אונדז אינאײנעם
מיט דעם מאָרגנשטערן (ז׳ 28).

אין די דאָזיקע מענטשן־אײַנטיילונג א פיל ווירקלעכערע, ווײַל צום אור־סימבאָל פון גאָט־ און מענטש־באַהעפטונג א פיל נענטערע.

אין שײַן פון פלאַטערנדיקע נבואה־שטראַלן, וואָס האָבן געפאנגען גענומען דאָס אַסקעטישע, פון גופישקייט אָפּגעווענדטע געמיט, לעשן זיך אויך אויס די „צוויי מאָגערע פויערישע פערד־לעך" אויפן שליאַך; זיי זענען

„צום כאַאָס אַ־דאָ אײַנגעשפּאַנטע —
זענען — אַ זעאונג פון דאַנטע..." (ז׳ 21)

די דאַנטעשע זעאונג איז טעאַטראַליש פאַרברייטערט געוואָרן, ווען דער גורל האָט דעם שעס־פּרוש פאַרבעטן צו דער גענעראַל־פּראָבע פונעם שטאָטישן זנות־ און פּײַן־ספּעקטאַקל, און אים, נאָך צו חצות א וואַכן, געגיבן די מעגלעכקייט צו רעזשיסירן די ערשטע לויהשע אומקום־מאַסקאַראַדע מיט בלוט און פלייש־פיגוראַנטן.

II.

חזון יעקב׳ שטערנבערג

אויף די וויזיע־פעלדער האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט דאָס נביאישע וואָרט. פאַרזייט האָט עס די געשיכטלעכע דערמאנונג:

„איך שטאַם פון אַ פאָלק, וואָס שטייט אויף בײַנאַכט
און זעצט זיך אויף דר׳ערד, פאַר דער נאַכט ווײנט און קלאָגט. (ז׳ 37

אַלזאָ נישט פון דרויסן אָנגעווייטער סאָציאַלער מאָטיוו, נאָר נאַ־ציאָנאַלער אַטאַוויזם, וואָס זײַן טײַטש איז: פאַרבײַנונג פון

עולם־הזה׳דיקייט. די יידישע נבואה קער זיך זעליש נענטער אָן מיט דער תורה פונעם נאַזאַרענער, איידער מיט דעם אין יאָר־הונדערטער אויסגעקאָוועטן אביי ורבא׳שן לעבנס־אָפּאָרטוניזם. עס האָט דערפאַר דעם פאַסטעך פון תקוע׳ס באסאראבער שויסקינד, — נאָך אויף די שניי־באדעקטע פעלדער פון דער „לאַנדשאַפטס־כראָניק״, — בענקשאפט געטרונקען ניט ביַי דער ווײַטקייט פונעם סטעפּ, נאָר ביַי דער טיפקייט פונעם נוצריס אויגן: „אויגן, ווי די נאַכט״.

דער סאָציאַלער אַקצענט, וואָס טאנצט ווי אַ העלער פײַער־פלאם אויף דעם נאַכטיש־טונקעלן סדום־פילם אין „חצות״ איז דערפאַר ניט קיין אָפּשיין פון דער פאַקטן־דיאַלעקטיק אין דער זינדיקער שטאָט, נײַערט

„דאָס אלטע וואָרט צוויטעט — בלאָ פייער אַ פונק.
אַ שמעטערלינג — שוועבט עס אַרום דאָ פון טישל צו טיש״. (ז. 37)

ס׳איז די אַלטע נבואה־רעמיניסצענץ מיט וועלכער שטערנבערג איז פּאָעטיש געבוירן געוואָרן. דער מלאך פון דורות־לאנגן מקח וממכר האָט פאַרגעסן פון אים אָפּצושנאָלן די דאָזיקע דערמאנונג. אין די שאָטנווינקלען פון דער סדומישער שפּיל־עסטראַדע זיצן די אָלימפּיער פון זעאונג אויף דער וואָר און פון עטיש־הייסן וואָרט, די אלטע מײַסטערס: ישעיה דער זון פון אמוץ, הושע דער זון פון בארי, דער וויזיאָנער יחזקאל און דער פּאַסטעך פון תקוע. פאַר זיי פּראָדוצירט זיך דאָס יעקב דער זון פון משה מייערבערס מיט זיין ערשטער וויזיע און פּרוווט דעם שליידער פון זיין וואָרט, שווער ווי בליי. דער קינסטלער האָט זיין לײַדנשאַפטס־לאַווע צעגאָסן ברייט און געלאָזט לויפן איבער איר מיט טריט באָרוועסע, פאַרגוילעמטע, סאָמנאַבולישע, מיט שריט פון שרעק און סטאַ־טעטשנעם שגעון שאָטנס־סילועטן:

„די פּרות הבשן וואָס שורשן מיט טויזנטער קליידער פון זייד.
— — — — —
געפּודערטע באָקן — טויט שכור, טויט מיד
— — — — —

ייִנגפרויען אין העמדער, טייל שלאָפן נאָך זיס

— — — — —

פרויען־שוועסטער, די וואָגלענדע מאַמעס אַליין

— — — — —

און אַנדערע געשטאַלטן — עס נעמט ניט קיין עק.

און די אַנדערע געשטאַלטן? — אַלץ נאָר פרויען, נאָר פרויען, ווייל זייער תאווה און זייער פּײַן סימבאָליזירן די בראשית־דיקע קללה פונעם געשלעכטער־גיהינום, זי, די פרוי פאַרקערפּערט די נביאישע אַלעגאָריע פון „לא רחמה״, וועלכע דער דיכטער־רעזשיסער אינסצענירט צווישן די באַקכישע ווענט פון שטאָטישער זינד.

און אפילו שפּעטער אין „קאָליברי״ ווען דער דיכטער האָט זיך שוין געהאַט באַגעגנט מיט דער פרוי ניט נאָר אונטערן אַספּעקט פון נביאישע רעמינעסצענצן און אַסקעטיש פאַנאַטיזירטן טעמפּעראַמענט, נאָר אויך ביים שײַן פון עראָטישער פרייד — אויך דעמלט

קומען פרויען, נאָר פרויען
„אין די מאות
פון קאַפּעהויז
אין די טויזנטער —
פון קלויסטער״. (ז. 187)

פאַרמויערן פיקאָלאָס נאַקעטן ייִנגל־גוף אינמיטן מאַרק און פאַרגיין זיך פאַר זײַן דענקמאָל אין אַ ווילדן תאווה־רוף.

און ווען שטערנבערג שטעלט זיך אין „שטאָט אין פּראָפיל״ אַוועק אויף אַלע אירע ראָגן כדי איר מיט זײַן שטים ווי אַ ווינט נאָכצופײַפן זײַן שטראָף־וואָרט, פאַרמעסט ער זיך קעגן די מאַנצבילן, לאָזט אָבער אויס זײַן האַרץ צו „זייערע ליאַלקעס־ווײַבער״.

אָדער ווען ער גייט צו זיך אַהיים מיט שטאָטס טונקעלע הינטערגאַסן און די פינצטערניש וועקט אין זײַן געמיט האַלוצי־

באַציִעס, וואָס דער אָרגאַנישער רעזשיִסער פורעמט זיי צו מיזאַנ־סצענעס — ווי אַזוי זעט אויס דער ספּעקטאַקל? ווער זענען די פיגוראַנטן?

„אָט זיי שלעפּן זייער געפאַנגענעם... טויטע זונות זענען דאָס".

זיי בייגן זיך איבער אַ יינגלינג און

„זיין גוף פאַנאַנדערוויקלען, ווי להבדיל אין דער שול אַ תורה".

דאָס ביז אַהער ציטירטע זאָל באַקרעפטיקן מיין טעזיס, אַז ניט דער קלאָרער טאָג פון געשעענישן האָט אָנגעוויזן אויפן דיכטער פון „שטאָט אין פראָפיל" עפּעס אַ סטרינדבערגישע אידייען־פּאַ־טאָלאָגיע, נאָר ווייט־נאַכטישע טעמפּעראַמענט־ירושה דעקט אָפּ אַלץ טיפערע און טיפערע וויזיע־שיכטן און גרימירט די פאַקטן און זייערע שאָטנס צום ס'מבאָלישן זעאונג־ספּעקטאַקל.

אין דעם ווילדן אומקום־באַלעט פון דער שטאָט אויסגעפירט פון גיישעס, זונות, פריצה'ס און פון וועג אַראָפּגעפירטע שוועס־טערס, כלה'ס, פרויען, טעכטער, איז דער געשלעכטלעכער צד שכנגד: דער מאַן — ניט מער ווי עפּעס אַ בלינדער אינסטינקטן־קוויל, וואָס איז פאַרשאָלטן געוואָרן צו

„זוכן ביים ליכט פון דער שריפה
דעם שאָטן פון ווייב און איר קלייד..." (ז. 44)

אויף אַ מאָמענט קען זיך אויסדאַכטן, אַז אין דעם דיכטער פון „שטאָט אין פראָפיל" האָט זיך אויסגעלאָשן די נביאישע דער־מאָנונג, און אַז אין זיין רעזשי־בוך האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט מיטלאַלטערלעך־מאָנאַכישע סימבאָליק, וואָס לייזט אויף דעם זינד־ספּעקטאַקל אין אַ טונקעלער מיסטעריע פון פאַרשאָלטענע בלינדע בעטלערס אנשטאט אין א העלן פינאַל פון עטישער רעאַבילי־טירונג. דיזעלבע סכנה האָט געלויערט אויך אויף פרץ'ן אין „ביי נאַכט אויפן אלטן מאַרק". פרץ איז זי ביי̆געקומען מיט די שטויס־הערנער פון היינישער איראָניע און מיט דער אויטאָ־סאַטירע פון זיינע רעוואָלטירטע מתים־העלדן. שטערנבערגן האָט פונעם פּלאָנטער אַרויסגעריסן דאָס, וואָס

„ס'איז געשען א קלייניקייט: א גאסנקינד איז אומגעפאלן
און פארשטעלט די שוועל פון עלעגאנטן רעסטאראן"· (ז' 71)

צוליב דער דאזיקער „קלייניקייט" האט דער דיכטער געקענט אריסרייסן ביי דער שטאט כאטש איין תשובה־מאמענט· אונטער די „גאלדענע טראפנס טרייסט" פון דער נביאישער „ילדי־זנונים" ־ וויזיע בליט ענדלעך אויך אין שטאט א בלום פון רחמים:

ס'טאר ניט זיין איין מענטש, וואס הונגערט!" (ז' 72)

דער דאזיקער פערז הערט זיך ווי דער פאטעטישער קלינג פון צדקה־פושקע ביי א יידישער לויה· ערב טויט קען דער בלע־כענער פושקע־ריטם נאך זיין ווארענונג און טרייסט; אין דער טרויער־געדיכטעניש פון לויה איז ער ניט עפעס אנדערש ווי גראטעסקער געלעכטער — א בלוטיקע דערנער־קרוין אויפן צער־געזאלבטן קאפ פון אפגאנג·

פילט טאקע דער דיכטער, אז דער פאטאס פון ווארט גרייכט ניט מער אין אנגעזיכט פון דעם אומפארמיידלעך געווארענעם אונטערגאנג, אז דער ביאליקשער „נעם א טאפ און טו א ווארף און זאג: אזוי וועט איר צעבראכן ווערן" הייסט ניט דערגאנגען צו הייליקן דאס ווארט מיטן קרבן פון אייגענעם לייב, הייסט פארגעסן אן דער בלוט־שני־בשנישאפט מיטן נביא פון נצרת· דער נביאישער אינסטינקט אין שטערנבערגן, דער דאזיקער אינ־סטינקט, וואס איז אידענטיש מיט פחד פאר האלבקייט, מיט גארונג נאך אבסאלוטן, ער באפעלט אים צו כון דעם לעצטן שריט:

„הייליק וועל איך מיך אויסשטרעקן
אין מיין גאנצער לענג
אויף דעם הויכן שטיינער־בעט
פון אונט־גאס — פה נטמן א יידישער פאעט! (זייט 61)

די „נאכט־בולווארן־קינדער", דעם דיכטערס „קליינע טייערע ברי־דערלעך" וועלן דערנאך אפאסטאליש טון פארקינדן, אז דער

נביא האָט זײַן אומקום־וואָרט מיט אײגענעם בלוט געהײליקט:

„קײנמאָל נאָך ביז אונדזערע צײַטן
האָט דער דיכטער ניט זײַן לײַב, װי האַרפֿן
אױפֿגעהאַנגען, ניט געװאָרפֿן
אין די גאַסן פֿאַר די הוליענדיקע מאַסן.” (ז. 63)

עס איז פֿאַרפֿאַלן געװאָרן אין װיסטן תהום — סדום! עס האָט זיך אױסגעלאָשן די נביאישע זעאונג. דאָס ליד פֿון האַכן, האָט זיך פֿאַרענדיקט, װי אין דער קריסטלעכער לעגענדע פֿון דער־לײזונג, ניט מיט „תשובה טוט מען”, נאָר מיט דער קרײַציקונג פֿונעם נביא.

III.

דער חלום פֿון לויה

שטאָט איז ניט נאָר מאָראַלישער חורבן, נאָר אױך צעבראָ־כענער, טרײסטלאָזער פּײזאַזש. װען זינד שרײַט פֿון דער ערד, קען דער הימל ניט בלײַבן קלאָר און גאַנץ.

„ס׳מישט זיך אױס דער הימל מיט דער ערד און װערן
פֿײער אָדער װאַסער — װײס און טרײסטלאָז אָן אַנ׳ענד (ז. 117)

נעמט זיך די טרײסטלאָזיקײט פֿון דער נאַטור באמת נאָר פֿון כללישער זינד? אפֿשר גאָר האָט דער „קראַנקער שטאָלצער אָװנט־דיכטער” װאָס ראַנגלט זיך קאָשמאַריש מיט

„אַלע מײַנע ליבעס, תאוות זשומען
טוליען זיך צום ראָק אין לײדנשאַפֿט אָן שיר” (ז. 118)

אַרײַנגעפּאַרבט אין פּײזאַזש אַרײַן זײַנע אײגענע זעלבסטמאָרד־שטי־מונגען און אַרײַנגעהױכט אין דער לבנה זײַן צער פֿון זעלבסט־פּײַניקונג?

„די לבנה האָט זיך אױפֿגעהאַנגען
אין דער טיר פֿון מײַן צימער. (ז. 124)

די געװיסנס־האַלוצינאַציעס פֿונעם דיכטער האָבן אױפֿגעהאַנגען די לבנה, פֿאַרװאַנדלט די שטערן אין

„נאָר מייזלעך... יאָ מייזלעך־בהלה.
זיי עסן דעם הימל, ווי חלב
און לעקן די וואָנצעלעך שמאָלץ. (ז. 137)

אַנ׳אַנטרונענער פונעם כּלליש ן ס ד ו ם איז דער נביא אַרײַנגע־פאַלן אין יחידישן ע מ ו ר ה. און מיט דערזועלבער לײַדנשאַפט פון שטראָף, מיט וועלכער זיין וויזיע האָט געהויזט אין די גאַסן פון שטאָטישער זינד, מיט דעמזועלבן פאַנאַטיזם צעוויקלט זיך זיין זעאונג אין ליקל פון אייגענעם צער.

קען דען דער יחיד, קען דען דער נביא אַליין בלײַבן כּשר, ווען דער כּלל איז טרייף? מוז ער, דער דיכטער ניט איבערקוקן זיינע אייגענע ציצית, ניט נישטערן נאָך אייגענע חטאים? מעג ער זיך לאָזן אָפּנאַרן דערפון, וואָס זיין גוף, זיין געמיט איז אויסערלעך שיין און ציכטיק ווי דעם קצב׳ס קלייט בײַ נאַכט?

„שיין און ריין. קיין סימן ניט פון קצב. ניט פון קוגים־פאָלק
ניט קיין מעסערס, ניט קיין העק. סאַדיסטיש אויפגערוימט
און אויף דער טיר אַ שלאָס — דעם וועג אַרויס פאַרצוימט." (ז. 238)

דורך דער צבֿועישער ציכטיקייט פון דעם קצב׳ס קלייט־טיר אַדורך

„...באַליידיקט בלוט און פלייש פון העק און מעסער טרוימט (דאָרט).

דער טרוים פון העק און מעסערס האָט דעם דיכטערס וועזן געשפאלטן

„אין צווייען,
אין דרייען,
אין פירן" (ז. 127).

איצט וועט שוין לײַכטער זיין אַרויסצוגעפונען די אייגענע זינד־ברעקלעך. און זענען זיי ניט פאַראַן, וועט שוין די אייגענע זעלבסט־פּײַניקונגס־האַלוצינאַציע —

„מיין געוויסן שטייט אין מיטן שטוב — אַ צלם" (ז. 139)

אונטערוואַרפן דאָס שטיקל חמץ. אין גע׳עג נאָך אייגענע זינד, וועט דער דיכטער אַרײַנטרוימען אין זיך אַ בלוט־פאַרברעכן:

„געבן מיר מיין ברודערס ארון,
וואָס איך פיר באַהאַלטן אים אין זאַמד,
ווי משה דעם עגיפּטער...
און וואָס שרעקלעכער: איך שווייג פאַרתּמ׳ט
און בעט ביי אים אפילו ניט מחילה. (ז. 128)

אָט אַ חטא פאַר וועלכן ס׳קומט על פּי מענטשלעכן און געטלעכן דין אַ שטראָף אַ האַרבער — דער שטראָף פון טויט, דער שטראָף וואָס וועט זיין דער שטיין פון גערעכטיקייט איבער די תהומות פון כללישן סדום און יחידישן עמורה.

דער טרוים פון ברודער־מאָרד מוז האָבן דעם מוט צום חלום פון זעלבסטמאָרד:

„באָר געמיינע שאַנעווען זיך, קאַרגן.
די וואָס זינגען אַלאַ שעלי,
מוזן קענען זיך דערהאַרגען. (ז. 126).

און די וואָס זינגען אַלאַ שעלי פאַרשטעלן באַגליין מיט בייראָנס יונג־אומגעקומענעם פריינט די קאָנקרעטע וועלט מיט דעם קאָש־מאַר פון זייך געדיכטס.

„אין אים דערטרענקען ווערן וועט די זון,
ווען זי וועט פּרווון שיינען...“ (דאָרט)

די מאַיווּע שעלישע טרויער־ראָמאַנטיק בלאָזט אַריין אין דער נאַטוראַ דעמאָנישן רוח־חיים, דורך וועלכן דער פּייזאַזש ווערט אַריינגעטריבן אין קאַראַהאָד פונעם דיכטערס טראַגיש־טיפער געשאַקלעכקייט. שטערנבערגס צער־ליריק וויקלט אָן אויפן פּייזאַזש גראָטעסקע סצענעס פון געוויסנס־פיין, פון וועלכע ער דיכטער־רעזשיסער קען זיך דערנאָך אַליין ניט אויס־פּלאָנטען די געוויסנס־פיין־סצענעס פון דער נאַטור פאַרשטעלן דעם ווי צו זיך אַליין און צו זיינע מענטשן־אילוזיעס, וואָס צו זיי, נאָרבו זיי איז געווענדט זיין שטראָף־וואָרט:

„ווי אַזוינשע וועל איך צו קבורה ברענגען
דעם מת מיינעם,
אויב ער וועט תמיד אַזוי הענגען
אין דער טיר פון מיין צימער,

און פאַרכלינען מיט זיין שימער
אויך דאָס מאָרגנליכט ז״ (דאָרס)

דער פרווו צו דינאַמיזירן דעם פייזאַזש מיט דעם אייגענעם טרויער־אויפברויז איז ניט געלונגען, ווײַל די לבנה, די מיליאָנען־יעריקע קאָמעדיאַנטקע, האָט דאָס מאָל איר ראָל ניט פֿאַרשטאַנען. זי איז געבליבן הענגען אין דער טיר אַ טויטע און אָנשטאָט צו ל ו י כ ט ן מיט סימבאָליק האָט זי די סימבאָליק, פ אַ ו ש ט ע ל ט.

די רעזשי ווענדט זיך צוריק צו מענטשן, צו מענטשן־שאָטנס. זיי בלײַבן דער קוואַל פון זיין מרה־שחורה און פײַן. מיט זיי פירט ער דורך דעם ספּעקטאַקל פון מידקייט און פּעסימיזם (איז מידקייט, פּעסימיזם און טרויער אינאיינעם ניט גענוס, פריידיקער גענוס?).

איין לויה נאָך דער אנדערער. אלע אומגעקומענע פון דער גאָרער געשיכטע פון אומקום:

„אלע אומגעקומענע מצרים,
באַבילאָנער, גריכן, רוימער
איין לויה נאָך דער צווייטער, (122)

פירן אַרויס פון דער צײַטס הינטערשטאלן דעם טרויער און פירן אים צו צום דיכטערס געמיט. און ניט נאָר די אומגעקומענע, די קרבנות פון נבואה זענען געקומען אָפּצאָלן דינם פעט פאַר זײַן תוכחה־וואָרט, נײַערט אויך די אייגענע, די נאָענטסטע בלוט־קרובים:

„פריינט און ווייב און שוועסטער
מיינע ברידער —
טרעטן איבער מיר און מיך באַשפייען.״ (דאָרט)

אַזוי ווײַט איז שטערנבערג א לײַבליכער קרוב מיט דער דקאַדענטן־פלעיאַדע פונעם fin de siecle, וואָס האָט דעם טרויער פֿאַרוואַנדלט אין א יחידיש־גײַסטיקער פרייד, אין אַ אינטעליגענטי׳ לאקעט־קאלע פאַרן אייגענעם היפער־ראַפינירטן געמיט.

באַגלײַך מיט זײַנע ברידער־דעקאַדענטן ג ע נ י ס ט ש ט ע ר נ ־ בערג די שענדונג מצד די היסטאָרישע אומקום־חילות:

„שטראַלנדיק,
האָב געענפערט איך צוריק:
— שענד!

דאָס ראַפינירטע דיכטערישע געמיט וואָלט אויך איצט געקענט האָבן זײַן אייגענע דעקאַדענטישע הנאה פון דעם באַגעגעניש מיט דער פרוי, וועלכע האָט שוין אויפגעהערט צו זײַן דער סימבאָל פון גרויזאַם־שטאַפּלעכער קללה און איז אין די מרה־שחורה נעצן פון מאָדערניסטישער פּאָעזיע געוואָרן זײַן

„סאַמעט־קועלע מיט ווילדע הערנער — (ז׳ 132)

וואָס איר

„טיף־בענקענדיקע אַקראָבאַטיק
שמעקט מיט אָוונט־פעלדער, מיט קרײַטער
און מיט מיאַטעק,
אַז עס קומט אַזש אָן צו וויינען
מיר דעם חכם עתיק..., (ז׳ 133)

(ס׳קומט אָן ניט צו שעלטן, ניט נביאיש צו צאָרנען, נאָר דעקאַדענטיש צו וויינען...) אָבער די בלוט־ און גײַסט־ירושה פונעם דיכטער, די פּראָפעטישע אַסאָציאַציע זײַנע, וואָס זעט אין דער פרוי, אפילו אין רויש פון די צאַרטסטע סאַמעט־געפילן צו איר, אַ קועלע (דער דעמינוטיוו פון פרות הבשן!) דערלאָזט ניט, אַז ער זאָל טראָגן די פרוי אויף די אָרעמס, ווערן איר „קאָרעאָגראַפיע־קוואָטער״.

וואָרום, קען ער זיך גלײַכן מיט זײַן ריוואַל, דעם „דײַטשעלע, דעם הויכן״, וואָס

„מענדאַלע מוכר ספרים —
ניט קיין זיידע אים און ניט קיין פּאָטער...״? (דאָרט)

אין צײַכן פונעם שטרענגן זיידן, דעם בעל־מוסר, דערוועקט זיך אינעם דיכטער דער אַטאַוויזם פון אסקעזע: ער דערטאַפּט זיך אַליין אין פלאַגראַנטי ביי דער זינד פון עולם־הזה און דער שטראָף איז ניט ווייניקער האַרב ווי יענער אין „חצות״: טויט:

„בלוט אויף מײַנע אײביק יונגע ליפּן. רויט
זיך פאַנאַנדערבליט אויף זיי די בלום פון טויט״. (דאָרט)

טויט איז דער עטיקעטן־לאָזער אורטייל, דאָס בלויזע וואָרט. צום סימבאָל פון אָפּגאַנג וואַקסט זיך ערשט פאַנאַנדער די פײַערלעכע עקזעקוציע : די לויה.

„און די קעלנערס פּאַרטיק אָנגעטון אין טרויער שוואַרצן
נעמען מיך אויף זייערע הענט — גאַנץ נאָנט צום האַרצן.
דרייען זיך מיט מיין לויה, טראָגן מיך אַריין — אַרויס
און די לעצטע נאָכן ארון — פון בופעט די מויז... (ז. 134)

די פילם־געשווינדע פאַרוואַנדלונג פון די קעלנערס — די פרייַלעכקייטס־משרתים — אין קברנים, און די גראָטעסק־טראַגישע שריפה פונעם אָרקעסטער :

„עמיץ כאַפּט ביים עק די גרויסע מויז,
גיסט זי אָפּ מיט גאַז און וואַרפט זי אין אָרקעסטער... (דאָרט)

אָט די גאַנצע פאַנטאַסטיק פון שטערנבערג דעם רעזשיסער, שאַפט ערשט די פאַסיקע דעקאָראַציע אויף צו טראָגן צו קבורה דעם חלום פון דעקאַדענטישקייט וועלכן עס האָט, אין אַ מאָמענט פון זעליש אומבאַוואַכטער געניוס־גיריקייט, געחלומט אַ נביאישער טעמפּעראַמענט.

IV.

קאַמף גלײַך אויף גלײַך

מיטן שם המפורש פון גלויבן וואָלט דער דיכטער געקענט וואַגן דעם פלי ביז אין די בלאָע ספערן פון האָפנונג ; אויף די שוואַרצע פליגל פון פאַרצווייפלונג האָט ער זיך נאָר אויפגעהויבן ביז צו זײַן וויטרינע־שויב פון חוזק און איראָניע. דאָ אין דער מסיבה פון עכטע מאַניקענען, פאַרקנסט

„מיט אַ שטומער בתולה זייערער —
אָט דעם בלאָנדן טרויער־באָק
אין חופּה־קלייד פון טרערן נאַסן (ז׳ 166)

קען ער זיך גלײַך אויף גלײַך שפּילן און ראַנגלען מיט דער פאַלשקייט פון מענטשלעכן געדאַנק, מיט דער צבועות פון מענטש־לעכער מאָראַל און מיט דער מאַנעקענישקייט פון מענטשנס געפילן. ניט אַרום דעם פּאַטעטישן וואָרט פון נביא זאָל זיך זאמלען דאָס שטאָט־געזינדל, נאָר אַרום דער בינע־אילוזיע פונעם קאָמעדיאַנט־מיט צירקוס־גלאַנץ וועט ער אַרײַנאַרן זייער תמעוואַטע שפּיל־פאַרגלייבטקייט; מיט ליגנערישן וואָרט אָפּנאַרן זייער געדאַנק־פאַלשקייט. און „finita la comedia“ וועלן זיי בלייבן שטיין אַנטוישטע; וועלן זיך דערזען נאַקעטע.

זאָל אויפגיין דער פירהאַנג! יעדע סצענע אַן אַנדערע טעמע. חוזק־שפּיל באַגין!

יעמוד: ווײַבערישע צניעות. גיטל מיטן אָפּיצערסקע היטל ציט אויס דעם ליגן פון איר צניעות העט, העט ביז צום תהום פון אמת.

„זאָל איך שטאַרבן, צי איך הייב אָן צו דערקענען גאָר אַנ׳ אָפיציר!“ (ז׳ 176)

און זי האָט באַצאָלט מיט העכסטן אמת: לעבן—פאַרן ליגן פון איר צניעות.

די צווייטע טעמע: דער קאָמעדיאַנט אין וויטרינע שפּילט יעזוס דעם דערלייזער. די זונות — אַ געזעמל פון מאַריא מאַג־דאַלענעס:

„... יעדע
האָט געהאַט אַ בענטשערל, אַ סידור
און געשאָקלט זיך, געדאַוונט
מידער, מידער, מידער... (ז׳ 181)

איין פּאָליציסט ווערט, אַ צעשלאָגענער פון די זונות, פאַר־האַנדלט אין אַ באַרג־פּרעדיקער:

„פון מויל אים גייען רייד בלויז גוטע, צאַרטע —
סאַמע אויסדערוויילטע פונעם אַלטן און פון נייעם טעסטאַמענט. (דאָרט)

און ניט נאָר דער פּאָליציסט... אַ רעגימענט סאָלדאַטן גלויבט, אַז כריסטאָס איז לעבעדיק געוואָרן און... שיסט אויס ביז איינער אַלע זונות, באַפרייַט דעם נביא.

דער סוף? אַלע זעלנער און דער גואל אַליין... ווענעריש־קראַנק.

„פאַר שרעק די זעלנער איינגעהילט אין שוואַרצע פּענער
זיך:
פּסול משיח!... (דאָרס)

איז די אַנטוישונג אין משיחן אַ פולע, אַ גאַנצע? יאָ, פאַר די, וואָס אויך משיח איז בייַ זיי ניט מער ווי אַ ליבנעריש אי־לוזיע־שפּילעכל, אַנ' אָן חיות אָנגעמאָלטער בענקשאַפטס־אָרנאַמענט צום אייגענעם לעבנס־גליווער; פאַר זיי איז די אנטוישונג בלי שום ספק אַ גאַנצע. בייַ דעם דאָזיקן אילוזיע־פאַרשמאַכטן געזינדל האָט דער דיכטער מיט דעם איבעראַשנדן פינאַל פון „ווענעריש־קראַנקן נביא" זייַן חוזק־ציל דערגרייכט. נישט אנטוישט זענען געבליבן די טויטע זונות, ווייַל די יעזוס־אילוזיע אין וויטרינע האָט אין זייערע פון נאַקעטן לעבנס־אמת און פון מיט פאַלשקייט אָנגעפּעלצטער געזעלשאַפטס־מאָראַל געטרעטענע נשמות, אָנגע־צונדן, אָדער גאָר דערוועקט די לייַדנשאַפטלעכע משיח־בענקשאַפט צו רייניקונג, צו דערלייזונג.

„קומט דער אָוונט — צייט פון מנחה־מעריב אויף מיין פענצטער־בינע,
ווען די לאָמפּן אונדזערע גרינען, רויטלען זיך אין בלויען,
ווערט אויף טראָטואַר אַ מנין גוף־ און פּנים־טויטע גאַסן־פרויען,
וואָס זיי מאַכן זיך פאַר מיר דעם צלם מיט דער טרויעריקסטער מינע:
— יעזוס אין וויטרינע! (דאָרס)

דער דיכטער האָט אַזוי אַרום אַריבערגעשפּרייַזט זייַן לכתחילה־דיקע חוזק־כוונה: די איינציקע צדיקים אין סדום, די טויטע זונות, וואָס זענען די גראָטעסקע טויט־לאַטע אויף דער „לעבעדיקער" שטאָט, האָבן באַלויכטן די חוזק־וויטרינע מיט די עכטע פייַערלעך פון זייער משיח־בענקשאַפט. זיי האָבן נאָך מער געטון ווי דאָס:

זיי האָבן מרמז געווען אין דיכטערס געמיט נאָך אויף אַנדערע לאַמעדוואָווניקעס, וואָס דער פּאָעט ווער זיי ארויסגעפונען אין ציקל „בוקארעשט", אויף אנדערע נסתרים,

„וואָס אין דער פינצטער, ווי דער מוילוואָרף זיך פאַרנעסטעט האָבן,
גראָבן,
גראָבן
ביז די שיינע איבערדעק, די שוואַקס־שאָלעכץ, דורכגעביסן —
ביז דאָס טייערע טישטעך פון דער שטאָט אָראָפּגעריסן. (ז. 309

וועגן אַרבעטער און אַרבעטסלאָזע ווער, ווי געזאָגט, דער דיכטער זיך פאַרטראַכטן ערשט שפּעטער, ווען ער ווער פּרוּוון מאַכן דעם סך־הכל פון זיין נביאישן שליחות און ביי זיך אַליין פרעגן:

„וועכטער, ווי האַלט עס מיט דער נאַכט?

ער וועט דעמלט „צווישן נאַכט און טאָג"*

„גיין ווייטער ביז מיט בינטל אונטער אָרעם שטיין בלייבן פאַר פאַבריק".

ביים טויער פון פאַבריק, ביים טויער פון אַרבעטס־קנעכטשאפט און גאולה־ליידנשאפט וועלן ערשט

„פלאַצן מיינע קייטן, וועט ווי רויך צעגיין מיין טרויער (דאָרט)

איצט שטייט דערווייל דער דיכטער אין סאמע מיט געראַנגל מיט דער שטאָט, איר זינד און איר פאַלשקייט. זיין כלי־זין — בינע־אילוזיע. זיין כונה איז: צו שאנד און צו שפּאָט מאַכן די משיח־בענקשאפט — דאָס חן־בלימל, וואָס פאַלשקייט האָט זיך פאַרשטעקט אין לאַץ.

זעלבסט־חוזק האָט געזאָלט זיין אַ מיטל צום צוועק און איז קעגן דיכטערס ווילן געוואָרן דער רעזולטאַט פונעם שפּיל. די טויטע זונות האָבן ערנסט גענומען דעם שפּיל פון חוזק און אי־ראָניע און מעג דער דיכטער פרוּוון פאַרווישן דעם טראַגישן מאָמענט מיט אַנ'אויף דער גיך אימפּראָוויזירטן „מיט יאַשטשער־

---

* זשורנאַל „שויבן" נומ. 2, בוקארעשט, אַפּריל 1936.

קעס־געלעכטער״־ספעקטאַקל, אין וועלכן ס׳באַטייליקן זיך אַזעלכע געניטע אַקטיאָרן ווי לבנה, גאַסן־לאָמפּן, גאַסן־שפּיגלען, אונטער־קולות, טורעם־זייגער, ציגײַנער, — ער וועט דאָס אָנגעצונדענע פײַער ניט מער קענען אָפּלעשן. די ליידנשאַפט פון גאולה־פאַרשמאַכטע פרויען (דוקא פרויען! די קללה טראָגט די ברכה אין זיך!) האָט דעם קאָמעדיאַנט פאַרן נביא געזאלבט.

„זונות: (קרויִנען אים פאַר זייער דיכטער)
זונות: (קושן אים ווידער)
אונדזער הייליק סידור! (ז. 195)

עפּעס אַ נישט־גוטע האַנט האָט זיך דאָ אַרײַנגעמישט און זיך דערלויבט מיטן דיכטער אומהיימלעכן שפּאַס. יאוש פויזעט ווי אַ שווערע כמאַרע איבערן געמיט. און ווו איז גאָט?

„...גאָט
זעט דעם כאַאָס, זעט: דער שטן שפּייט אים אין דער באָרד.
נאָר זיין שווערד צעבראָכן און ס׳איז שטויב זיין וואָרט...
וועט ער שטום אַזוי אויסזיצן ביז צו ענדע דעם ספּעקטאַקל
ביי דער שאַרלאַך־רויטער ווונד פון שטאָט — די איינציקע פאַקל,
וואָס דערלויבט אָנצינדן דער ניטגוטער...?
דיקע, נאַסע, יאוש־פולע פינצטער, ווי אַ נעגער־מוטער. (ז. 190)

ווער איז דער ניטגוטער? דער „על פי שכל״, ראַציאָ, וואָס ווייסט, אַז דער שפּיל מיט חוזק איז געפערלעך. ראַציאָ, וואָס
„מאַכט זיך, אַז פאַרשטייט ניט קיין איראָניעס״ (ז. 202)

און קען דערפאַר אויפן סאַמע העכסטן שפּיץ פון חוזק פאַטעטיש ברוסטעווען

„אַלסדינג איז מע דן!
אַלסדינג איז מע דן!
ס׳גייט ניט אָן ביי אונדז קיין שווינדל...״ (דאָרט)

די פּרעמיערע פון פאַלשן משיח־ספּעקטאַקל איז אויף די ברעטער פון שטאָטישער זינד־בינע דורכגעפאַלן. דער ניטגוטער האָט פאַר־פּלאָנטערט די רעפּליקעס און דערפירט די קאָמעדיע צו אַ טראַגי־

קאָמישן פינאַלי דערזעלביקער ניטגוטער, פאַרשטעלט אין „ראַציאָ״ האָט אויסגעפייַפט די פאָרשטעלונג.

וואָסזשע האָט געקענט טון דער דיכטער־רעזשיסער נאָך אַזאַ דורכפאַל אין טעאַטער פון אַספאַלטירטע גאַסן?

עס האָט זיך אין אים אין יענעם אָוונט אָנגעצונדן (ווי דען אַנדערש נאָך אַזאַ קבלת־פּנים בייַ „זיי״?)

„... אַ פלאַמענדיקע בענקשאַפט נאָך יידן....
(ווי זי פלאַקערט אין די שריפטן פון י. ל. פרץ!)״ (ז. 207)

און ער איז אַרויסגעפלויגן אויף אַ ספּעקטאַקל־טורנע אין.... געטאָ.

„... איך באַפוילן האָב מיין פענצטער פליען
און בין אָנגעקומען — מיען זאָל מיין שויב זיך, מיען! —
אין דער גאַס פון יידישע קלייטן, טעמפלען, קלויזן.

האָט די פרץ׳שע בענקשאַפט נאָך יידן, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אין שטערנבערגן, פאַרוועבט דעם געטאָ אין אַ נעץ פון ראָמאַנטישער אידעאַליזירונג? ניין! די קרעמערישע עקשנות פון די בענקשאַפטס־אָביעקטן —

„יעדער ברוינער ייד געהאנגען אויף די ברענענדיקע, ווילדע,
געלע, רויטע פאַרבן פון די קלייטנס טירן, פענצטער, שילדן״, (ז. 208)

אַנ׳ עקשנות, וואָס ווירקט נאָך אָפּשטויסנדיקער דערפאַר, וואָס אין דעם הענגען אויף די קלייטנס־טירן איז קיין האפט ניטאָ, האָט דערצו ניט דערלאָזן, זיי, די קרעמערס

„... זענען צוגעקלעבט מיט שפייעכץ בלויז....״ (דאָרט)

די פאַטאַליסטישע הכנעה פון די קרעמערס, די האָפנונגסלאָזע הכנעה אין וועלכער ס׳ליגט בלויז איין פונק פון בטחון: דער אייַנגענייטער, אָפּגעשפּאָרטער גילדן; די צניעות פון די געטאָ־טעכטער, וואָס זייערע פרומע אויגן קענען ניט צוקוקן

„— אַזאַ חתן־בחור האָט אפילו ניט אויף זיך קיין רימען?״ (דאָרט)

און אליין שטייען זיי אַנבטלויזטע אין דער גאַנצער נאַקעטקייט פון

גרייטקייט צו פּאַראַט, פּאַראַט פון זייערע „אָרימע טאַטעס", פּאַראַט פון די „יידישע פיר טויזנט יאָר":

„און אַרויסגעברומט דאָס זינדיק שווערע וואָרט:
— פיר אונדז שמדן!..." (ז׳ 210);

אָט די אַלע מעלות־טובות פון דער געטאָ־פּסיכיק, גראַווירט אויפן שטערנבערגישן נביאישן טעמפּעראַמענט, האָבן פאַרוואַנדלט דעם ערשטן פלי־געזאַנג איבער די יידישע גאַסן אין אַ גאַליקער סאַטירע. אין דעם דאָזיקן כּפּעקטאַקל אין געטאָ האָט אָבער דער דיכטער צוריקבאַקומען אין זיין האַנט דעם כלי־זין פון חוזק און איראָניע, מיט וועלכע ער קען, נישט געשטערט פונעם נישט־גוטנס שפּיצלעך, זיך קערן צו זיין קאַמפּס־קעגנער און פאַרענדיקן זיין פאָרשטעלונג מיט אַזאַ זיגעריש־בייזן זשעסט:

„האָב איך תיכף מיט דער האַנט זיי אָנגעוויזן אויפן נדן,
וואָס ער בלישטשעט טרויעריק אויף דער הויזן־פּלעכע,
פון די, ווי אין אַ זאַווערעכע,
אויפגעדעקטע הינטנס פון די אָרימע טאַטעס..." (דאָרט)

מ׳דאַרף האָבן עפּעס אַ אשמדאי׳שע גבורה צו פליען איבער יידישע גאַסן אַן אָנגעצונדענער פון פרצ׳שער בענקשאַפט נאָך יידן, און צו זען נאָר קרעמערס און שמד־גרייטע כלה־מיידלעך. איז דען אין געטאָ אָפּגעטריקנט געוואָרן לגמרי דער בוים פון גייסט מיט זיינע האַרבע פרוכטן פון דין און די זיסע פירות פון רחמים?

„שלייכן זיך אין שוועבנדיקע קאַסטנס גלייך מיט מיר
צוויי געשפּענסטער אויף אַ יידישן שפּאַציר —
שפּבן לופט..."

(צוויי געשפּענסטער, ווייל קאָנקרעטע יידן־געשטאַלטן זענען, ווי שוין איינמאָל געזאָגט, אין שטערנבערגס לידער ניט פאַראַן; די איינציקע בלוט־ און פלייש־געשטאַלטן, וועלכע זענען יאָ דאָ אין לעצטן ציקל „בוקאַרעשט", ווי משה גולם, קריצער, נחמן גר און אנדערע, זענען לקוי־חמה־פיגורן פונעם אַלטרומעניש־יידישן שטיי־

גער־לעבן. דער דיכטער האָט זיי אַרויסגעשלעפּט מיט זייער גאַנצן גײַסטיקן האַק און פּאַק פֿון דער היגער יידישער טרויער־וואָר כדי מיט זייערע געשטאַלטן צו פֿאַרפיקסירן לדורות דעם ערב־רב, וואָס איז געווען דער גאָר נישט בינע־פּעאיקער „אַין", פֿון וועלכן עס איז ווי דורך אַ נס און אפשר גאָר לויט אַלע געזעצן פֿון ווערן, געבוירן געוואָרן דער „יש" פֿון כביכול־דיקער יידישקייט).

די צוויי געשפּענסטער זענען:

„ער, וואָס באַקעט הענגט זיין גוף..."

און

„... דער פֿרומער מודה־אני־ייד
אין זיין אַלמער, אין וועלכן ער פֿלעג אַלע איינדערפֿרי
זיך פֿאַרמאַכן אָן אַ נשמה,
אָפּגעטון פֿון ערד פֿון טמא,
זאָגן ברכה... (ז. 212)

אין קלעם צווישן די צוויי, דורך פֿויזנטער־יאָר אַלטער שנאה פֿונ־אַנאַנדער אָפּגעקערטע געשפּענסטער, סימבאָלן, רייכט זיך די דערמאַנונג פֿונעם דיכטער סטיכיש צום גאַלילייער.

„און פֿון מויל פֿון מיין
גלייך ווי פֿון אַ גאַנצן מגין
רייסט זיך אויס אומגערן:
— זון פֿון גאָט!"

צום זון פֿון גאָט. אָבער ניט אויף צו פֿאַרטיפֿן דעם שנאה־התהום, נאָר כדי צו וואַרפֿן אַ בריקל פֿון איבערבעטונג צווישן דעם נביא פֿון רחמים און דעם יידיש־גײַסטיקן עקשנות, וואָס האָט זיך פֿון איבער דורות צעשטורעמטע האַנדל־וואַנדל־זאַווערוכעס, אויסבאַהאַלטן בײַ די פֿרומע מודה־אני־יידן. (שטערנבערג איז איינער פֿון די ערשטע, וואָס האָט אַרײַנגעטראָגן דעם נוצרי־מאָטיוו אין דער יידישער דיכטונג. נאָך אין 1912 דערציילט בײַ אים דער שני אַ מעשה וועגן דעם „ריגאַלע, ריגאַלע־רוגז" - באַגעגעניש צווישן

נוצרי און דעם יידל ביים שליאַך· דאָס דאָזיקע באַגעגעניש איז נאָך צושטאַנד געקומען דעמלט אונטערן כשוף פונעם באסאַראַבער זומער־נאַכט־פּייזאַזש, אין וועלכן ס׳שווימען זיך אידיליש צענויף דער טרויער פונעם צלם אין פעלד מיטן צער פונעם יידישן ראָגאַטניקס נגון אין סטעפּ· „שניי דערציילט אַ מעשה״ ז· 22־25)·

דער איבערשמועס מיטן נוצרי איז דערפאַר דאָ ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ באַנייאונג פון אַ אַלטער באַקענטשאַפט, פון אַ פריינטשאַפט, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אויף די אומעט־פעלדער פון באַסאַראַבער אָוונט· זאָגט טאַקע דער נוצרי צום דיכטער:

„— קום אין פעלד אַריין· ווו מיר באַגעגנט
האָבן זיך אַדאָ אין אָוונט־טאָל
צום ערשטן מאָל··· (ז· 214)

און דער דיכטער אַ צעקאָכטער פון דעם ווידערזען, ענטפערט:

„— גאַליליייער!
(און אין מיינע אויגן האָט צעפונקלט זיך אַ טרער)
קענסט דאָך אונדזער בעסאַראַביע·
וועט דיר זיין ניט שווער
צו באַנעמען· וואָס עס ווייעט אָן
טאָג און נאַכט און צלם דיינער
אויף דער בעסאַראַבער הרודע···· (דאָרט)

ס׳איז דעם גאַליליייער טאַקע גאָר ניט שווער צו חבר׳ן זיך מיט יידישן שטעטל־שטייגער· פאַרקערט, ער איז גאָר דאָ בבחינת פאָלקסטימלעכער אינטעליגענט, וואָס ווייסט, אַז יידישע פּראָבלעמען זענען ניט קיין „פליענדע יאַרמעלקעס״, ניט קיין אַבסטראַקטע גאולה־וויזיעס, נאָר בלוט־ און פלייש־ענפערס אויף נויט און עלנד פון קאָנקרעטע יידישע מענטשן· ער פאַרפירט דעם דיכטער צוריק אין זיין באַסאַראַבער שטעטל און ווינקט אים אַזוי אַרום איידל־נוצריש צו, אַז גייסט, נבואה, דיכטונג און דאַכטונג ציען זייער שורש ניט פון וואָלקנבאַרג פון אַבסטראַקציע, נייערט פון דער נידער פון שטייגער־לעבן·

„— לאָז מיר האַרציק גריסן דיינע טאטע־מאמע !..
(זאָגנדיק די ווערטער, ער צעלאַכט זיך פריילעך)
און איך זע, מיר זענען אָט אַזוי פאַמעלעך
אָנגעקומען ביז צום הויז פון מיינע עלטערן... (ז' 214)

ער, דער אַלווייסער און דער אַלזייער געפונט זיך גייסטיק אויף די עליזעאישע פעלדער, וואָס שפרייטן זיך אויף יענער זייט פון נביאיש־צעשטורעמטן געמיט, אויף יענע פעלדער, ווו עס וואַקסן ניט תוכחה־ און שטראָף־רייד, נאָר די מילדע באַרעכ־טיקונג פון פאַקטן; דאָרט איז ניט נויטיק קיין מלבוש פון צוגע־טראַכטער אידיי, כדי צו פאַרדעקן די נאַקעטקייט פון נשמה:

„דאָרט אין פעלד
דאַרפן מיר צוריק די אויסגעהעפטע
יאַרמעלקעס ניט מער...

— — — —

דאָרט דאָס קלענסטע גרעזל ווייסט
אַז נאַקעט הייסט:
איבגאנצן נאַקעט זיין... (ז' 215)

אוודאי איז דער דיכטער אַליין נאָך ניט פריי פון אידייאישע פענטעס, וואָס קרייצן זיך מיט זיינע געמיטס־פאַרלאַנגען; ער פילט, אַז וואַקסן מוז קולטור פון דער טיפקייט פון לעבנס־שטיי־גער אַרויס:

„האָט זיך שרעקלעך מיר פאַרוואָלט זיין צוריק אַ יידיש קינד...

נאָר,

„נאָר איך ווייס, אַז איך באַגיי דערמיט אַ זינד,
און אַז זיצן מיט די קליינע ברידערלעך אויף אָוונט־שוועלן,
בין איך שוין געוועסן, שוין געוועסן... (דאָרט)

און ער פרווט באַרעכטיקן פאַר זיך און פאַר דעם גאַליליייער פאַרוואָס

„כ'וויל דאָ מער ניט זיין אינדעסן....

מיט וואָס באַרעכטיקט ער דאָס? ער שלעפט אַרויס פונעם נביאישן

באַקאוויון לייַדנשאַפטלעכע סאַטירע־ווערטער און ווענדט זיך מיט זיי צום אַלווייסער:

„— קום אין מאַרק אַריין צו די געשטעלן
מיט פוילע עפּעלעך און יידענעס און יידן
און חזירביקעס מיט חזיר־פלייש
(האָב צוריק געערדט איך בעסאַראַביש מיט דער ריש...)" (דאָרט)

וועט דער באָדן־ און פּרינציפּ־לאָזער האַנדל־וואַנדל פון כשרות און טריפה׳ס אינאיינעם ניט זיין קיין ענטשיידנדער אַרגומענט כלפּי דעם גאַליליייער? ניין! דער דיאַלאָג מיטן נוצרי, דער וויכוח אין וועלכן צוויי יידישע אינטעליגענטן ווינטעווען צאַרט און ערלעך יידישע פּראָבלעמען, האלט ביים פאַרענדיקן זיך מיטן נצחון פונעם גאַליליייער. דער באזיגטער דיכטער מוז מודה זיין:

— אמת!
(זאָג איך
און איך זע די נאַקעטקייט פון האָריזאָנטן־שיין...) (דאָרט)

נאָך מער: די פאַרברידערונג צווישן נוצרי, דיכטער און מודה־אַני־ייד ווערט געפּייַערט אויף אַ סימבאָליש־ספּאָנטאַנעם אופן מיט אַנ׳אַלט־יידישן לויבגעזאַנג:

„קוק איך אין די אויגן דעם אַלווייסער,
איז ער רויק, רויק און מיט אַמאָל —
גלייך מיט מיר אויף דעם אַלמער־יידנס קול:
כתר! (ז. 217)

דער דיכטער, וואָס איז אַרויסגעפלויגן מיט דער בייַטש פון סאַטירע אין האַנט, וואָלט זיך אַזוי אַרום געקענט אומקערן מיטן אייל־בירטצווייגל פון רו און באַרעכטיקונג, ווען —

דער חוס־דרגא׳שער ייד!
— — — — —
אין מאָזאַאישער קאָנפּעסיע דער פאַרזשאַווערטער טשוואָק!
— — — —
דער אונגאַרישער באָרד און פּאות־דיבוק!
מיט דער יאַרמעלקע און ליולקע־ציבעק". (ז. 219)

וואָלט דעם פֿײַערלעכן שלום־מאָמענט ניט געווען פֿאַרשוועכט מיט דעם צודרינגלעכן ציניזם פֿון זײַנע טריפֿהנע בלוטן, וואָס הוליען אַרויס אַנאַרכיש־בייז פֿון זײַן קאָנווענציאָנעלער פֿרומקייט.

האָט זיך אָט די חוס־דרגא׳שע פֿרום־אויסגעלאסענע פֿיגור פּלוצים, צופֿעליק געיאוועט און זיך אַלס פֿערטער צוגעלאָנטשעט צום פּלי־שפּאַציר? ביי דער גאנצער אַרביטראַרישקייט פֿון שטערנבערגס דיכטערישער פֿאַנטאַזיע, איז „דער אונגאַרישער באָרד און פּאות־דיבוק” דאָך די אידייאישע קאָנסעקווענץ פֿון זיין פּעסימיסטישן אומצוטרוי צו אלטאײַנגעזעסנקייט און אירע מאָראַלישע טועכצן און כונות. „דאָס זינדיקע סדום” — דאָס איז די פֿאַן מיט ברענענדיקע קוילן אין שטערנבערגס דיכטערישן געמיט, אין וועלכע עס בריען זיך אָפּ זיין אידיי, זײַן פֿאַמפֿלעט, זײַן ספּעקטאַקל; דער ברענענדער ווייטיק פֿירט זיי אַראָפּ פֿון לכתחילהדיקן וועג און דערפֿירט זיי שטענדיק צו אַ פֿאַטעטיש־גראָטעסקן פֿינאַל אין וועלכן ס׳קאָכן זיך ווי אין אַ „העקסן־קעסל” אייגענער פֿײַן און צערדיקער ודוי מיט רעוואָלט קעגן בעל גופֿישן אַרום. עס שנײַדן זיך דאָ לייוויק׳שע מיט משה לייב האַלפּערן׳שע עלעמענטן. לייוויקס דיאַלעקטיש בויער־מעסערל פֿון זעלבסט־אָנקלאָג און משה לייבס „כוליגאַנישע” האַק פֿון רעבעלישקייט באַגעגענען זיך צו אַ טראַגיקאָמישן דועל גלײַך אויף גלײַך. דאָס קרייצן זיך פֿון די צוויי פֿאַרשידנפּלאַניקע כלי־זין, וואָס קענען זיך ביידע ניט בייקומען, דערפֿירט אין רעזולטאַט צום גראָטעסקן סוף פֿון שטערנבערגישן דיכטונג־ספּעקטאַקל.

„שוין אַראָפּגעריסן
אים די לאנגע מאָזאַאישע פּעטע קליידער
און צעביסן
מיר די באַקעטע, דאַרע יִדישע פֿיס,
נאָר זיי קענען זיך ניט שטילן
ביז —” (ז. 220)

ביז? ביז ס׳ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער דיכטער און דער חוס־דרגא־

שער ייד זענען גאָר לכתחילהדיקע פּאַטעטיש־דיכטערישע סימבאָלן „אויף דער לינקער זײַט״. שטערנבערגס שטענדיק וואַכע סדום־זעאונג האָט געשטויסן די רעזשיסערישע אינספּיראַציע אויסצולעשן אין בינע־פינצטערניש די געשטאַלטן פון נוצרי און אַלמער־ייד, און אַרויסצופירן אונטערן גרעלן ליכט פון רעפלעקטאָר זייערע אידייאישע סימבאָלן אין איבערגעקערטע פּעלצן. די נוצרישע וועלט־דערלייזונג דורך אייגענע לײַדן ווערט פאַרוואַנדלט אין יחידישן זעלבסטאָנקלאָג, זעלבסטפּײַניקונג

„יעזוס אויף דער לינקער זייט... נו יאָ, דער קלענצטער
ברעטל־גאָט מיט צוועקעס טיף אין לייב...״ (ז. 222)

און דער רעליגיע־ און לעבנס־דאָגמאַטיזם פונעם אַלמער ייד? אונטער אים טשטירעט די ציינער זיין שקר־שאָטן — דער ייד, וואָס

„אין קאַפּעהויז, דעם גן־עדן
התחתון זיך איך גאנצע נעכט מיט מיידן —
פון דערווייטנס כאָטש, אַז ניט אין שכנות. (ז. 219)

אין דעם רויק אידילישן שפּאַציר אין דרײַען האָט אַרײַנגעשפּאַרט די זינד־וויזיע, די לינקע זײַט פונעם אמת, איבערגעריסן דעם עקסטאַטישן לויבגעזאנג פון באַשאַף צום באַשעפער און דער־פירט דעם כפּעקטאַקל צו א ניט דערוואַרטעטן, ניין, צו א דער־וואַרטעטן, צו א אומפאַרמיידלעכן פינאַל: שאול תחתיה!

האָט דער דיכטער אין די „פליענדיקע יאַרמעלקעס״ באמת געלייזט זײַנע יידישע פּראָבלעמען, אויפן פלאַך פון סתירה און דערגאַנצונג צווישן שטעטל און אוניווערסאַליזם, ווי ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט:

„אָט אַזוי האָב איך געלייזט
מיינע יידישע פּראָבלעמען.
גאָט געגיבן
גאָט גענעמען.״?

עס וועט זיך אין דעם ציקל „בוקאַרעשט" אויפסנייַ צעפּלאַקערן די יידישע פּראָבלעמאַטיק און אויפן שטח פון בוקאַרעשטער געטאָ אַרויסרייַסן ביי אים ליבע און שנאה־אַקצענטן.

V.

בוקאַרעשט של מטה

פון דער לאַנגער אָפּגאַנג־פּראָצעסיע פון יידיש־רומענישער קולטור־געשיכטע האָבן זיך פּאַרן דיכטערישן אויג פון איציק מאַנגער (ער, וואָס איז געבוירן און האָט זייַן קינדהייט פאַר־בראַכט אין טשערנאָוויץ און דער בעסאַראַבער יעקב שטערנבערג זענען דערווייַלע די איינציקע, וואָס האָבן אין זיך פּאָעטיש אויפ־גענומען די גראָטעסקע פּאַרבן פונעם יידיש־גייַסטיקן זונפאַרגאַנג אין אַלטרומעניע) אַרויסגערוקט נאָר די צוויי אויסלענדישע יידיש־גענעראַלן אברהם גאָלדפאַדן און וועלוול־זבאַראַזשער. גאָלדפאַדן און ערענקראַנץ האָבן זיך פון לכתחילה עפּיזאָדיש אייַנגערעמט אין מאַנגערס באַלאַדעסקער וויזיע און נאָר דער צווייטער איז שפּעטער אַרויסגעשוומען פון זייַן נאַכטישער באַגעגעניש מיטן גאַס־לאַמטערן און האָט זיך קינסטלעריש פּאַרפיקסירט אין מאַנגערס ראָמאַנסירונגס־פּאַרמעסט: „וועלוול זבאַראַזשער שרייַבט אַ בריוו צו מלכהלע דער שיינער".

שטערנבערג האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין קינסטלערישן חשבון מיט דער גאָלדפאַדעניאַדע און זבאַראַזשעריאַדע אָפּגעשלאָסן אין זיין רעווי־טעאַטר, אין וועלכן די צוויי פייַערלעכע קבלת־יידיש־העלדן האָבן זיך געמוזט מטריח זיין אויף דער בינע און אָפּזאָגן זייערע מאָנאָלאָגן פון ביטער־ערנסטן געשיכטלעכן סך־הכל און איראָניש־קריטישן קולטור־טאָאַסט אויף דאָאיקע דורות פּיאָ־נערן און עפּיגאָנען, צום אונטערשיד פון מאַנגערן, וואָס האָט פּאָעטיש מער מקרב געווען דעם הער ערענקראַנץ, האָט שטערנ־בערג זיך דיכטעריש נענטער געחברט מיטן הער גאָלדענפאָדים. עס איז אויך פאַרשטענדלעך פאַרוואָס מאַנגער, דער דיכטער־וואַגאַבאָנד האָט וויזיאָנעריש אַרומגעוואַנדערט מיטן קרעטשמע־

וואָגלער וועלוול זבאַראַזשער און מיט אים זיך דערוואַנדערט פון וועלוולס פּראָטעסט־טומלעניש צו איציקס סטיליזאַציע פון ראַפינירטער, געלייטערטער שפּילמאַן־פּאָעזיע. גאָלדפאַדן ווידער האָט אין שטערנבערגס טעאַטער־בלוט געצונדן דאָס פּאָעטישע שליחות־פייַער פון צוריקפירן און ווייַטערפירן די וואָרט־ און שפּיל־קאַראַוואַנע פון יידיש אין אַלטרומעניע: צ ו ר י ק צו די קוואַלן פון פאָלקס־אינספּיראַציע און פ אָ ר ו י ס צו סינטעז־באַהעפטונג מיט וועלטלעכער א י ד ײ ע ן ־ אַ ס פּ י ר אַ צ י ע.

„קיל... דאָס פייער טאָר ניט שטאַרבן.
האַלט עס אויף נאָך, וואָרט פון דיכטער! (ז׳ 226,

און פונעם זאַמדיקן קולטור־מדבר א פאַרצווייפלטער רוף נאָך גייַסטיקן ישוב:

„און איך טוליע צו דער ערד ביז ווי מיין אויער: האַלאָ וואַרשע!
האַלאָ, ניו־יאָרק! האַלפּערן! מאַני לייב! אָפּאַטאָשו! לעיעלעס! נאַדיר!
לוצקי! לייוויק!
טויב... איך הער ניט גאָרנישט... הייסט עס, אַז אויף אייביק...
פרוח איך צו די אלטע מיך דערשלאָגן:
פרץ... שלום־עליכם... מענדעלע... אַזוי — ביז ס׳הייבט אָן טאָגן.
(ז׳ 259)

דעם גרויסן אידייאישן דורכשמועס מיט גאָלדפאַדענען האָט שטערנבערג, ווי געזאָגט, אָפּגעהאלטן אין די טעקסטן פון זיין רעווי־טעאַטער, וועלכן ער האָט פאַרפלאַנצט אין אלטרומעניע אינאיינעם מיט יעקב באָטאָשאַנסקין נאָך אין יאָר 1917. אין ציקל „בוקאַרעשט“ איז נאָר פאַרבליבן דורכצופירן די קינסטלערישע אינווענטאַרירונג פון דעם ביסל אָרימען יידישן קולטור־עפּיגאָנענטום: לאַטיינערישע פאַפּירענע־קרוין־העלדן, שברי־כלידיקע סטאַטיסטן, הינטערקוליסן־פאַראַזיטן, דירעקטאָרן־אונטערשוויצערס, אַנ׳„אָרעמער קרעטשמע־גאָרטן־פּיאַן“, אַ צעבראָכענער „קעטע“־טעלער און אַ גאַנצע רייע „לקוי־חמה“־פיגורן, וואָס קאָנסערווירן אַנעקדאָטיש דעם „אוצר“ פון בוקאַרעשטער יידישער פאָלקסטימלעכקייט. יאָ,

אויף יידיש שטיגערלעבן פון „פה, ק״ק בוקאַרעשט״, האָט מען אַרײַנגעלייגט אין נדן דעם גאָלדפאַדן־רעסטאַווירער און טעאַטער־באַנײַער.

וויאַזוי האָט זיך שטערנבערג פּאָעטיש געספּראָוועט מיט דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן אינוועטאַר? דער שטורמישער שטראָפּער פון שטאָטישער זינד, דער דרייסטער פליער איבער דער נאַקעטקייט פון יידישער פּראָבלעמאַטיק, האָט, אַנ׳ אָוועקגעשטעלטער פּנים אל פּנים מיט די קאָנקרעטע פיגוראַנטן פון יידישער טראַדיציע־געבראָכנקייט, געמאָלן זייערע פּאָרטרעטן מיט דער צערטלעכקייט פון דעמער־שטימונג און מיט דער ספּאָנטאַנער ליבשאַפט פון אַ עכטן דיכטער צו דער געפּלאָגטער קרעאַטור. די דאָזיקע ליבשאַפט צו די ליידן פון קאָנקרעטע מענטשן — נאָר זי קען באַרעכטיקן דאָס גײַסטיקע קנאות פונעם דיכטער, נאָר זי קען זײַן דער קריטעריום פון זײַן האַס־עכטקייט. אינעם ליבשאַפטס־ציטער פונקט ווי אין דער נביאישער האַס־ליידנשאַפט ווירקט בײַ שטערנבערגן נאָך די אַלטע היסטאָרישע אַסאָציאַציע. דער צערטלעכסטער גלעט פאַר זײַנע לקוי־חמה־פאַרשוינען בלײַבט צוטשעפּען צו זייער זעלישער „גרוגרת של רב צדוק״־מאַסקע די חן־בענדלעך פון אַלטער שטייגער־ און טעאַטער־מעטאַפער.

„ער — איז נאַיע שחור, דער עגיפּטער —
ארץ־ישראלס געליבטער

— — — — —

שפּעט. די אַלטע, קליינע יידענע, וואָס דרימלט אויפן פּיאַן,
וויל שוין, נעבעך, שלאָפן. אָ ר ע ם, ח ר ו ב ל א נ ד כ נ ע ן!..
(דער ישמחו־טריאָ ז. 228)

אָדער:

„בלייבט די יידענע —
אַנ׳אר ץ־ישראלדיק שטיק פרומע ערד.
(די בוקאַרעשטער פרומע יידענע,
די ציגיינערטע און דער ווינט. ז. 230)

און נאָך איין ביישפּיל:

„איז בשעת די קרעטשמע הודעט ווי אַ באַן,
זעט אויס אַנאַ׳ס פּרומע, חרובע פּלייצע ביי דעם פּיאַן,
ווי די כותל המערבי...

(אַנע מיט דער פּיאַנע און דער מלאך דומה. ז. 263)

דער רויקער טאָן, דער סובטילער הומאָר און די היסטאָרישע דיסטאַנץ ביי דער פּאָרטרעטירונג פון די „אינוועטאַר־פּאַרשוינען האָט שטערנבערגן פאַרהאָלפן דערצו, אַז די קאָנקרעטקייט פון די פּאָרטרעטירטע געשטאַלטן און דער ספּעציפישער אַראָמאַט פון זייער אַלטרומענישן קולטור־קלימאַט זאָלן ניט פאַרלוירן גיין אין דער געדיכטעניש פון זיין לירישער אַסאָציאַציע און סטיכישן פּאַמפּלעט. די דאָזיקע פּאָרטרעטן האָבן זיך אויסגעפורעמט צו פּאָעמען־מאָנומענטן פון דער יידישער קולטור־אַנאָנימשאַפט אין אַלטרומעניע — איינציקע אין זייער מין, וואָס שייך זייער טעמאַטיק און שווער אַריבערצויאָגן, וואָס נוגע זייער דיכטערישע קוואַליטעט.

איז אָבער דער דאָזיקער מענטשן־אינווענטאַר פאַרוועגדפעאיק פאַרן „קולטור־קאַמף״? פאַרוועגדפעאיק אין דער נידריקער טעמ־פּעראַטור פון אַ קאָלעקטיוו, ווו אפילו די מאַטאַדאָרן אַליין: גאָלדפאַדן, זבאַראַזשער, ראובן אשר ברוידעס און זייער יורש שטערנבערג „זיצן אַלע פיר״

„אויף דער קאַלטער ערד. יעדער זאָגט: איך פריר...
און כדי זיך אַנצוואַרעמען — „פּלאַקער, פּלאַקער, פייער״ ברומען מיר״?
(ז. 256)

ביין, עס בלייבט ניט איבער עפּעס אַנדערש ווי צו פאַרמאַכן די מידע אויגן פון דער חרובער קולטור־שארית־הפליטה און שטיל צו שעפּטשען: ברוך דין אמת!

„לאָמיר זשע דערמאַנען די געפאַלענע
מיט דעם לידל,
וואָס אַליין געזונגען זיי צו דעם געריכטן:
„גאָט און זיין משפט איז גערעכט״....
(ז. 233)

איצט מוז דער יורש אָפּזוכן די גרעסטע ירושה־אפּותיקאַ: דאָס שטייגער־לעבן און די פֿאָלקסטימלעכקייטס־פּאַרקערפּערערס אויף די יידישע גאסן. ביי זיי זאָל דאָך, לויט צוואה, אײַנשטיין דער סוד פון קאָלעקטיווער קולטור־אינספּיראַציע. די ירושה־פאַרשרייבערס: גאָלדפאַדן, זבאַראַזשער און ברוידעס האָבן זיך פאַרשעמט צוריקגעצויגן: ניטאָ וואָס איבערצוגעבן.

„רבותי, מיר וועלן בענטשן!...
ווערן סילועטן בלויז פון אלע מיינע הויכע מענטשן.
כ'קוק מיך בעסער צו — איז קיינער מער פאַראַן. (ז. 257)

מ'מוז זיין דערפינדעריש, כדי צו פאלן אויף אַ המצאה, וויאַזוי צו מאָביליזירן דאָס „פֿאָלקסטימלעכקייטס"־געזינדל. דער דיכטער־רעזשיסער אָרדנט איין א גראַנדיעזן ספּעקטאַקל: זיין איי גענע לויה. ס'ניטאָ דערביי ווער ס'זאָל העלפן. ער מוז אַליין

„זיין דער מת און די לויה,
און אויך דער, וואָס טוט צו וויסן זאָגן:

אַז צווישן די חורבות פון יידישן לעבן

„איז פאַרשניטן געוואָרן היינט
אַ יידיש־רומעניש־ער דיכטער —
פון זיין שם־טוב אַ זאַטער... (ז. 235)

דאָס „אינווענטאַר"־געמויזעכץ האָט זיך באַוויזן און ס'האָט אַ זעץ געטון פון אים מיטן ריח פון שפּראַך־צעפאַלנקייט, פון אי־דעאָלאָגישן פוילעניש און מאָראַלישן עפּוש. פון דאָרט ארויסצוציען לעבעדיקע געשטאַלטן אויף דער ווענדקע פון ווייכן ליריזם וואָלט געווען אומעגליך. דעם דאָזיקן מענטשלעכן קאָרפּוס דעליקטי פון קולטור־ און לעבנס־זומפּ איז בכח ארויסצושלעפּן נאָר דער שאַר־פער אַנגעל פון פּאַמפלעט. אונטער דעם ליכט פון שטערנבערגס גבורהדיק פּאַמפלעטאַרישן „לויה"־פּאָעם, אין וועלכן ס'וויברירט דער ריטם פון רענעסאַנס־שליחות, פאַרבן זיך אָפּ זשאַווערדיק־גראָטעסק די סילועטן פון די לקוי־חמה־העלדן. עס דאַכט, זיי

קערן איבער, ווי אין פלאַגראַנטי דערטאַפּטע גנבים די קעשענעס, זייערע נשמות אויף דער לינקער זייַט, כּדי מיט דער גזל־מינע פון אַ שומר חנם אַרויסצושטאַמלען אַלס איינציקע פאַרטיידיקונג: פאַרתּכלעוועט, אָבער אַליין אויך קיין סך ניט נהנה געווען... אין די מעשה׳ס, אַנעקדאָטן פונעם פּאָעם־פּאַמפלעט וואַקסט אויס די טרויעריק־אַרעסטאַנטסקע ראָטע פון די לקוי־חמה־געשטאַלטן צו אַ סימבאָלישער דעפּילאַדע פון די יידישע לעבנס־חולאתן אין דער וואַלאַכישער מדינה.

דאָס

„שפּעטנע, שאַרף־געשניצטע יידל, וואָס איז
ענלעך צון אַ געטשקע
און פון טויזנט יידישע פּרנסות
מאַכט אים איינע זיך פאַרשטעלן
פאַר אַ חולה גופל...״ (ז׳ 240)

טייטלט אָן אויף דעם וויסטן סאָציאַלן תהום אין דעם געשיכטלעך־פאַרקריפּלטן היגן פאָלקס־קאָלעקטיוו. צווישן אָרעם און רייַך בערגלט זיך ניט שנאה, קנאה און פּראָטעסט, ווי ס׳וואָלט געווען נאָרמאַל און שפּעריש, נאָר ס׳זומפּיקט זיך די ערמה פון פּאַראַזיטאַרישער אומפּראָדוקטיווקייט. משה נאַפּאָלין איז דער טעמפּער, איבערגעוואַקסענער חניפה־שמייכל פון אַ מאַסע צו די בלאָנדזשע־פייַערלעך פונעם פּריץ׳ס אַ טובה. פון נחמן גר ווייעט מיט דעם פייַכטן שימל פון היפּערסענטימענטאַלער יידישקייט, וואָס אין איר קענען נאָר לעבן די שפּינען פון חרובן געמיט. הער פּאַרפּעל — דער חווק פון דער דאָ נאָך קינדווייַז עובר בטל געוואָרענער השכּלה־אידייע און אחרון, אחרון: קרייצער, ער ווערט דער סימבאָלישער פלאָג פון גראָשן־ברוטאַליטעט, דעטעקטיוו־ציניזם, תּקיפותדיקער עם־הארצות, פּאַפּרענער טאַנדעט־רעליגיע און כּיטרער רשע־קאָרעקטקייט, וואָס האָט זיך אַרייַנגעביסן אין גוף פון אַ שטייגער־יורד, כּדי בייַ אים צוצונע־

מען דאָס לעצטע, וואָס ער קען נאָך פאַרמאָגן: די שיינקייט פון ירידה.

דער שווערער ריח פון דעם געשטאַלטונגס־שטאָף פאַרקלעמט דעם אָטעם ביים פאַמפלעטאַר. ווייטער ציען דעם פאָעם נאָכן דיאַלאָג מיט קריצערן? קען דער פאַמפלעט־גרים נאָך רעליעפער מאַכן די אויוון אויסגערעכנטע מעלות טובות — רעליעפער ווי זיי פויזן אַרויס פון קריצערס ביז עקל נאַקעטע רייד?

דער מוזיקאַלישער אינטערמעצאָ (ז. 255), דער שפּאַציר אויף דער היסטאָרישער קאַרעטע מיט די גרויסע שאָטנס פון דער היגער קולטורגעשיכטע, איז אַזויאַרום פאַרן דיכטער דאָס ביסל לופט, וואָס ער גייט שעפּן נאָכן שטיקנדן באַגעגעניש מיט דער קריצערישער קולטורגעגנוואַרט. די קאַלטע דעקאָראַטיוויקייט פון פאַרגאַנגענהייטס־פאַנטאָמען איז אָבער ניט בכח אויפצולעבן ניט איין פונק אין דעם גרויסן אַש־ און מיסט־ באַרג פון אויסגעלאָשענער יידישקייט, פון ביז וווּלגאַריטעט פאַרגליווערטע פאָלקס־טימלעכקייטס־רעשטן.

„הייסט עס, איך בין טאַקע טויט... דאַרף מען דאָך די פיס אויסשטרעקן.

ביטאָ קיין האָפנונג? צערונען אלע רענעסאַנס־חלומות?

„א ציגיינער־קינד צום גליק אין אונדזער ראָד וואַקסט אויס
מיט אַ פידל, וואָס איז צווייִמאָל פונעם שפּילער גרויס.
„פלאַקער, פלאַקער, פייער" —
צום ציגיינער־קינדס בלוט טוליען מיר זיך הייסער, טרייער."

דאָס ציגיינער־קינד איז ניט עפּעס אַ צוגעטראַכטע דעקאָראַציע צו דער הפקר'ער צעטרענצל־הוליאַנקע פון אַ קולטור־ירושה. ניין, דאָס ציגיינערל, דאָס איז דער איינציקער לעבעדיקער קוואַל פון פאָלקס־אינספּיראַציע אויף די פון יידן און ציגיינערס באַוווינטע וואַקאַרעשטער* און דודעשטער* גאַסן.

איז עס ניט אַן' אויסוועג, אַ פונעם חשכות אַרויסבליצנדיקער

---

* יידישער קוואַרטאַל אין בוקאַרעשט.

רעטונגס־געדאַנק „מצרף צו זײַן אויך דאָס שוואַרצע באָרוויס־קינד, דעם גוי״? אפשר וועט אַ טראַנספּוזיע פון שעפערישן ציגײַנער־בלוט אין די אָדערן פונעם דאָ גוססן יידישן קולטור־גוף ברענגען דינאַמיזירונג, רעגענערירונג, גענעזונג? עס זענען דאָ דערויף פּרעצעדענסן, קלאָרע געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס.

דאָס רומענישע פאָלקסליד טראָגט אין זיך (און זיכער ניט צו זײַן שאָדן) דעם אינטערמעצאָ־עוקץ פון ציגײַנערישער פאָלקס־מוזיק. די אונגאַרישע נאַציאָנאַלע טשאַרדאַש־טענער האָבן אין זיך אַרײַנגעוועבט די פעדים פון דער ציגײַנערישער שאַפונגס־פאַנטאַזיע און אַזוי אַרויסבאַקומען דעם אייגנאַרטיקן געמיש פון ערד־באַהעפטקייט און נאָמאַדן־הפקרי.

און דאָס חסידישע פאָלקסליד אויף די ברייטע אוקראַינישע סטעפּעס—פון וואַנען האָט עס גענומען דעם נאָנטן פנים אל פנים־דורכשמועס מיט מיטאָלאָגישע געשטאַלטן און מיט גאָט אַליין? אַזעלכע פערזן פונעם חסידישן ליד, ווי

„אַברהמוניו זיידעניו נאַש,
טשעמו נע כאָדיש טאי נע פּראָסיש
פּאַנאַ באָהאַ זאַ נאַס?״

האָבן אין זיך עפּעס, און אַ היפּשן עפּעס פון דער טעט־אַ־טעט שפּילעוודיקייט פונעם אוקראַינישן פאָלקס־קינד מיט דער געשטאַלט פונעם הייליקן ניקאָלאַי און פון דער פּויערטעס אויס־געבונדענער נאָנטקייט מיט דעם און יענעם הייליקן אויפן איקאָנע־בילד. נאָר אַ דאַנק דער קאָנקרעטער מיטאָס־פאַנטאַזיע פונעם אוקראַיניש־פּויערישן שטייגער־לעבן האָט די רעליגיעזע חסידות־באַוועגונג געקאָנט דורכפירן דעם יידישן פאָלקסמענטש איבערן געפערלעכן תהום פון אַבסטראַקציע צווישן גאָט און מענטש און אַרויסראַטעווען פאַר אים עולם־הזה־פרייד און סאָציאַלע שטאַרקונג.

די אידיי פון מצרף זײַן דאָס באָרוויסע ציגײַנער־קינד צו די אויפלעב־אַספּיראַציעס פון אַ פאַרוויאַנעטן קולטור־שטייגער, אַ

אידיי, צו וועלכער שטערנבערג איז דערגאַנגען אויף די וועגן פון קינסטלערישער אינטואיציע, פאַנטאַזיע און געשטאַלטונג, ווערט אַזוי אַרום אַ שאַפונגס־דירעקטיוו, אַ גײַסטיקע אָריענטירונגס־פײַל פאַרן יידיש־רומענישן פּאָעט פון הײַנט און פון מאָרגן. ס'קען זייער געמאָלט זײַן, אַז דער דאָזיקער יידיש־שפּעּער וועט מוזן פּרוּוון אויפהעלן די טויבע יידישע לעבנסקלאַנגען אויף די אימפּראָוויזאַציע־סטרונעס פונעם ציגײַנערישן פידל. ציגײַנערישער פידל, ווײַל דאָ אין אלטרומעניע איז דער ציגײַנער דער טאָפּאָגראַפיש נאָענטסטער שכן אויף דער יידישער גאַס. די אידיי אָבער פון קרייצן די יידישע שאַפונגס־עלעמענטן מיט די קולטורן פון די אַרומיקע פעלקער, זי שפּרײַזט ווײַט אַריבער די גרענעצן פון דאָאיקע און אַנדערע יידישע ישובים. די דורות לאַנג אויף איר באַראָט איבערגעלאָזטע יידישע מאַסע האָט דעם קולטורעלן מישפּראָצעס דורכגעפירט מיט אַ פאַרקנעפּלטן געמיט און מיט יחוסדיקן „להבדיל"־בטול. דער רעזולטאַט איז געווען: שפּראַך־מישמאַש בײַ ניט אויף אַ האָר קלענער געוואָרענער אָרגאַנישער פרעמדקייט. די אינטואיטיוו־קינסטלערישע צונויפפירונג פונעם יידישן אינכפיראַציע־סוד מיט דעם געהיימניש פונעם אַרומיקן קולטור־געשפּין אין אַלע לענדער — דאָס דאַרף זײַן די גראַנדיעזע עובדא פונעם יידיש־שפּעּער. די דאָזיקע אויפגאַבע ליגט אויף דעם פלאַך פון אַלט־יידישן אוניווערסאַליזם און אויף דער ליניע פון די גרויסע סאָציאַלע לאָזונגען פון אונדזער צײַט. אָרגאַנישע באַהעפטונג צום קולטור־אַרום דורך אייגענער שפּראַכפאָרם איז ניט נאָר ניט קײַן סתירה צו דער אויפהיטונג פון דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט, נאָר זיי ביידע אינאיינעם קענען ערשט געבן דעם סינטעז פון עכטער יידיש־אוניווערסאַלער שאַפונג.

„דין דאַן.
שפּיל, ציגיינער־קינד, אַקאָמפּאַניר מיר ווייטער אויפן פּיאַן".

דאָס ציגײַנער־קינד ווערט אַזוי אַרום דער סימבאָלישער pars pro toto פאַר אַלע פעלקער צווישן וועלכע יידן וווינען.

VI.

בוקאַרעשט של מעלה

די נביאישע דיאַלעקטיק האָט זיך זעליש אויסגעלײַטערט; דער דיכטער האָט אַרויסגעשיילט זײַן אייגענעם סילועט פון דעם גרויסן פאַנטאָמען־געזעמל, וואָס באַפּעלקערט די שטאָטישע זינד־וויזיעס איצט קען שטערנבערגס אויסגערײַפט, אָפּגעקלערט פּאָעטיש געפיל קאָנקרעט קאַטעגאָריזירן דעם סאָציאַלן צונויפשטעל פון דעם אורבאַניסטישן אַרום· די פאַקטן און געשעענישן פון דער גרויסשטאָט — די גרויסשטאָט איז דאָ דאָס „גויישע״ בוקאַרעשט, וואָס איז טאָפּאָגראַפיש און געזעלשאַפטלעך העכער פונעם יידישן, דאָס בוקאַרעשט של מעלה פון „צווישן קעניגלעכן הויף און אוניווערסיטעט״ און פון „שווייספאַרקויטיקטן חבלה־פּלאַץ פון עסנווארגן״ — פאַרלירן זיך שוין איצט ניט ווי אין ״חצורת״ און „שטאָט אין פּראָפיל״ אין שוים פון סטיכישן שטראָף־פּאַטאָס, נײַערט טיילן זיך אויס לויט זייער סאָציאַלן מהות און אַנטפּלעקן פאַרן דיכטערישן געמיט דעם סוד פון „דאָסזעלבע״, וואָס איז אין תוך גאָר „עפּעס אנדערש״· די זינד פון דעם עמק הבכה — געזעלשאַפטלעכע שיכטן וואָס האָבן פריער אונטערן שלייער פון נביאישע אַסאָציאַציעס און דערמאָנונגען געמוזט טאַנצן בעל כרחא אין ראָד פון כל שטאָט חברים־כאַאָס — זיי פּרעזענטירן איצט זייער אייגענעם צער־פּנים, און דער דיכטער דערזעט:

„פּ ר ו מ ע ר זעלנער· פּ ר ו מ ע זונה· דאָס איצט זיכער, זיכער·
דרייט אייך אין אייער ת מ י מ ו ת ווי אַ וויכער, וויכער!
איינס, צוויי, דריי! ווארף, קאַמאַראַד, דיין ביקס אויף אַקסל מיר אַריבער!
איך וועל שטיין אַ לעדערנער, באַוואָפנטער אַקעגן אלע שטיבער
און וועל היטן אייער טאַנץ דעם הייליק־פרעכן, הייליק־שיינעם·
כ׳וועל דערשיסן ווי א גאסנהונט אַיעדן איינעם
וואָס צו אייך זיך וועט דערנענען·״ (ז· 303)

די זונות — יענע, וואָס „אַיעדע מיט א בענטשערל, אַ סידור״

האָבן אויף דער מאַנעקענען־בינע פון „קאָליברי״ מיטגעשפילט אין ספעקטאַקל פון צבועות און פאלשקייט און דאָס גאנצע „חייל זאָלדאַטן״, וואָס האָט אויסגעשאָסן אלע פרויען

„עס פאַרשטייט זיך, אינעם נאָמען פונעם הייליקן גייסט און פונעם זון און פונעם טאטן״ (ז׳ 185)

זיי, די זונה און דער זעלנער זענען איצט פאַרן דיכטער אין דער פאַנאָראַמע פון דער קאָנקרעטער שטאָט־ווירקלעכקייט דער סימבאָל פון וואַכער לעבנס־תמימות; זיי, וואָס זענען פריער געווען אָפּ־גאנג־פיגורן, ווערן איצט אַן אויפקום־רעזערוו, ווערן פאַרן דיכטער

„... די פאַנטאָמימע, וואָס אין איר אַזוי אַריינדרייען זיך וועל קענען״.

ער וועט קענען... ווײַל די נײַע דיכטערישע פאָרם פון אָ־דעם לידער־ציקל, אַ פאָרם אין וועלכער דאָס לירישע האָט זיך עפּיש איבערגעברענט און אָפּגערוקט דעם דיכטער אויף קינסטלערישער דיסטאַנץ פון דעם געשטאַלטונגס־שטאָף, וועט אים העלפן אַרויס־פירן זיין אין וויסטן תאוה־געדריי אונטער די משוגענע קלאַנגען פון זשאַז־אָרקעסטר געטרעטענע גאולה־לײַדנשאַפט און געפונען די גע־זונטע פלייצעס און ראָבוסטע נשמות ניט נאָר פון צדיקים אין סדום, נאָר אויך פון סאָציאַלע קאַטעגאָריעס און קלאַסן, וואָס וועלן די אויסלייז־בענקשאַפט טראָגן און צערטלען.

די פון ליריש־נביאישער סטיכיע אָפּגעפּראָשעטע סאָציאַלע דיאַלעקטיק וועט דורכפירן אַ שאַרפן ווערטיקאַלן שניט אין שטערנ־בערגס שטאָט־בילד

„ווי מע שניידט אַ בויך אויף, וואָלט איך אויפגעמאַכט דעם אַספאַלט, דאָס אויסגעפּרעסטע ברוסטהעמד פון דער שטאָט״ (ז 309)

אויף דער אייבערדעק האָט זיך פאַרענדיקט די אכזריותדיקע שלאַכט מיט דער אַפּאָקאַליפּטישער שטאָט־וויזיע. עס הילכן אָבער נאָך

אָפּ אין דיכטערישן געמיט די לעצטע אַקאָרדן פון די אַטאַוויס־טישע קולות וברקים, אין וועלכע ס׳האָבן זיך ווי אין אַן אַסקעטישער פּאַרצווייפלונגס־קאָנווולסיע געוואָרפן און געדרייט זינד־קאָשמאַר און שטראָף־אימאַזש:

„עס איז ניט קיין מאַרק, נאָר אַ טאַווערנע —
מיינע הויכגעשעצטע זשענטעלמענס און לידיס!
יעדער פון די רויטע ייגנען — אַנ׳ אַלפאָנס און יעדעס
טאַנצנדיק שטיק בלוט און פליש ביי אים אויף האַלדז, אויף הוילן —
זיין טאַווערנע־ווייב... זי טאַנצט מיט אים און לאָזט זיך קוילן...
(ז׳ 274)

אַזעלכע לידער, ווי צום טייל דאָס נאָר וואָס ציטירטע, „פליישן טויטע״ און דערעיקערשט „קאַבאַרעט״ (ז׳ 297) אַסאָציאירן דורך מעטאַפער און געשילדערטער סיטואַציע צו די סאָציאַלע קאַריקאַטורן פונעם צייכנער גראָס. ווי ביי גראָסן איז אויך די שוואַרצע, בכיוון אויפן פלאַך צעשטויבטע ליניע אין די דערמאַנטע שטערנבערגישע לידער, אויסן סאַטירע, נאָר סאַטירע, דער פאַנ־טאַסטישער אימאַזש אָבער פון די אַריינגעצייכנטע, אַריינגע־דיכטעטע סיטואַציעס ווירקט אַזוי דינאַמיזירנד, אַז ס׳באַקומט זיך אין רעזולטאַט ניט סאַטירע, נאָר קאָמעדיע, ציטאַטן פון „קאַבאַרעט״ זאָלן באַשטעטיקן די באַהויפּטונג.

קודם די שוואַרצע סאַטירישע ליניע:

„על פּי דין טיף אויסגעשניטענע, נאַקעטע פּרויען־פּלייצעס
אַז דער צייכנער גראָס אויף זיי מעג שרייבן זיינע עצות...

און דערנאָך די פאַנטאַסטישע סיטואַציע:

„און אַריין... ווי מענטשן קומען אָן דרעסירטע אָקסן, שיינע, גרויסע,
בלייבן שטיין ווי געסט, וואָס ערשט די זאַל באַטראַכטן. דער דירעקטאָר
זעט דאָס פּאָכען פון די נעזער
זייערע און אַליין בכבודו ובעצמו זאמלט עלעגאַנט פאַר זיי די שטרויען
פון די גלייזער.

דער רעזולטאַט איז: סאַטירע אויפגעהעלט צו קאָמעדיע:

„פאַר נאָך פאָר אַזוי· אַן אָקס מיט מענטשן־חייב· פאַרשווינדן אין די טירן מיט דער אויפשריפט: שאַמבער סעפּאַרע...

די סאָציאַלע קאָמעדיע פאַר עקסעלאַנס אין וועלכער דער דיכטער האָט פון לכתחילה די נויטיקע זעלישע מנוחה און אויך די קינסט־לערישע כונה זי אַלס אַזעלכע צו געשטאַלטן, זי ווערט רעאַליזירט אין ליד „דער כלב״. (ז. 275)

דער כלב

„מיט זיין קלוגער טרויער־מינע
אין די וואַגאַבאָנדיש־אויסגעדאַרטע אויגן

וואָס

„אין צוקערגיע אויף אַ טיש גאָר שטייט
און טוט אויף די געבעקסן

באַדייט סימבאָליש ניט נאָר דער שוידערלעכסטער אומקום־סך־הכל־פאַר אַ געזעלשאַפט, וואָס איר ווילטאָג אינספּירירט ניט מער צו פּראָטעסט, נאָר צו פאַראַכטונג, נייערט איז אויך אַ סימן, אַז דער דיכטער האָט זעליש באַזיגט און זיך באַפרייט פון די ווילדע אָפּ־גאַנג־ און טרויער־קאָמפּלעקסן. אויף צו שרייבן דעם מצבה־ציון, דעם מינא, מינא, תקל ופרסין אויף די חרובע ווענט פון שטאָ־טישער פרעס־ און זויף־הוליאַנקע, דערצו האָט שטערנבערג ניט באַדאַרפט מער ווי אַמאָל אין „חצות״ און „שטאָט אין פּראָפיל־מאַקאַברע פאַרבן פון סדומישער זינד און אייגענעם בלוט און פּיין, נאָר ס׳איז געווען גענוג די אין אַ פּאָר דינע איראָניע־שטריכן אויפגעכאַפּטע „העזה״ פון אַ הונטיש פּיסל.

אויפן וועג צו די „איינגעווייד פון דער מעטראָפּאָלעס טיפע בויטן״ — צום אונטער פון שטאָטס אייבערדעק — ווו ער וועט פייערן די אויפערשטייאונגס־נאַכט פון נייער דיכטערישער טע־מאַטיק און אידייאישקייט, האָט שטערנבערג געפורעמט עטלעכע

בוקאַרעשטער גאסן־סצענעס־לידער, וואָס דער צמצום פון זייערע־
אויסדרוקס־מיטלען, די אינערע דראַמאַטיק פון זייער האַנדלונג־
די דיסקרעציע פון זייער געדאַנקלעכער פּאָענטע, הייבן אָט די־
לידער אַרויס אויפן פעדערשטן פּלאַן פון הײַנטצײַטיקער מאָדער־
נער יידישער דיכטונג און שטעלן זיי אַוועק אַלס אַנטאָלאָגיע־
מוסטערן פון ביי אונדז ביז הײַנט דערגרייכטער קינסטלערישער
שלימות. אַזאַ ליד ווי „פּעריפעריע” (ז׳ 295) אין וועלכן די דריי־
זאַצן פון די ערשטע צוויי פערזן:

„אויפן ברענען שטילע שטערן. אונטן הינטערוועלט ברענט וויסטיק.
אויף דער גראָבער, רויער ווירקלעכקייט שוועבט מיסטיק.

שליסן אין זיך אײַן אויפן מעגלעך קלענסטן פּלאַץ אי טיף קאָסמיש־
געפיל און אי תהומדיקן מענטשלעכן אויפברויז, ווו די שטילע
שטערן צינדן אָן זייער מיסטישן גלאַנץ בײַ די פײַערן פון דער
הינטערוועלט, אַזאַ ליד, אין וועלכן די לעצטע שורות לייענען
זיך אַזוי:

„שווימט אַרויס א נאס לבנהלע, ערשט פון די וויקעלעך זיך אויפגעבונדן,
און די מידע, קראַנקע נאַכט, וואָס קען שוין מער ניט זען און הערן,
טוט אַ דריי אויס די לבנה ווי אַ טיכל, בינדט זיך איין מיט איר דעם שטערן־

אַזאַ ליד קען בלי שום ספק דינען אלס בײַשפּיל פאַר מײַן פריער
אויפגעשטעלטער באַהויפּטונג. פון דעמזעלבן איכות אין פּרט
פון קינסטלערישן צמצום איז אויך דער פּאַסטעל „נאָוועמבער”
(ז׳ 304), נאָר דאָ פּעלט שוין די רונדע ליניע, וואָס צייכנט
אויס די קלאַסישע ליריק. דאָ, ווי אין האָלצשניט „שאָמערן”
(ז׳ 305) דאָמינירט די אינטעלעקטואַליסטישע דעפיניציע און
דער שאַרפעקיקער מאָדערניסטישער פערז.

איבער „פּעריפעריע”, „אָדע צו די פערד” און „שאָמערן”
איז שטערנבערג אָנגעקומען צו דער פּראָלעטאַרישער טעמאַטיק,
וואָס קאָנצענטרירט זיך אין זײַנע לידער: „ווי אַ שפּאַנישע
טענצערין” און „וועכטער, ווי האלט עס מיט דער נאַכט?

(ז׳ 306 — 310)׳ איך זאָג פּראָלעטאַרישער און ניט סאָציאַלער, ווײַל דער באַגריף סאָציאַל איז אַ פיל ברייטערער און איז כולל אין זיך ניט נאָר דעם אויפקום־הללויה, נאָר אויך דעם גאנצן אידייען־קאָמפּלעקס פון אָפּגאנג׳ דאָס קינסטלערישע כּפראַווען זיך מיט דער אומפאַרמיידלעכקייט פון געזעלשאַפטלעכע באַרג אַראָפּ־טענ־דענצן באַדײַט פאַרן עכּ׳ן דיכטער במילא: זוכן (ווען אויך ניט תמיד געפונען) נײַע אויפקום־האָריזאָנטן׳ שטערנבערג, וואָס האָט אין „שטאָט אין פּראָפּיל״ און אין „קאָליברי״ פּאָעטיש געני־שטערט נאָך וואַכע זיטלעכקייטס־פּאָטענצן (אפשר „קינדערלעך בראָדיאַגע״? אפשר „גוף־ און פּנים־טויטע גאסן־פרויען״? צי גאָר דאָס טוליען זיך צו דעם אַנאָנימען, מענטשלעכן בראָכוואַרג אי פון דער מעט־ראָפּאָלע של מעלה און אי פון בוקארעשט של מטה?) האָט איצט אין „בוקאַרעשט״ ענדלעך געפונען

„אַרבעטער, וואָס ביים צאַרטן ליכט פון רעפלעקטאָרן
דאַכט זיך פלייסיקער געוואָרן
און מיט ווארפנדיקע הענט און זאַכן זיך באַוועגן׳ טוען, בויען׳

ער דערנענטערט זיך צו זײַנע אויסלייזער מיט דער צאַרטער דאַנקבאַרקייט, מיט וועלכער א בלינדער נעמט אויף זיינע ערשטע זונען־שטראַלן׳ און וואָס קען זײַן די שענסטע מתנה, וועלכע עס קען געבן דער אין נאַכטישן געשיכטלעכן „מיר״ פאַרוואָרצלטער שטערנבערגישער דיכטערישער „איך״ ווי דאָס, אַז

„ווי די מאמע רחל צו אירע קינדער׳ רעדט די נאַכט מיט סאמע ווייכע מיסטיק־גלעטן

— — — — — — — —

רופט אַזוי און זאמלעט שטיל פון דער געשיכטע די געשפּענסטער
און זיי קומען דורך די לעכער ווו מע דאַרף ערשט שטעלן טירן׳ פענצטער
אלע: ווער מיט העלפן ציגל טראָגן׳ ווער — גלייך שטייט און דיכטעט,
שפּילן איבער דאָרט אָן רעש די גאנצע מענטשלעכע געשיכטע...

ער מאָביליזירט די גאנצע מענטשלעכע געשיכטע אויף צו העלפן טראָגן די ציגל צום סאָציאַלן גאולה־טרוים פון אונדזער געגנוואַרט׳

די ליבע צווישן פּאָעט און זײַנע אַרבעטער איז אָבער דערווײַלע אַנ׳ איינזײַטיק־אומגליקלעכע, וואָרום

„הייבט זיך אויף אַנ׳ אַרבעטער, דאָס ליכט נעמט לעשן...

מיט סעקטאַרישער שטרענגקייט פאַרטרײַבט דער אַרבעטער אלע געשיכטלעכע געשפּענסטער און אויך דעם דיכטער. ער אַליין דער אַרבעטער —

„...ווערט דער געקרייציקטער... נאָר ניין,
דער געקרייציקטער אויך קרייצער...

אַזוי אַרום וואַקסט אויס שטערנבערגס ערשטע באַגעגעניש מיט פּראָלעטאַרישער טעמאַטיק צונ׳אַ דראַמאַטישן קאָנפליקט, אַ קאָנפליקט וואָס באַוועגט זיך אויף דער ליניע פונעם דיכטערס אין פּײַן און אין צער שטורמיש צעכוואַליעטער שאַפונג.

ווײַל... דער פּאָעטישער גורל, וואָס לײַכט און פינצטערט אַרויס פון שטערנבערגס אויף אַנ׳ אמת עכטן און גרויסן לידער־בוך איז: מיט צער ועסטו פּײַנט האָבן, פון יסורים וועט זײַן פאַרצערט דײַן ליבשאַפט.

VII.

תהלים־רייד

פאַלט טאַקע אײַנגאַנצן דער אַקצענט אויף די אורבאַניסטישע מאָטיוון, ווי שטערנבערג זאָגט אינעם פאָרוואָרט צו „שטאָט אין פּראָפיל״?

די גראַנדיעזע קאָסמישע סטאַטיק פון די טראַנסיל־וואַנישע קאַרפּאַטן־בערג הויערט ווי אַ גרויסער נס פון באַפרײַאונג אויפן געמיט פונעם אורבאַניסטישן דיכטער, אויף די געהיימניש־פולע וואַלד־סטעזשקעס און לאָנקעס פונעם באַרג־רוקן, וואַרימט די נאָנטקייט פונעם סוד־הויה, דער שטילער איבערשמועס פון בלאָט און פויגל, פון שאָף און גראָז פאַרטויבט דעם ווילדן ליאַרם פון

מענטשלעכן געטועכץ אין טאָל. דער צאַרטער שמייכל פון נאַכטישע שטערן אויף באַרג הילעכט אַריבער אלע בייזע געלעכטערס פון דער שטאָטס טאָג צופּיסנס. עס לעשן זיך אויס די שטראָפּרייד צו אייגענער און צו פרעמדער זינד; עס דערוואַכט די האַרמאָניע פון לויבגעזאַנג צום אומענדלעכן:

„לעג איך מיך און שטיי אויף זיבן מאָל
גלייך מיט אלע אלטע פויערים אין טאָל,
און מיט מייַנע אויגן קושנדיק די נאַכט,
צייג איך הייליק מיטן מינדסטן פינגער אויף גאָטס ווערק.
נאַכט —
איז נאַכט אַדאָ צווישן אָ די בערג. (ז. 88)

„צווישן אָ די בערג" איז פאַרשוונדן דער דיכטער פון געזעלשאַפטלעכן געראַנגל, איז צו נישט געוואָרן די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אומקום. דאָס טיפע קאָסמישע געפיל, וואָס קוואלט אין „ליד און פסאַלם אויף באַרג" (דער דיכטער פון אורבאַניסטישער צעריסנקייט און דיסהאַרמאָניע וואָלט פון אָ־דער געפילס־שפע אַ היבש ביסל געקענט אַנטלייַען פאַר פאַטענטירטע פּאָעטן פון „ריינער ליריק") האָט פאַרווישט די גרענעצן ניט נאָר צווישן מענטש און מענטש נאָר האָט אויך אָנגעצונדן דאָס ברכי־נפשידיקע ליכט פון מענטשלעכער הכנעה און שטאָלץ: צו זיין איינס מיטן שטויב פון דער ערד. די קאָסמישע באַנעמונג פונעם איינצעלפאַקט דערפירט צום אוניווערסאַליזם פון אומענדלעכקייט:

„ביסט אי שיקסע ערד, אי סתם אַ שיקסע
און אי יידע.
כ׳רעד צו דיר אי יידיש און אי גוייש,
ווי מיין שפּאָליער זיידע... (ז. 88)

דיזעלבע פסאַלמיסטישע באַנעמונג פון פאַקטן שמעלצט זייער

סטאַטישקייט, זייער גליוועך און גיט זיי די גלײַכבאַרעכטיקונג פון באַוועגונג אין דער אייביקער, קאָסמישער דינאַמיק. לויטן עכטן תהלים־נוסח: „עס שפּרינגען די בערג ווי די באַראַנעס, די היגלען ווי די שאָף"

"טוט דאָס שיקסעלע אַזוי,
טרייבט אינאיינעם מיט די גענדז
אויף דאָס ווייסע קלויסטערל יענץ
טריט ביי טריט,
טריט ביי טריט... (ז. 91)

טריט ביי טריט קומען אויף אין „ליד און פסאַלם אויף באַרג" די איבערן גאַנצן שטערנבערגישן לידער־בוך צעשאָטענע ביבלישע מעטאַפער און געשיכטלעכע דערמאָנונגען.

אין „לאַנדשאַפט־כראָניק" זענען נאָך די דאָזיקע מעטאַפערן און אַסאָציאַציעס ניט מער ווי אַ סענטימענטאַלער אײַנהיל, אַ כתונת פּסים'ל וואָס דאָס געמיט פונעם דיכטער־ייִנגלינג טוט אָן בכדי צו דעם פּייזאַזש כדי אים, אַזוי צו זאָגן, צו טאָטאַליזירן מיט זיין פאַרשטעלונגס־וועלט פון תנ"ך און לעגענדע.

אין די „באַרג־פסאַלמען" וואַקסט שוין אויס דערזעלביקער מעטאַפער צו אַ קינסטלעריש־רײַפן געשטאַלטונגס־מיטעל אויף צו פורעמען דאָס אומיטעלבאַרע נאַטור־איבערלעבעניש, אויף עס אַרוסצורײַסן פון די נשמהדיקע כחד־קנוילן, פון דעם ביין־און מאַרעך־פּרעסנדיקן שרעק, וואָס

„ווי אַ אָוונט־רעגנבדל אין פעלד טוט זיפן
טראָפּן נאָך אַ טראָפּן,
בלינד און עלנט טאַפּנדיק די פינצטער

און עס צו דערהאַלטן אויף דער דיסטאַנץ פון רעליגיעז־אַסקעטישער באַציונג צום קאָסמישן.

„הייבושע פון זיין אָרט דעם שליאַך
און לעג אים דיר אויף פּלייצעס.

טראָג אים גלייך ארויף אין מורח,
שטעל אַ דאָרט אַריין אים,
ווי אַ הייליקן פּאַרמעט אין אַן ארון״ (ז. 80)

דער קאַנאָניזירטער שליאַך איז דאָ ניט אַ פאַריידישונגס־רעקוויזיט ווי אין דער כראָניק פון שטערנבערגס ייגנט־פּייזאַזש (דאָרט ווירקן נאָך די השפּעות פונעם זיידע מענדעלע) ניין, דאָס געהיימע, אומאויסגעשפּראָכענע פון דער נאַטור ווערט געצוימט און אַרייַנגעשטעלט אין דער גרויסער סימפאָניע פון אייביקן מענטשלעכן גייַסט:

„אין דער פינצטערער, טרויער־וואַרימער ענגעניש פון מענטשן
און פון חיות בלינד־פאַרפלאָכטן,
אונטער פייער־וואָרט און וואַסער־מורמל,
און נשמה־גאָגענדן געדויך פון טאָפּ מיט פלייש געקאָכטן, —
וועלן דאָרט אַ גאַנצע נאַכט אויף מיר מיט ביידע
פויערישע קינדערלעך אין הייליקן ציטער
ברענען שדי״ס שטערן, וואָס מיט זייערע ריטער
אונדז אויף ליפּן שלאָגן,
און מיר וועלן
שטיין מיט אויפגעפלאַמטן מויל אויף אלע שוועלן
און נבואה זאָגן...
(ז. 86)

דער מיסטישער געפלעכט פון מענטשן, חיות און נאַטור־עלע־מענטן־טענער שאַפט ערשט די ווונדערלעכע אָרקעסטראַציע פאַרן געטלעכן נבואה־וואָרט.

אויף וויפל עס רייַסט זיך אַרייַן אין דער גראַנדיעזער באַרג־פּאַנאָראַמע

„...די שטאָט אין טאָל צופיסנס,
ווי אין אַן אָטשערעט די פראָשן,
האָט באַגינען
מינען,
קוואַקען...
(ז. 108)

אויף אַזויפיל ווערט אויך צעשטערט די האַרמאָנישע רו, וואָס

שפּרייט זיך איבער „ליד און פּסאַלם״; אויף אַזויפיל ברענען נאָך אין דיכטערס געמיט פאַרשטיקטע שנאה־אַקצענטן צום „ערדענעם עגל״. אָפּגעווענדט פונעם שטאָטישן מענטשן־אָטשערעט, מיטן פּנים צו די „שווערע חשכותדיקע בערג־שטיקער״ פאַרגייט זיך דער פּאָעט אין א ליבשאַפטס־עקסטאַז צום באַשאַף און צו דער קרעאַטור, א ליבשאפט וואָס איר טיפער אָטעם איז בכח איבער־צובעטן פלאַנעט מיט חיה, גאָטס געבאָט מיטן פרייַען ווילן פון זייַנע באַשעפענישן, די סטאַטיק פון פויערישע הייַזלעך מיטן געשפּענסט פון דער נאַכט, די „פאַרהוילענע סימבאָלן־שריפט״ מיט די „בהמיש־תמישע״ גופים פון שאָף. אלץ וואָס אויפן הימל אויוון און אויף דער ערד אונטן טוליעט זיך צואַנאַנד און שפּייַזט אנאנד מיט גרויס אהבה און רחמים:

„... דערזען די לבנה מן־הסתם,
וואָס געלעגט זיך מיט דער ברוסט אין דרויסן, ווי אַן אַם,
אויף איין זייט שאַרף אויסגעבויגן —
זאָלן קומען אלע דאָרפס־הינט און זי זויגן...   (ז. 87)

אָט דער קאָנקרעטער אימאַזש, פון וועלכן עס ווייען צו דער־זעלבער צייט אלע פרומע ווינטעלעך פון לעגענדע, ער דערהייבט שטערנבערגס פּסאַלם איבער אלע געדאנקלעך־צוגעטראַכטע פּייזאַזש־מיסטיציזמען, וואָסווימלען אין אונדזער ליטעראַטור, גאַראַנטירט די עכטקייט פון זיין פּאָעטישער עמאָציע און זאלבט זייַנע רייד מיט נאַטור־נויטווענדיקייט. די רייד צו גאָט, צו דער שיקסע, צו דער באָבעטשקע, אין וועלכע ס'לייזט זיך אויף שטערנ־בערגס פּייזאַזש־וויזיע, זיי זענען אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף, ווייַל זיי זענען ניט קיין פאָרם־פאַרטראַכטע געזאַנגען, נאָר א איבערשטראָמענדיקע וואָרט־קאַסקאַדע פון אַ אלדד, וואָס פּנים אל פּנים מיט דער הייליקייט, האָט זיין צונג זיך אויפגעבונדן צו לויב און צו נבואה:

ווער איך, גאָט
(ווי דיין געבאָט

צו די, וואָס זענען אינעם פעלד פאַרטאָג
א הונט, צי גאָר אַ טשיטשקע)
טרינקען שטיל פון מוטנע ריטשקע,
און אין האַלדז און נאַקן
מיט לבנה־מעסער,
זינגען גרעסער, גרעסער —
אַ פולן קרוג... (ז. 98)

דאָס „זינגען גרעסער, גרעסער" צעוויגט זיך מיט א באַזונדערן כח אין „מיינע רייד צו דער באָבעטשקע". דער פּאָעם צעוואַקסט זיך מיט זיינע אײנע די אנדערע יאָגנדיקע פּייזאַזשזעאונגען, מיט די פינקלענדיקע גלאָסן וואָס ברענען ווי שטערן אויף דעם וויזיע־פירמאַמענט, מיט דעם רזין דרזין־שפיל פון ווי אין טראַנס וויברירנדיקע סימבאָלישע אָנצוהערענישן, צו אַ קאָסמישן רעפּאָרטאַזש אַ לאַ וואָלט וויטמאַן וואָס לייענט זיך (ווי ס׳זאָגט הערמאַן באַר אין זיין הקדמה צו דער דייטשער איבערזעצונג פון וויטמאַנס „גראָזשטענגלעך") ווי אַ צייטונג געשריבן און צונויפגעשטעלט פון אַ רעדאַקטאָר — אַ פּסאַלמיסט.

די פלאַמענדיקע תאווה פון דעם פּסאַלמיסט־רעפּאָרטער צו דערגיין דעם סאַמע וואָרהאַפטיקן „פאַר וואָס" און „צוליב וואָס" פון דער הויה מוז אָנקומען נאָך אַנ׳ ענפער צו זיך אַליין, צום אייגענעם אימאַזש. פון די „רייד צו דער באָבעטשקע" אַרויס, ווערן סטיכיש געבוירן אַזויפיל וואַרשיינלעכקייטס־סיטואַציעס, ווערן געשאַפן אזויפיל פאַנטאַסטישע און דאָך קאָנקרעטע פאָרשטעלונגען, ווערן אַרויסגעשיילט אַזויפיל דרייסטע אַנונגען און אַסאָציאַציעס, אַז ביים לייענען דעם פּאָעם באַקומט זיך דער אַנסאַמבל־איינדרוק פון א שאַרפן פאַרטייוולט־אינטואיטיוון קרייצפאַרהער אין וועלכן ס׳איז דעם פּאָעט געלונגען צונויפצושמידן א לאַנגע אינדיציען־קייט פון אמת־באַווייזן. פאַרשידנאַרטיק זענען די אימאַזשן און טויזנטפאַרביק זייערע אָביעקטן: די „נאַקעט־לויפנדיקע טייכן", די „שווער מעוברתדיקע בערג", דער וואלדהעקער און דער הונט,

זיין עק און זיינע פיס, אָבער דורך אַלע די אימאַזשן רינט דאָס הונדערטפּראָצענטיקע שטערנבערגישע ריטשקאַלע בלוט פון פּאַ־נאַטישער אַסקעזע, אונטערן געדויש פון שטערנבערגס פּאָעטישן בלוט ווערט דער קולמינאַנטער מוזיקאַלישער פונקט פון דער באָבעטשקע־סימפאָניע דער אלע מאָל פאַרביק און פאַרביקער אָר־קעסטרירטער רעפרען: עראָטישער שפּיל איז דער אייביקער סוד פון זיין:

„און אויך אנדערע כל־המינים
פּאָרן זיך, באַהעפטן, טרעטן, שטויבן,
שיילן זיך און שפּאלטן...
— — — — —
אומעטום דאָרט ווו אַ „ער" דערגרייכט אַ „זי"
אין ראַנגל־שפּיל, אין בלוט, אין ליפּן־טוי
פון רזין דרזין־קושן... (ז. 104)

אויב אפילו דעם דיכטערס נביאישער טעמפּעראַמענט ברענט דורך דאָ און דאָרט מיט אַ סאָציאַלן אַקצענט די רייד־סימפאָניע צו דער באָבעטשקע:

„און דער גראָזן־גלאָק דער גוטער און דער שלעכטער,
וואָס ער קייקלט זיך אין גראָז דאָרט פאַר געלעכטער,
וויאַזוי ער האָט דאָס לשון אָפּגענומען
ביי די שפּעלעך די זאטע
פון זיין גרינער, זיסער פלאפּלעריי,
וואָס וועט זיי סטאַיען ביז משיח וועט קומען —
ביז אין יענע טעג, ווען וועלן קוים פאַרשטיין,
אַז שוין פון יובלען־לאנג זיי שווייגן, שטומען תמעוואטע,
און זיי וועלן דעמלט בשעת גיין צום וואסער
פירן אים אין טייך דערטרענקען,
און זיי וועלן דעמלט בשעת גיין צום וואסער
פירן אויך זייער צונג פון שלאָף אָפּשווענקען — (ז. 100)

באַקומט זיך דערפון ניט קיין שטערנדער דיסאָנאַנס, ווייל דאָס

סאָציאַלע שליסט זיך דאָ איין ווי אַ ווייך מוזיקאַלישער אוטאָפּיע־טרילער אין דעם געזאַנג פון עראָטישער אַנונג אין קאָסמישן.

זיי ביידע אינאיינעם: דאָס איינדרינגלעך־עראָטישע און די עקספּאַנזיווע ווייכקייט פונעם אוטאָפּישן, שאַפן דעם ווונדערלעכן מוזיקאַלישן אַראָמאַט פון שטערנבערגס ליבגעזאַנג אין די בערג.

* *
*

פאַראַמט זענען די טיר און טויער פון שטערנבערגס פּאָעטישן קיניגרייך; פאַראַמט דורך אימאַזש, געדאַנקלעכקייט און שפּראַך־געראַנגל. (די אויף שלאָס און ריגל־פאַרשלאָסנקייט קען אַמאָל גיבן דעם אויבנאויפיקן חשד פון געקינסטלקייט. פרעגט איר זיך אָבער איינדרינגלעך פאַנאַנד ביי די לידער, צערינט דער חשד און ס׳באַפאַלט אייך אַ מאָדנע וויזיע פון שטערנבערגס ליד־באַשאַף: דער גאַנצער פּאָעטישער בנין מיט אַלע זיינע דאָ איבערגעלאָדענע און דאָרט איינפאַכע פאַסאַדעס איז ספּאָנטאַן אַרויסגעשעפּט געוואָר א פאַרטיקער פון טיפע עמאָציע־סובסטאַנצן. מענטשלעכע כונה האָט דאָ קיין האַנט ניט צוגעלייגט. דערפאַר אפשר זעט דער בנין אויס אַזוי אויסטערליש און אַזוי „געקינצלט״.) דאָס ליכט פון די שפּאַרינעס — אויפוויפל ס׳איז מיר געלונגען אַדורכצוברעכן שפּאַרינעס אין מיין כראָט ביי טראָט־וואַנדערונג איבער די איינצלנע ציקלען פונעם לידער־בוך -- אַנטפּלעקט אלס עיקר־מאָטיוו פון דער שטערנבערגישער דיכטונג די אידיי פון אָפּגאַנג. „איין לויה נאָך דער אנדערער״: די יחידישע („מיט מיר און מיט אנדערע״); די געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישע („חצות״, „שטאָט אין פּראָפיל״ און בוקארעשט של מעלה); די יידיש־קולטורעלע (בוקארעשט של מטה). דער גראָטעסקער גרימאַס — דער טרויער־אַפּאָגיי פון אייגענעם געמיט און אַרומיקע סיטואַציעס — מאַכט, וואָס אמת, די טראַגיק נאָך געדיכטער. פאַרוואַנדלט אָבער די לויה אין אַ מאַסקאַראַדע (משה נאַפּאָלין פון „מיין לויה״ וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם צילינדער אינאיינעם מיט די פייערלעכע קליידער און ווערט

צוריק משה גולם), פאַרגיכערט דעם טעמפּאָ פון דער אומקום־פּראָצעסיע און טרײַבט זי וואָס שנעלער צו סתימת הגולל. „דאָס לויפן מיטן מת" — דער געיעג־ריטם, וועלכן שטערנבערג גיט דער לויה — דינאַמיזירט דעם דיכטערישן פּעסימיזם און צינדט אים אָן מיט די גלי־קוילן פון חורבן־רעוואָלוציאָנערישקייט. דער־זעלביקער גראָטעסק, וואָס צעקנייטשט די צילינדער־פײַערלעכקייט פון געזעלשאַפטלעכן אָפּגאַנג, מאַכט אויך פרײַ דעם וועג צו די העלע האָריזאָנטן פון אויפקום־זעאונג און לאָזט אויפשטראַלן די אַנונג פון אַ באַגינען, וואָס גייט אויף אויף יענער זײַט פון שטאַרבן:

„איך גראָב מיך צום ליד פון באַגינען —
צום געזאַנג פון שחרית,
וואָס כ'האָב נאָך ניט געזונגען;
איך בין עס מכריז
ומודיע:
— וואָס באַגער אַזוי צו זינגען! (ז' 96)

„שטאָט" אין פּראָפיל" איז דער געזאַנג פון אָפּגאַנג, דאָס לויהישע טרויער־ליד פון אומקום, אָבער אין אים זענען שוין דאָ און דאָרט צו זען די טיפע גראָבצייכנס צו אַ נײַעם ליד, צום ליד פון באַגינען, וואָס שאַריעט אין דיכטערס געמיט און באַוווסטזיין.

דער שטאָף־ און אידייאַנאַליז, וועלכן איך האָב געפּרוּווט דורכפירן אין מײַן קריטישער סטודיע, איז בלויז אויסן געווען אויפצושטעלן, אַזוי צו זאָגן, די פּסיכישע רישטאָוואַניע צו שטערנ־בערגס אויסטערלישן פּאָעטישן געבײַ. די אָפּטמאָל איבעראַשנדע נײַקייט פון קינסטלערישער פאָרם און די אין לידערבוך ניט זעלטענע שפּראַך־דערגרייכונגען, צו וועלכע איך האָב זיך כמעט ווי ניט צוגערירט, זענען אַ טעמע, וואָס מאָנט אַ באַזונדערע אַרבעט.

ליטעראַטור, גאָט און טײַוול

„איר ווילט הערן אַ שטיקל ודוי?״ אַזוי הייבט אָן דער באַוווּסטער ליטעראַטור־קריטיקער און עסעאיסט חיים ליבערמאַן זײַנעם אַ בריוו צו ז׳ ווײַנפּער, דעם רעדאַקטאָר פון ניו־יאָרקער „אויפקום״, און עס גייט אַוועק אַ „על חטא שחטאתי״, וואָס לייענט זיך לערך אַזוי:

חיים ליבערמאַן האָט די גרעסטע אַמביציע צו ווערן א ו י ס שרײַבער, ווײַל „הײַנטיקע צײַטן איז עס געוואָרן פּשוט אַן אומאנשטענדיקע זאַך צו זײַן אַ שרײַבער״. אַן אומאנשטענדיקע זאַך איז דאָס מין שרײַבעריי דערפאַר, ווײַל די ליטעראַטור דאַרף דינען אָדער גאָט, אָדער דעם טײַוול. אָבער אַז זי זאָל דינען ביידע, דאָס קען ליבערמאַן ניט פאַרשטיין. אַ סימן אַז די ליטעראַטור דינט ביידע, איז וואָס זי (די ליטעראַטור) האָט זיך געשטעלט אין ראַטן־פאַרבאַנד צו דינסט דעם באָלשעוויזם און אין איטאַליע — דעם פאַשיזם. נאָר מילא, דאָס איז נאָך געווען יאַקאָש צום אויסהאַלטן, ווײַל די דײַטשע ליטעראַטור איז געווען די גאַראַנטיע. „איז געקומען היטלער און די דײַטשע ליטעראַטור האָט אויך באַנקראָטירט״. און ווײַל עס האָבן געקענט געשען די אויוונדערמאנטע פּורעניותן, איז זיך ליבערמאַן משער, אַז וויבאַלד דער טעמעני באָס קווירי וואָלט חלילה געוואָרן דיקטאַטאָר פון אַמעריקע, וועט ער און לייוויק און גלאַנץ און פײַנבערג מן הסתם ניט אנדערש ווי שרײַבן לידער צו קווירין און ריווקין, אָלגין און ניגער וועלן אַכטונג געבן אויף דער „ליניע״.

און אַז ליבערמאַן גיט אַ טראַכט, וואָס עס קען פון אים ווערן, איז ער שוין פון איצט אָן מודיע ווייַנפערן, אַז אַזויווי אין די אַמעריקאַנישע הײַזער זענען ניטאָ קיין אויוונס און ער קען זײַנע ביכער דערפאַר ניט פאַרברענען, וועט ער זיי צערײַסן אויף פּיק־פּיצלעך און זיי אוועקבלאָזן מיטן ווינט. און הגם ער איז נאָך שולדיק אַ חוב: אַ פּאָר עסייען וועגן עטלעכע שרייבער, וועט ער אפילו די דאָזיקע עסייען אויך ניט אָנשרייבן און... „מער קיין צער זאָלט איר ניט האָבן. נו, זייט מיר געזונט און שטאַרק״.

דעם אמת געזאָגט איז ליבערמאַנס ווינטשעוואַניע, אַז מיר זאָלן באהיט ווערן פון צער, איבעריק. דער בריוו־אַרטיקל־ודוי זײַנער איז געשריבן אַזוי גרינג פעליעטאָניסטיש און אַזוי שפּילעוודיק קאַפּריזנע, אַז קיין שום לייענער אָדער שרייבער, וואָס האָט אַן ערנסטן צוגאַנג צום געשריבענעם וואָרט וועט ניט איינפאלן זיך נעמען צום האַרץ רייד, אַרויסגעזאָגטע ניט מיטן צער פון פּראָבלעם־שטעלונג, נאָר מיט דער האָפערדיקער לייכטזיניקייט פון אַ אימפּראָוויזאַציע אויף אַ ליטעראַרישן פּיקניק. עפּעס ווייעט ניט פון ליבערמאַנס אַרטיקל די פּראָקלאַמירטע „הייליקע באַציונג״ צו ליטעראַטור און עס ווירקט דערפאַר ממש ווי פּראָפּאַגאַציע דאָס אַריינשטעלן דעם נאָמען ל יי וו י ק, וואָס איז אין דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור דער סימבאָל פון פּיינפולן געראַנגל נאָך דער קינסטלערישער געשטאַלטונג פון אונדזערע אויפקום־חלומות, אין דעם פעליעטאָניסטיש צוגעטראַכטן קאַדריל לכבוד דעם טעמעני־באָס.

פונדעסטוועגן האָט ליבערמאַן אין זיין בריוו אָנגעמערקט א פּאָר אַלגעמיינע געדאַנקען וועגן ליטעראַטור, אויף וועלכע ס׳איז כדאי זיך אָפּצושטעלן. ביי ליבערמאַנען קומט אויס, אַז ליטעראַטור דאָס איז א מין אלוועלטלעכע פּראָפעסיאָנעלע פעדעראַציע, וואָס האָט אַריינגעשריבן אין אירע סטאַטוטן, אַז זי דאַרף זײַן

„דער פריינט פון די אָרימע, די קעמפערין פאַר די גערעכטע, די באַשיצערין פון די אונטערדריקטע קעגן זייערע אונטערדריקער״.

דער דאָזיקער ליבערמאַנישער סטאַטוטן־אַקסיאָם, וואָלט קודם כל פּראָוויסגעזעצט אַן אייביק גילטיקע געזעלשאַפטלעכע מאָראַל, וואָס זאָל ניט אָפּגענוצט ווערן פון די צײַט־געשעענישן. נאָר אַזוי וואָלטן מיר געקענט פאַרפּיקסירן לדורות ווער ס'איז גע־זעלשאַפטלעך „גערעכט" און וואָלטן געוווּסט אין דינסט פון וועל־כער „גערעכטיקייט" ס'דאַרף שטייען לויט אירע תקנות די ליטע־ראַטור־פעדעראַציע. נאָכדעם ווי מיר וועלן איינמאָל פאַר אַל־עמאָל וויסן דעם סוד פון „גערעכטיקייט", וועלן מיר מוזן אַרויסגעבן אַ דעקרעט, וואָס וועט פאַרווערן אַלע אונטערדריקערס און „אומ־גערעכטע" אָנצושרײַבן אַ שורה ליטעראַטור אונטער דער סאַנקציע פון... אדרבא, וואָס פאַראַ שטראָף זאָלן מיר צופּסקענען?

אמתע ליטעראַטור איז רוח הקודש? יאָ! אָבער עס איז שוין פון תמיד אָן די טבע פונעם הייליקן גײַסט אַנטפּלעקט צו ווערן ניט נאָר צו גאָטס דינער, נאָר אויך צו די געצנדינער. קאָנקרעטער און מיט די באַגריפן פון אונדזער צײַט גערעדט הייסט עס: געטלעכער געשטאַלטונגס־כח נידערט אַראָפּ אי אויף די אונטערדריקער און אי אויף די אונטערדריקטע, ווי דער נאַריש־געטלעכער רעגן און טוי, וועלכער הייבט ניט אָן צו אַנען די געזעל־שאַפטלעכע תהומות, וואָס האָבן זיך דאָ אויף דער ערד אויפ־געעפנט צווישן נאַציעס, רעליגיעס און קלאַסן. ערשט דאָ אין עמק הבכה ווערט דער רוח הקודש פאַרוואַנדלט אין אַ געווער פון קאַמף. מיט די כלי זין פון רוח הקודש קעמפן מענטשן פון אייביק קעגנאַנאַנד, די איינע אויף צו דערהאַלטן די מאַכט, די אַנדערע אויף זי צו דעראָבערן. לויט אונדזער געזעלשאַפטלעכן אײַנשטעל וועלן מיר זיך צוטוליען מיט התלהבות צו איין גאָטס־וואָרט־זאָגער און וועלן זיך פילן אָפּגעשטויסן, וועלן פײַנט האָבן דעם צווייטן, הגם ער קומט אויך צו אונדז אלס גאָטס אויטענטישער שליח. לויט דעם, וואָס ער האָט אונדז צו זאָגן אין גאָטס נאָמען, אין הסכם מיט אונדזער אינטערעס אלס יחיד, אלס קלאַס און אלס נאַציע, וועלן מיר דעם נביא באַטראַכטן פאַר אַן אמתן אָדער אַ פאַלשן. און

סיי מיר, וואָס הערן זיך צו מיט התלהבות, סיי יענע, וואָס פאַרנעמען דאָס וואָרט מיט שנאה, וועלן אַלע זיין „גערעכט". אונדזער צוגאַנג צו ליטעראַטור, צו געדאַנק, געפיל און קינסטלערישער געשטאַלטונג ווערט דיקטירט פון אַ עגאָאיסטישן יחיד־ אָדער כלל־אינטערעס, וואָס קען אויב מ'באַדאַרף, סובלימירט ווערן אין דער דינסטער גייסטיקייט, זיך איינוויקלען אין סאמע תכלית פון „אינטערעסנלאָזיקייט". פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט גראָבן טיף, כדי זיך צו דערגראָבן צום מקור פון אונדזערע סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס.

עס זענען פאַרשטייט זיך דאָ איינצעלנע גאונים, צעוואָרפן איבער יאָרהונדערטער (אַ געטע, אַ שעקספּיר), וואָס פאַר זיי האָט זיך אין שעהן פון אמתן „הימל עפן זיך" אנטפּלעקט דאָס קאָנסטאַנטע, דאָס אייביקע פונעם מענטשלעכן מהות, אָט דאָס אייביקע, וואָס ווערט ניט באַרירט פון צייט, ווייל ס'איז די געגנבעטע פּרוכט פונעם עץ־הדעת, אויף וועלכן גאָט אַליין האָט שוין בדיעבד קיין שליטה ניט. אָ, ווען זיי נידערן אַראָפּ, דאַן, דאַן — וענה כל העם אמן. אָבער די דאָזיקע זענען אַזוי זעלטן, אַזוי איינציק, אַז זיי מוזן מיר אַרויסלאָזן פון אונדזער אַרגומענטאַציע.

אָבער די ליטעראַטור, די אָן שעקספּיר, זי מוז, אויב מיר זאָלן זי אַקצעפּטירן, דינען אונדזער אמת. מיר פאַרשטיין אויך די ליטעראַטור, וואָס דינט דעם אמת פון אונדזער שונא, אויב זי דינט איבערהויפּט אַן אמת ד. ה. אויב זי פאַרמאָגט געטלעך־אינספּיראַטיוון און רעאַליזאַטאָרישן כח. אויב זי פאַרמאָגט ניט דאָס וואָס מיר רופן אָן מיטן נאָמען טאַלענט, דאַן איז דאָך די פּלוגתא איבעריק, דאַן איז עס דאָך איבערהויפּט קיין ליטעראַטור ניט.

אונדזער צייט שטייט אין צייכן פון סאָציאַלן געראַנגל און אַלע די, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם אידעאַל פון סאָציאַלער באַפרייאונג הערן זיך צו מיט ליבשאַפט, מיט באַגייסטערונג צום

רוח הקודש, וואָס מאַניפעסטירט זיך אין זין פון אָט דעם אידעאַל אין דער וועלט־ליטעראַטור: גאַבריעלע ד׳אַנונציאָ און שאַרל מאָראַ זענען אויך דיכטער, דיכטער פונעם פאַשיסטישן „אמת״; האַנס היינץ עווערס איז בכלל ניט קיין דיכטער, מעג ער דינען לינקס אָדער רעכטס, ווײַל ער פאַרמאָגט ניט דאָס פינטאלע רוח הקודש.

די ליטעראַטור אלס אייביקע פראָטעסטאַנטקע און נײַן־זאָגערין, ווי ס׳ווינטשט זי זיך חיים ליבערמאַן, איז געווען דער אויסדרוק פונעם הומאַניטאַריסטיש־אינדיווידואַליסטישן גײַסט, צו וועלכן מיר, די זין פונעם יידישן בעל־הבית פונעם נײַנצענטן יאָרהונדערט, פילן זיך ווי מאַגנעטיש צוגעצויגן. ווײַל די דאָזיקע ליטעראַטור איז ליבערמאַנען אַם נאָענטסטן צום האַרצן, מאַכט ער דעם קלײנעם דענקפעלער זי צו פראָקלאַמירן אלס די ליטעראַטור. ליבערמאַן דער ליטעראַטור־קריטיקער וואָלט געמעגט וויסן, אַז די ליטעראַטור פונעם נײַנצענטן יאָרהונדערט אויף וועלכער בראַנדעס האָט געזאָגט, אַז זי שטרעבט „צו דערלייזונג, צו די העכסטע אידעאַלן״, איז געוואָרן די בשורה־טרעגערין פון אַ פרייהייט, וואָס אַ נײַ אויפגעשטאַנענער קלאַס האָט זי באַטראַכט אַלס דעם קעגנזאַץ פון פרייהייט, אַלס אונטערדריקונגסטענדענץ איינגעהילט אינעם תכלית־געוואַנד פון ליגנערישע מענטשהייטס־אידעאַלן. דער אויפגעקומענער פערטער קלאַס פאַרלאַנגט פון דער ליטעראַטור זײַן אמת, דעם אמת פון זײַנע אינטערעסן. איז ער דערפאַר ניט „גערעכט״?

מענטשן און אויך שרײַבער דינען פון אייביק אָן גאָט און דעם טײַוול, די צוויי זײַטן פון איין אמת־מטבע. אויב דער טײַוול איז מיט אונדז און מיט אונדזער אינטערעס, איז ער דער גאָט.

אינזיך און אַרומזיך

עטיש־פּסיכאָלאָגישע און נאַציאָנאַלע פראַגן

דער אַנטיסעמיטיזם האָט אין די קאַפּיטאַליסטישע אייראָפּעאישע לענדער אַריבערגעשפּרייזט דעם גדר פון טעאָריע, פון פראָווינץ־בלעטלעך, פון ספּאָראַדישע אַנטי־תלמוד־בראָשורן און פון פאַראיינצעלטע פּאַרלאַמענטאַרישע מאַניאַקעס און מאַרשירט אַלס „פאָלקס־באַוועגונג" און אָפיציעלע מלוכה־פּאָליטיק געזעצלעך באַרמירט און אומגעזעצלעך דיריגירט צו פיזישער און עקאָנאָמישער פאַרלענדונג פונעם כלל ישראל·

אַ פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט, און מיט רעכט, אַלע יידישע פּאַרטייען· אַלע פּאָליטישע דיאַג־ און פּראָגנאָזן האָבן זיך אַ וואַקלגעטון· די פאַרשריבענע רעצעפּטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן צום טייל אַ צו קליינע און צום טייל אַ צו שפּעטע ווירקונג·

די פּוסטע אַפּאָלאָגעטישע שרייַערס פון „בכל דור ודור···" זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין דער קאָמישער סיטואַציע פון קליינשטעטלדיקע מגידים מיטן קלויז־שליסל אויפן שטענדער· די יידישע אַסימילאַציע האָט באַנקראָטירט, זעקס הונדערט־טויזנט מאָל באַנקראָטירט·

און דער יידיש־נאַציאָנאַלער געדאַנק? ער פּלאָנטערט זיך צווישן אומווערדיקן קעריק און אויסזיכטסלאָזן פּאָרויס· האַרטע ווירקלעכקייט און דערד־האלטונגס־אינסטינקט רופן אים צוריק צווישן די געטאָ־מויערן פון אתה בחרתנו־ביגאָטיזם און ישמח־משה־אָפּגעשלאָסנקייט· מענטשלעכע חשיבות און אידייאישע אחריות

טרײַבן אים פֿאָרויס צום טרויערשפּיל פֿון פּראָגראַמאַטישער הילפֿלאָזיקייט.

פּראָגראַמאַטישע הילפֿלאָזיקייט! וואָרום וועלכע זענען עס די פּראָגראַמען, אחוץ עמיגראַציע, אויף וועלכע ס'האלט זיך הײַנטצוטאָג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער די אידיי פֿון יידישן קולטור־רענעסאַנס?

די פּראָגראַם־פּונקטן פֿון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער און קולטור־אויטאָנאָמיע ליגן אינטערנירט אין די טונקעלע קעלערס פֿון די פּאַרטיי־אידעאָלאָגיעס. די יידיש־פּאָליטישע קערפּערשאַפֿטן, אויב זיי האָבן נאָך וועלכע פּראָגראַמאַטישע פּרעטענציעס צו די מלוכהס זייערע, דאַן לייענען זיך די פּרעטענציעס אָט אַזוי:

1) לאָזט צורו אונדזערע פּרנסה'ס, אונדזערע שפּינוועבסדיקע פּרנסה'ס וואָס טרעפֿן זיך פֿון זיך אַליין אויך, אָן אײַערע סאַניר־ און היגיענע־געזעצן.

2) פֿאַרמאַכט ניט אונדזערע שולן, וואָס ווערן אויסגעהאלטן פֿון אַמעריקאַנער אַרבעטער־גראָשנס און נישט געצאָלטע געהעלטער פֿאָר די לערערס.

3) ס'וואָלט כדאי געווען, אַז פֿאַר אונדזערע שטײַערן זאָלן אויך באַצאָלט ווערן אַ פּאָר פּאָליסמענער, וואָס זאָלן אונדז באַהיטן פֿון באַליידיקונג בעל־פּה און בעל־יד, ווען מיר דערלויבן זיך אַרײַנצוגיין אין אַ טעאַטער אָדער אין אַ עפֿנטלעכן גאָרטן.

קען אַזאַ מינימאַלער דעפֿענזיוו־פּראָגראַם צו וועלכן ס'רעזומירט זיך די גאַנצע יידישע פּאָליטיק אין אַלע לענדער פֿון מזרח־אייראָפּע זײַן אַ אידעאָלאָגישער אָנשפּאַר פֿאַרן גלות־נאַציאָנאַליזם און במילא אויך פֿאַרן יידישיזם? קען מען הײַנט קומען צו די יידישע מאַסן, וואָס שטייען פֿאַרדעקט די אויגן מיט די הענט אין דער טראַגיקאָמישער פּאָזע פֿון „ניטע שלאָגט ניט, ניטע ראַבירט ניט!" און פֿאַר זיי אויפֿהעלן דעם אויסבליק אין דער צוקונפֿט, צעוויקלענדיק פֿאַר זיי דעם יחוס־פֿאַרמעט פֿון תנ"ך איבער סורא

און פומבדיתא ביז צו פראָלעטאַרישער ליטעראַטור ? וואָס באַ־דײַט דער דאָזיקער יחוס־פאַרמעט : טרייסט צי צינישע ווערטל־זאָגערײַ ?

האָבן מיר אָבער נאָך אַ יידישן קיבוץ אין אַמעריקע, איז כדאי צו זען, וואָס איז אין אַמעריקע אָפּגעטון געוואָרן אין די פופציק—זעכציק יאָר פון עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפשטײַג. ס׳איז באַזונדערס וויכטיק זיך צוצוקוקן דערצו, ווײַל פון דאָרט פון דער עיר ואם בישראל נעוויאָרק, ווו עס דערשײַנען כמה וכמה יידישע טאָגצײַטונגען און זשורנאַלן מכל המינים קאָלירן און ניואַנסן און צווישן זיי דער אינטעלעקטועל־ראַפינירטער „אינזיך״, פרווט מען אונדז מאַכן אַ אינזשעקציע מיט „סורא און פומב־דיתא״־סערום אַקעגן פיזישן און עקאָנאָמישן אונטערגאַנג.

פופציק יאָר יידיש־אַמעריקאַנישע אימיגראַציע האָט באַשאַפן אַ צאָל יידיש־וועלטלעכע שולן, אַ פּאָר מעכטיקע טאָגצײַטונגען און אַ היבשן ליטעראַרישן פאַרמעג. אַ סך ? זייער ווייניק ! זענען דאָרט בנמצא יידישע מלוכה־שולן, האָט אַ נעוויאָרקער ייד די מעגלעכקייט — יעדער פערטער נעוויאָרקער איז אַ ייד — זיך צו ווענדן צו די מלוכה־אָרגאַנען, צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, צו די געריכטן אין יידיש ? זענען דאָרט פאַראַן יידישע געמײַנ־דעס, קהלה׳ס מיט פון דער רעגירונג אַנערקענטן זעלבסט־פאַר־וואַלטונג־ און אייגענעם באַשטײַערונגס־רעכט ?

ניין, ניין, דער יידישער ישוב דאָרט חלומט אפילו ניט פון אַזעלכע זאַכן, די דאָזיקע מזרח־אייראָפּעאישע פּרעטענציעס האָבן זיך אין אַמעריקע נאָך אפילו ניט געוואַגט אַרײַנצוטרוימען אין פּראָגראַם־פּראָיעקטן פון דרײַסטע קאַבינעט־אידעאָלאָגן. אלא וואָדען ? די עטלעכע מיליאָן יידן אין אַמעריקע פאַרמאָגן דערווײַלע נאָך דאָס, וואָס מיר אין גרעסטן טייל פון דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע האָבן שון האלבוועגס פאַרלוירן : מענטשן און בירגער־רעכט.

וואָלטן דאָך יידיש־אַמעריקאַנישע שרייבערס, וואָס געניסן

באָך דערוויַילע מיט הרחבת־הדעת די פּריווילעגיע פון פולע מענטשנרעכט, געדאַרפט האָבן פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער קליינהשגהדיקייט, פאַר אונדזער אידעאַל פון פּאָגראָמלאָזיקייט דאָ אין די קאַפּיטאַליסטישע אייראָפּעאישע לענדער, ניין! טאַקע צו־ליב „עטיש־פּסיכאָלאָגישע״ טעמים זענען די רעדאַקטאָרן פונעם נעוויאָרקער „אינזיך״ י ע ק ב ג ל אַ ט ש ט י י ן און א. ל ע י ע ל ע ס מאַקסימאַליסטן און זיי קענען ניט פאַרשטיין, למאַי מיר זענען זיך מתקנא אין דער פּאָגראָמלאָזיקייט פון ראַטנפאַרבאַנד, ווייַל זאָגט יעקב גלאַטשטיין:

„אַ פאָלק האָט נאָך אנדערע אַמביציעס אויסער ראטעווען די פעל. אַ פאָלק האָט נאָך נאַציאָנאַלע אַמביציעס אויך, אַ פאָלק קאָן פאָדערן דאָס רעכט צו לעבן אי אָן פּאָגראָמען און אי מיט דעם גאנצן נאַציאָנאַלן באַגאַזש, מיט זיינע אלע ווידערשפרוכן, מיט צוגעקומענער פּראָלעטאַ־רישער ליטעראַטור און מיט זיין אלטער גרויסער ליטעראַטור, וואָס יחוסט זיך אפילו מיט חסידות, רבנישער ליטעראַטור און העט, העט קריק דורך סורא און פומבדיתא און ביז צום תנ״ך. אַ פאָלק האָט אַ רעכט צו פאָדערן דאָס רעכט צו עקזיסטירן מיט זיינע חן־גריבלעך און מיט זיינע חסרונות״.

טייַערע רייד, גילדענע רייד! רייד מיט אלע חן־גריבלעך! באָר איין חסרון (אַ עסענציעלן חסרון) האָבן זיי. ס׳פעלט זיי צו דער מאָראַלישער וואָג. דער מאַנקאָ האָט זיך באַקומען ניט דער־פאַר חלילה, וואָס די ווערטער האָט אָנגעשריבן אַזאַ טאַלענטירטער ליטעראַט, ווי יעקב גלאַטשטיין, נאָר דער מאָראַלישער פּחת נעמט זיך דערפון, וואָס דער ליטעראַט האָט זיי אָנגעשריבן אין סאמע גרויסן נעוויאָרק מיט דעם פרייַהייַטס־דענקמאָל ביי די טויערן און ניט ערגעץ אין אַ קליינעם וואָלינישן אָדער בעסאַראַבישן שטעטל, ווו

„היות דאָס שטעטל געפונט זיך אין גרויס שרעק פאַר אונרועןּ, היות דער באַיקאָט איז גרויס און קיין פרנסה איז נישטאָ, האָט דאָס גאנצע

> שטעטל באַשלאָסן מיט האַק און פּאַק אויסצוואַנדערן און דער פּאַלעסטינע־אַמט וועט געבעטן צוצושיקן פאַר אַלע סערטיפיקאַטן און אויך הוצאות...

אַ בקשה מיט דער אויזון ציטירטער מאָטיווירונג האָט, ווי עס דערציילט דער וואַרשעווער „היינט" (נר. 79 פונעם 1טן אַפּריל 1936) דערלאנגט אַ שטעטלדיקער ייד ביים דאָרטיקן פּאַלעסטינע־אמט. דער סטיליסטישער דיסאָנאַנס צווישן דער ארומזיכיסטישער דערשלאָגנקייט פון דעם יידן מיט דער „פּראָשעניע" און דער אינזיכיסטישער נאַציאָנאַלער פלאַמפייערדיקייט פונעם נעוויאָרקער יידישן שרייבער לאָזט אונדז טיפער אַריינקוקן אין דער זעלישער מחיצה צווישן געליטענעם און געשריבענעם וואָרט.

דער ייד, אונדזער ייד מיט דער „פּראָשעניע" איז ניט צו פאַרביטן מיט יענעם ייד דעם „בעל תכלית", וועלכן גלאַטשטיין טוט טאָן באַדויערן, ווייל

> „ס'איז אים (דעם „בעל־תכלית") אַ קנאַפּע נפקא־מינה אין וועלכן קאָנצענטראַציע־לאַגער ער וועט זיך וואַלגערן פאַר זיינע מיינונגען, אין אַ סטאַליניסטישן אָדער אין אַ פאַשיסטישן."

דער חלוק צווישן די צוויי יידן איז דער, וואָס דער גלאַטשטייני־שער לעבט פון „אויסדריקן פרייע מיינונגען" און אונדזערער פון ברויט. גלאַטשטיינס קרעאַטור דאָס איז עפּעס אַ מין יידישיסטישער אחד־העם'יסט. אים גייט ניט אַזוי וועגן יידן, וועגן זייערע פיזישע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן, נאָר וועגן „יהדות", וועגן סאַמע עכטן ביסל סענץ פון יידנטום. און דער סענץ פון יידנטום, אויב איר וועט אים כעמיש אַנאַליזירן, באַשטייט ער אין ערשטער ריי, אַזוי מיינט גלאַטשטיינס ייד, פון ליבעראַליסטישער גאַרונג „אויס־צודריקן פרייע מיינונגען".

איך בין מודה, אַז איך אַליין האָב אויך ניט פיינט דאָס פּוריטאַנישע געקעכץ פון פּרעסע און מיינונגס־פרייהייט, אָבער

ווען איך האָב צו ווײלן צווישן אַ שלאָס אויפֿן מויל און פּאָג־ראָמלאָזיקייט, גיב איך אפילו ניט א פּינטל מיטן אויג און טוליע זיך צו צו דעם צווייטן אַלטערנאַטיוו, ווײל... ווײל איך קוק אויף מײן ייד מיט דער „פּראָשעניע” און זע, אַז די פרייהייט צו עפֿענען דאָס מויל (אפילו ווען ער זאָל זי האָבן) באַקומט אים ניט, ער האָט ניט וואָס אַרײַנצולעגן אין זײן אָפֿן מויל.

דעם דאָזיקן אַלטערנאַטיוו צווישן מײנונגס־פרײַהײַט און פּאָגראָמלאָזיקייט האָב אַוועקגעשטעלט ניט איך, נאָר יעקב גלאַט־שטיין, וואָס קען ניט פֿאַרשטײן (ס׳זאָגט זיך: קען ניט פֿאַרשטײן, ער איז הונדערט פּראָצענטיק ברוגז!) פֿאַרוואָס מ׳קומט (איר ווייסט שוין ווער ס׳קומט!)

„צו אַ געשלאָגן פֿאָלק זאָגן — איר וועט כאפּן נאָך קלעפּ, אויב איר וועט נישט אַריבערגײן צו אונדז, אָנווײזנדיק דערבײ אויף סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווי אַ מוסטער פֿון פּאָגראָם־באַשירעמטקייט”.

די עולה ווערט אין גלאַטשטיינס אויגן נאָך גרעסער דערפֿאַר, וואָס

„דער שטאַנדפּונקט פֿון אידינטערן מוז זײן, אַז אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד גייט אָן אַ מוראדיקע אַסימילאַציע,”

וואָס

„דאָרטן גייען מיר אונטער ווי אַ נאַציאָנאַלע אײנהייט”.

דער שטאַנדפּונקט פֿון אידינטערן וואָלט, מיט גלאַטשטיינס דערלויבעניש, געמעגט זײן אַ אַנדערער, ווי למשל דער, אַז אין אַ טייל פֿון אייראָפּע גייען מיר אונטער אלס מענטשן און במילא אויך אלס נאַציאָנאַלע אײנהײַט. אידינטערן (לעיעלעס איז שטאַרק נתפּעל פֿון דעם וואָרט אידינטערן) ער האַלט, אַז עס איז אַ וואַזשנער שפּערישער אויפֿטו מצד גלאַטשטײנען. מיר דאַקעגן געפֿעלט דאָס וואָרט לגמרי ניט. אחוץ דעם, וואָס די וואָרט־קאָמבינאַציע איז באַגריפֿלעך פֿאַלש, ווײל דאָס יידישע פֿאָלק איז

אינטערטעריטאָריאַל און ניט אינטערנאַציאָנאַל, שלעפּן זיך נאָך דעם דאָזיקן צענויפגעקוועטשטן וואָרט־צוזאַמענשטעל נאָך די קויטיקע צויטן פון דער אַנטיסעמיטישער האַלוצינאַציע וועגן עפּעס אַ געהיימער "יידישער וועלטמאַכט) אידינטערן, זאָג איך, וואָלט זיך ניט אַנדערש ווי געדאַרפט צוקוקן, אַז אין דעם פרייַען לאַנד אַמעריקע שלאָגן הויך, גאָר הויך די כוואַליעס פון אַסימילאַציע, אַז די צאָל יידיש־רעדנדיקע ווערט אַלץ קלענער און אַז הונדערט יאָר אַמעריקאַנישער קולטור־אָקריפּ ניט פאַרבראָקט מיטן גרינצייג פון נייַער אימיגראַציע קען דערפירן דאָס דאָרטיקע יידנטום צו אַ צושטאַנד פון אַסימילאַטאָרישער אָפּגעפּאַריטקייט, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען דאָס דייַטשישע יידנטום אונטער ווילהעלם דעם צווייטן און עבערט דעם לעצטן: מיינט אידינטערן, אַז די דראָענדע אַסימילאַציע־פאַרפלייצונג אין אַמעריקע קען מען אָפּווערן מיט צייטונגען, וואָס פאַרמאָגן דרייפערטל אַלטע און נאָר איין פּערטל יונגע ליינערס, מיט עטלעכע טויזנט שילערס אין די יידיש־וועלטלעכע שולן אַקעגן דער הונדערטער מאָל גרעסערער צאָל אין די ענגלישע סקולס, מיט אַ ליטעראַרישן יאַריד, וואָס ווערט סוף כל סוף אָפּגעהאַלטן ביי דער פּעריפּעריע פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן? וואָס ווערט דאָרט אַקעגנגעשטעלט דער דראָענדער סכנה פון אַסימילאַציע? מער ווי דער באמת דערפרייענדיקער, האַרצדערקוויקנדיקער אידעאַליזם און די ליבשאַפט צו יידישער קולטור מצד אַ טייל יידיש־ראַדיקאַלער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ? און אויב אין אַמעריקע איז אַזוי און ניט אַנדערש, פאַרוואָסזשע זאָל אידינטערן דורך די אויגן פון יעקב גלאַטשטיין קוקן מיט קעסאָקער בייזוויליקייט אויף דעם נאַציאָנאַלן קולטור־אָנשטרענג מצד דעם סאָוועטיש־יידישן ישוב?

ס'איז פאַר מיר קלאָר, אַז אויך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פאַראַן אַ גרויסע אַסימילאַציע־סכנה, ווי דען אַנדערש? אַז די יידישע מאמע איז געוויר געוואָרן אויף זיכער, אַז איר קינד, וואָס האָט אַ געזונט קעפּל (וועלכס יידיש קינד האָט ניט קיין

אייזערן קעפל?) שטייט גאָר ניט אין וועג צו זיין קאַריערע, אַז נאָר פעיקייטן, אַרבעט און אויסדויער — קען ער פאַרנעמען אפילו סטאַלינס אָרט, איז ביי איר, ביי דער יידישער מאמע, שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן דאָס גרויסן זיך מיט אייגענע יידישע שולן און יידישע געריכטן און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ יידישע דערציונג איז פאַר איר קינד ניט קיין גענוגנדע צוגרייטונג צו די ברייטע מעגלעכקייטן, וואָס שטייען פאַר אים אָפן.

די סכנה איז גרויס, נאָך גרעסער דערפאַר, ווייל די אַסימילאַטאָרישע באַשטרעבונג וואַקסט אָרגאַניש ארויס פון דער נייַער מענטאַליטעט פון יידישע טאַטעס און מאמעס, וואָס האָבן זיך מיט דער גאנצער אומגעהאַמעוועטקייט פון ביז נעכטן געפּענטעטע אַ ווארף געטון געניסן זייערע מענטשנרעכט.

אידינטערן טאָר אָבער ניט פאַרקוקן, טאָר ניט, אפילו ווען זיין ממעמקים־זאָגער איז יעקב גלאַטשטיין, אַז די סאָוועטן־מאַכט איז דערווייל די איינציקע אויף דער גאָרער וועלט, וואָס האָט אין ראַמען פון איר אַלגעמיינער נאַציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק דורכגעפירט אויך אויף דער יידישער גאס איר נאַציאָנאַליזירונגס־ און יידישיזירונגס־פּראָגראַם. דער פאַרדינסט פון דער סאָוועטן־מאַכט איז דערפאַר נאָך גרעסער, וואָס ביי דער רעאַליזירונג פונעם נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָגראַם איז אויסגעקומען, ווי מיר ווייסן, צו איבערווינדן די טעאָרעטישע מורא פון פחדליווע יעווסעקעס, וועלכע האָבן נאָך פאַרגעדענקט די אלטע בונדישע נייטראַליטעטס־רעצעפּטן און די אָפּגעריבענע קאָסמאָפּאָליטישע מטבעות און זענען ביים וואָרט „נאַציאָנאַל" געפאלן חלשות מיט „שמע מאַרקס" אויף די ליפּן. פונדעסטוועגן קען מען דאָך ניט לייקענען, אַז די יעווסעקעס האָבן אָפּגעטון אַ נאַציאָנאַלע קולטור־אַרבעט, וואָס האָט אינדערווייַלע קיין גלייַכן ניט אין דער גאָרער יידישער וועלט.

יידישע מלוכה־שולן, יידישע געריכטן, א יידיש פאַרלאַגס־ווען מטעם המלוכה, אוניווערסיטעטס־קאַטעדרעס פאַר יידיש,

יידישע מלוכה־טעאַטערס, און ועל כלם דער היסטאָרישער דעקרעט פון 7טן מאַי 1934, וואָס כדי צו געפונען אַ געשיכטלעכע אַנאַלאָגיע צו אים מוז מען צוריק גיין, העט, העט קעריק ביז צום פתשגן הכתב פון כורש מלך פרס ומדי, זענען נאַציאָנאַלע טאַטן, וועלכע מוזן אַרויסרופן ביי יעדן אויפריכטיק נאַציאָנאַלן ייד האָפנונגספולע פרייד און טיפע דאַנקבאַרקייט. יאָ, *דאַנקבאַרקייט!* איך קען וויל דעם אַלטן פסוק, אַז אַ פאָלק דאַרף קיינעם ניט דאַנקען דערפאַר, וואָס עס קומט אים על פי מענטשלעכן און היסטאָרישן יושר, אָבער איך ווייס אויך, אַז געזונטע פעלקער האָבן ניט מורא צו פילן און אַרויסצעווייזן דאַנקבאַרקייט צו מענטשן און צו נאַציעס, וואָס האָבן זיי (אודאי אין הסכם מיט פראָזאַאישע אינטערעסן) געהאָלפן אין שווערע מאָמענטן פון זייער נאַציאָנאַלן קיום. די גריכן שעמען זיך ניט מיט זייער דאַנקבאַרקייט צו ענגלאנד און לאָרד בייראָן און די טשעכן באַהאַלטן ניט דעמזעלביקן סענטימענט צו אַמעריקע און צו פרעזידענט ווילסאָן.

אָבער אויב ניט דאַנקבאַר, לאָמיר כאָטש ניט פאַרפּילפּלען מיט גאוהדיקע „סורא און פומבדיתא״־רייד אונדזער אינטערעס, אונדזער נאַציאָנאַלן אינטערעס (איך רעד שוין ניט פון דער פרינציפּיעלער שטעלונג, וועלכע עס דיקטירט אונדז אונדזער צוגעבונדנקייט צו דער סאָציאַליסטישער אידיי!), וואָס שליסט זיך איין מיט אַלע זיינע פרטים און דקדוקים אין פראָגראַם פונעם אַנטיפאַשיסטישן פראָנט. איך זאָג אַלע פרטים און דקדוקים און מיין דערמיט, אַז אַלע קלאַסן און קאַטעגאָריעס פון דער כנסת ישראל זענען פאַראינטערעסירט אינעם זיג פונעם אַנטיפאַשיזם ניט נאָר צוליב „אָפּראַטעוועו די רעשטלעך פון דער דעמאָקראַטיע״ און אירע אַטריבוטן: פרעסע־ און מיינונגס־פרייהייט, נאָר קודם כל צוליב אַ פלייצע און מויל־פראַגע. ווייל פאַשיזם דאָ אין מזרח־אייראָפּע באַדייט אין ערשטער ריי פיזישער און עקאָנאָמישער פּאָגראָם אויף דעם יידישן פראָלעטאַריאַט, דעם יידישן מיטלשטאַנד און אויך אויף דער יידישער בורזשואַזיע. אויך אויף דער יידישער

בורזשואַזיע, ווייל דער פּרינציפּ פון פאַרהייליקן דאָס פּריוואַט־אייגנטום איז אין די פאַשיסטישע פּראָגראַמען פון אונדזערע מזרחדיקע קאַנטן חל נאָר אויף אַריער און ווייל דער דײַטשישער נאַציזם האָט געגעבן אַ נײַעם פּירוש אויפן באַגריף „באָיקאָט“, דהײַנו: ניט נאָר נ י ט ק ו י פ ן בײַ יידן, נאָר אויך נ י ט פ אַ ר־ק ו י פ ן צו יידן, לויט דעם דאָזיקן דערגאַנצטן שולחן ערוך, וואָס יעדער פּאַראַגראַף זײַנער איז פאַר אונדזערע מזרח־פאַשיסטן די עוואַנגעליע אַליין, טאָר מען געוויסע לעבנסמיטל, ווי למשל, „די דײַטשע בוטער אונד די דײַטשע קאַרטאָפעל“ קיין יידן ניט פאַרקויפן.

די אומזיכערקייט פון לעבן, רעכט אויף אַרבעט און פאַרמעג טרײַבט אַזוי אַרום די גאַנצע כנסת ישראל אויף די אָפּווער־באַריקאַדן קעגן פאַשיזם. דאָס וואָס די איניציאַטיוו פון אַ געאייניקטן אָפּווער־פראָנט קעגן דער פאַשיסטישער סכנה ליגט אין די הענט פון אַ לינקער אַרבעטער־פאַרטיי איז ניט נאָר פאַרשטענדלעך דערפאַר, וואָס די דאָזיקע פאַרטיי איז אידייאיש און אָרגאַניזאַטאָריש בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דער מפּלה פון דער רעאַקציע, נאָר אויך צוליב דעם ראַדיקאַלן איבערבײַט אין דער פּסיכישער אײַנשטעלונג פון די לינקע צו דער אידיי פון פאַטריאָטיזם. צענדליקער יאָרן האָבן די לינקע פאַרטייען געלאָזט שמאַכטן דעם פאַטריאָטיזם — דאָס געצערטלטע ליבלינגסקינד פון די פראַנצויזישע יאַקאָבינער — אין שענדלעכער געפאַנגענשאַפט בײַ די רעאַקציאָנער־שאָוויניסטישע עלעמענטן פון זייערע נאַציעס. איצט איז ענדלעך געקומען די צייט פאַר פּדיון שבויים.

דער רוסישער פאַטריאָטיזם שטייט שוין היינט אײַן בײַם גרויסן זיגרײַכן פּראָלעטאַריאַט פון דער הונדערטפופציק־מיליאָניקער מלוכה און די פראַנצויזישע פאַטריאָטן זענען ניט מער די איבער נאַכט „פרידנסליבנד“ געוואָרענע קיניגלעכע קאַמעלעאָטן פון ד אָ ד ע און ל אַ ר אָ ק, נאָר די פאָלקס־פראָנטיסטן ד אַ ל אַ ד י ע און ק אַ ש ע ן. אויך אויפן יידישן סעקטאָר איז געבראָכן געוואָרן

דער מאָנאָפּאָל פונעם אינטעליגענטיש־באַלעבאַטישן נאַציאָנאַליזם און דער „קיומיזם״ (דאָס איז שוין ניט גלאַטשטיינס, נאָר לעיעלעס אַ וואָרטשאַפונג. אפשר טאַקע אַ געלונגענע) איז אַריבער אין רשות פון פאָלקס־פראָנט, וואָס זיין באַדײַט איז: דער ווילן צו דערהאַלטן די פיזישע און עקאָנאָמישע עקזיסטענץ פונעם ייִדישן פאָלק.

גלאַטשטיין אַליין זאָגט זיך אויך אַרויס פאַרן פאָלקספראָנט. נאָר וואָדען? די לינקע זאָלן ניט געדאַכט ווערן. ער איז צו זיי מיסטרויאיש. ער האָט מורא זיי זאָלן ניט אָפּטון אַ שפּיצל דעם אידינטערן.

„עס טאָר דאָך נישט בלייבן בלויז ביי דער מילכיקער מלחמה קעגן פאַשיזם, עס מוז דאָך זיין אַ וואָס ווײַטער, נאָכדעם ווי פאַשיזם וועט שוין זיין אָפּגעווישט״.

דאָס דערמאָנט מיך אין יענעם עסטרײַכישן גענעראַל, וואָס אַ געלאַנגווײַליקטער פון דער מלחמה־אומדיסציפּלין, פלעגט ער זיך טרייסטן: עס וועט זיך אַמאָל ענדיקן דער שפּאַס אויפן שלאַכטפעלד און עס וועט זיך ווידער אָנהייבן דער ערנסט אין דער קאַזאַרמע.

גלאַטשטיינען לאַנגווייליקט די מילכיקע מלחמה קעגן פאַשיזם און ער איז נײַגיריק אויף דער פליישיקער סעודה פון מאָרגן נאָכן נצחון. טאַקע, וואָס וועט זיין, אַז שוין, ס'איז שוין אויס פאַשיזם? וואָס וועט זײַן, אַז די לינקע וועלן טאַקע אָפּנאַרן און וועלן פאַרכאַפּן דעם סעודה־טיש? וואָס וועט זיין?

ס'וועט זײַן אָלרײַט! עס וועט זיין אַזוי, ווי דער באַרדיטשעווער עליו השלום האָט צוגעזאָגט דעם רבונו־של־עולם: בנים חיים ומזונות. אויף אונדזער מאָדערן לשון הייסט דאָס:

ייִדישע שולן, פּאָגראָמלאָזיקייט און רעכט אויף אַרבעט.

ווייניק? אַזוי לײַכט שטעלט מען ניט צופרידן אַ ייִדישן

שרײַבער, ווען דער אידינטערן וואָלט זיך כאָטש געקענט איבער־צײַגן, אַז דער קאָמוניזם

„האָט געשאפן א שענערן מענטשן, א גייסטרייכן מענטשן, אַ איידעלן מענטשן".

מילא גלאַטשטיין האָט ניט קיין באַזונדערע אַכטונג פאַר דער פאָרטרעטן־גאַלעריע פון די נעוויאָרקער יעווסעקישע פירערס, קען זיין אַז ער איז גערעכט און ס׳קען געזײַן, אַז דאָ האָט זיך ווידער צום אַזויפילטן מאָל אויסגעווירקט דער פרינציפּ פון קעגנזײַטיקייט אין דער ליבע, אָבער קען דען געמאָלט זײַן, אַז אַן אַמעריקאַניש־יידישער אָלרײַטניק, דער ווייס־טשערמען פון חברה „מרפא לנפש" אָדער אפילו א יוניאָן־באָנץ זאָלן אין זיינע אויגן זײַן שענערע און איידלערע מענטשן ווי דער צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אומגע־קערטער סאָוועטישער ייד? איז ניט שענער און איידלער דעם סאָוועטישן האָרעפּאַשניקס „אומאויפריכטיקער" שבח צו סטאַלינען, איידער דעם אַמעריקאַנער אָלרײַטניקס אויפריכטיקער פון גאנצן האַרץ־גלויבן אין עגל הזהב? איז ניט טיפער און וואָרהאַפטיקער די ליבשאפט פונעם לינקן יידישן אַרבעטער צום כאָוועטן־פאַר־באַנד (אַ ליבשאפט וואָס טראָגט איין דאָ ביי אונדז אין אייראָפּע נאָר יסורים און לײַדן) איידער די ליבשאפט פון א סך ר׳ חיימלעך צו גאָט ברוך הוא (א ליבשאפט, וואָס ענדיקט זיך מיט רחש פאַר מי שברך׳ס און אל מלא רחמים׳ס)?

ס׳איז גרײַלעך אַזוי און ניט אנדערש!

אָבער אַ שנאה צום רעזשים אין לאנד, וואָס איז הײַנט־צוטאָג דער איינציקער ליכטיקער פונקט אין דער אייראָפּע־אישער אַנטיסעמיטישער חשכות; קליינע אָדער גרעסערע פּערזענ־לעכע חשבונות מיט אָלגינען, הירשקאַנען און אנדערע פירערס פון דער „פרײַהײַט"־גרופּע האָבן גלאַטשטיינען אַראָפּגעפירט פונעם נאַציאָנאַלן שכל הישר און אים אַראָפּגעשלײַדערט אין כף הקלע פון יחידישן אַפעקט, אַנשטאָט קלאָר צו באַנעמען דעם אַ ר ו מ ז י ך, קאָכט אין אים בלינד דער א י נ ז י ך.

פֿאַרצייכנונגען

ליטעראַרישע צדקה־גדולה. דאָס ווערק, דעם עכטן קינסטלערס עכטע ווערק פֿאַרטראָגט ניט דעם הויך פֿון באַגייסטערטע צונגען און אויך ניט דאָס אינטימע שמוכעניו פֿון אויף דער גיך אויסגערעכנטער שני בשנישאפּט פֿון דער „באַבעס אַ צוואָק״־אָנקערעכצער.

אָבער דעם קינסטלער אַליין, אים קען מען מאַנעקעניש אַריינשטעלן אין סאמע מיט פֿון געשעעניש־ספּעקטאַקל און אים אָפּשפּאַרן פֿון אַלעם גייסטיקן מיט די אייגענע בראַוואָ־לייבער.

וויאַזוי? — מיט שווייסיקע שלאָף־העמד־פּאָרטרעטן, מיט שוויציקע פּראַזע־באַנקעטן, מיט זכרונותדיקע איך־און־דו־רעפּלעקסיעס און... מיט אַריינעמען אים אין קאָן פֿון דער אויף שטום־לשון אָרגאַניזירטער ליטעראַרישער צדקה־גדולה. (די מיטלען ווערן דאָ ניט אויפֿגעציילט טאַקסאַטיוו נאָר בלויז לשם בייַשפּיל).

דער מאַנגל אין ערנסטער, שעפֿערישער קריטיק פֿון איין זייַט און די אומגעדולדיקע גלוסטונג נאָך פּובליסיטי אפֿילו מצד אויטענטישע יידישע שרייַבערס פֿון דער אַנדערער זייט — זיי פֿאַרדאַנקט איר עקזיסטענץ די בזול־הזול׳דיקע ליטעראַרישע גאָרקיך, א גאָרקיך אין וועלכער גייַסט־פֿרעמדע „גוטע־ברודער״ און נודנע רעצענזענטן האָבן שטענדיק גרייט הייסן אָקריפּ פֿון שבחים. גלאָריע־דערפּרווירענע קינסטלער זיפּן פֿון דעם אָקריפּ און וואַרימען אונטער אַנשטאַט זיך, די עבירה פֿון קאָמפּראָמיס מיט גייַסט־לאָזיקייט.

צווישן די פֿאַרשימלטע ווענט פֿון די ליטעראַרישע צדקה־

גדולה־אַנשטאַלטן בליט די טאָלעראַנץ צו גראַפאָמאַניע, וועלכע מע פאַרקליידט אין דעם ליגנערישן נחמה־מענטאַלע פון „דאָך עפעס בויען״. אין דער דושנער לופט פון פאַר באַפרידיקטער פובליסיטי איינגעזאַמלטע שמייכלען און „גוטע ווערטער״ אנטוויקלען זיך און וואַקסן אויס די מאָנסטרום׳ס פון דער איה״ש־רעצענזענטישקייט און דער בלי־נדר־מעלה־גירה־קריטיק און אָרגאַניזירן זיך מיט דער צייט צו אַ סאָלידן פאַראיין פון קעגנזייטיקער הילף, אין וועלכן יעדער מיטגליד באַקומט זיין שטיקל געשריבענע עולם הבא, לויט דעם ווי לאַנג און וויפל ער צאָלט איין „גוטע פאַרבינדונגס״ און „גוטע קאָלעגיאַליטעטס״־מטבעות.

וואָלט דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזירטער קאָרופציע געווען שמ״ר־יזם, רשות הרבים׳דיקער בן־מלך און בת־מלכה־שונד, וואָלט די סכנה געווען אַ קלענערע, ווייל שונד טראָגט אין זיך לויט עפעס אַ געהיימען דיאַלעקטישן געזעץ זיין פאַטאַלן אַנטיטעזיס: דעם ווידערווילן צו ליטעראַטור. דער אַזוי אַרום צוריקגעווינענער געזונטער לעבנס־חוש פאַרהעלפט ערשט דערנאָך דעם מאַסן־לייענער זיך צו אָריענטירן אין דעם לאַבירינט פון עכטקייט און ליגנערישקייט אין דער ליטעראַטור.

זיי די אינטעליגענטע ליטעראַטור־קהלערס זענען אָבער חלילה ניט קיין שונדאָוניקעס. זיי זענען פרומע ליטעראַטניקעס, וואָס טראָגן אַיעדער אַרומגעבונדן זיין אינדיווידואַליסטישע פאַטשיילע אַרום דעם לייב, ווייל זיי פאַרמאָגן ניט קיין גייסטיקן עירוב. דער מאַסנמענטש גלויבט אין זייער פרומקייט און דער פובליסיטי־פאַרשמאַכטער שרייבער פראָפּיטירט באַטריגעריש אי פונעם לייענערס אמונה און אי פונעם רעצענזענטס צבועקישן אָנשטעל.

אַזאַ מין אָרגאַניזירטער קאָמפּלאָט קעגן געשריבענעם וואָרט פירט צו גייסטלאָזער צופרידנקייט פון מיטלמעסיקייטן, צו איזאָלירונג און דעגראַדירונג פון די עכטע שעפערס, צו הפקרדיקער

גוט־פריינטשאַפטס־פּאָליטיק פון רעדאַקטאָרס און צו געשמאַק־ניוועלירונג ביים לייענער.

אין אַזאַ „וואַרימער" סביבה קען איקס שרייבן לעבנס־חכמות, איגרעק באחכמהן לעבעדיקע שרייבערס, זעט — זכרונעווען אויף וואָס די וועלט שטייט אין כל המינים טאָג־ וואָכן־ און חודש־בלעטער און אונדזער באמת פרומער און גרויסער אברהם רייזען זיין באַגייסטערט פון געהעפּטעטע ליטעראַרישע אומגעלומ־פּערטקייטן איבערן גאַנצן שטח פון אונדזער אַלוועלטלעכן צעזייט און צעשפּרייט.

*

„אַ שמועס מיט זיך אַליין"*. אַ יידיש־פּראָלעטאַרישע צייטונג" האָט געבעטן אַ יידישן שרייבער ער זאָל זיך דורכ־רעדן מיט זיך אַליין פאַר אירע לייענערס.

אַזוי אַרום איז צו די אַלע חנעוודיקע שמועסן מיט דעם, מיט יענעם און מיט אַנדערע צוגעקומען אַ „נייער ליטעראַרישער זשאַנר": דער שמועס מיט זיך אַליין. (Copyrigtht by ביים מחבר און ביי זיין רעדאַקציע).

מ׳וואָלט געקענט האָבן אַ טענה צו דעם דאָזיקן נייעם ליטעראַרישן אויפטו: רעדן מיט זיך אַליין אויף אַ קול און בפרהסיה איז דאַכט זיך, גאָרניט קיין עסטעטישער ענין. ס׳איז פּריקרע צוצוקוקן ווי איינער אַ מענטש מאַכט זיך זיין אינטימען טואַלעט, ניט רעכענענדיק זיך מיט דיינע אויגן און זינגט זיך צו אַ „אוי, ס׳איז מיר גוט"־קרעכצל, גלייך דו האָסט קיין אויערן ניט.

מ׳וואָלט געקענט האָבן טענות, אָבער מ׳האָט ניט. אין משך פון, דאַכט זיך, אינגאַנצן איין־צוויי דורות איז דער יידישער פּובליציסטיק געלונגען אַריבערצוציען דעם לייענער אירן פון איין

*) וואַרשעווער „נייע פאָלקסצייטונג" נומער 300 פונעם 11טן אָקטאָבער 1935.

עקסטרעם צום אנדערן: פון דער שטענדיק צערעמאָניאַל־שטייף פאַרפוצטער השכלה־שפּראַך, וואָס האָט ניט פאַרטראָגן דעם מינדסטן אָנדײַט אויף פריוואַליטעט, ביז צו דער וואולגאַר־אינטימער צודרינגלעכקייט, מיט וועלכער אַ היבש ביסל יידישע פּובליציסטן „אוכאַזשעווען" הײַנט, טאָג אײַן טאָג אויס, דאָס מאָדערנע יידיש־לשון אויף די רעשיקע צײַטונגס־פּראָמענאַדעס.

מ'וויל זיין פאָלקסטימלעך און מ'איז פלעבעאיש, מ'וויל זיין היימיש און מ'איז אָנבושהדיק. פון דער לעזשעררישקייט אין פּרט פון שפּראַך וואַקסט אַרויס די ציניש „נאַש־בראַט"־באַציונג צו דער פּראָבלעמאַטיק פונעם יידישן לעבן. יעדע געזעלשאַפטלעכע פראַגע עקזיסטירט נאָר אַלס שרײַב־מאַטעריאַל פאַר זשורנאַ־ליסטן, וואָס קענען דערפון האָבן שטאָף אויף אַ חודש, אויף זעקס און, אַז זיי זענען שפּאָרעוודיק, אויך אויף אַ גאַנץ יאָר.

„געווען בין איך אויפן ייוו"אָ־צוזאַמענפאָר, אויפן 19טן ציוניסטישן קאָנגרעס. פאַר אַ זשורנאַליסט איז דאָס אַלץ שטאָף אויף אַ יאָר". (מיין קורסיוו ש. ב.)

און וואָס און ווי אַזוי צו שרײַבן ווייסן זיי, ווײַל זיי זענען „אויסגעקאָכט אין אַלע אידעאָלאָגיעס":

„אָנגעהויבן אין ישיבה, געווען אַ הייסער חסיד, געוואָרן א ציוניסט, אַ פּועלי־ציוניסט, אַ קאָמוניסט, צוריקגעגאנגען און געבליבן שטיין דאָרט, ווו אַ סך פון מיין דור שטייען".

ווען איר ווייסט ניט, אַז איר האָט פאַר אײַך אַ יידישן זשורנאַליסט, וואָס האָט ניט קיין צײַט, ווײַל די שיף גייט אָפּ, און ער מוז רעדן אַלץ, וואָס ס'קומט אים מויל אַרײַן, וואָלט איר געקענט מיינען, אַז איר האָט צוטון מיט אַ קלוגן שמעטער־לינג, וואָס האָט זיך אָנגערירט אָן אַלע פלאַמען און איז דאָך ניט פאַרברענט געוואָרן.

ניין, ניין, קיין שמעטערלינגען זענען ער און אַ סך פון זיין דור ניט געווען. גיכער פליי, וואָס זענען געשפּרונגען פון איין

זייט ביכל צום אנדערן· עמעץ האָט געמישט און זיי זענען גע־שפרונגען· און איצט שטייען זיי מחוץ פונעם ביכל· זייערע שפורן אויף די געמישטע זײַטלעך האָבן זיך פאַרווישט און זיי זענען געוואָרן אַ פּלאָג אויף די טייוועלעך און אויפן רוקן· ז י י ז ע נ ע ן א ו מ פ אַ ר ט י י א י ש·

די דאָזיקע גײַסטלאָזע פליי האָבן אין תוך אַריין קיינמאָל־קיין באַציונג ניט געהאַט צו דעם· וואָס זיי זענען צופעליק געווען· ישיבה־בחורים· אָבער ניט קיין מתמידים· אַלס הייסע חסידים האָבן זיי געגלויבט אין גבאי און ניט אין רבין· ציוניסטן? זיי האָבן געריסן רעטאָרישע בלימלעך פונעם כרמל און געשלאָגן מיט זיי הושענות פאַרן קליינשטעטלדיקן פובליקום· פועלי־ציוניסטן? זיי האָבן געשמעקט מאַרקסיסטישן טאַבעק און געניסט יידישיסטיש· קאָמוניסטן? זיי זענען געווען די פליגן אויפן פרעמדן מאַרטיריום און האָבן געהאַט דערפאָלג און דערעיקרשט הנאה·

בקיצור: סקעפּטישע פלוידערזעק, האָבן זיי זיך געחברט מיט אַלע יידישע גאולה־קאָנצעפּציעס, כדי דערנאָך ווי באַרעדערס שטייען צו בלײַבן אויפן ראָג, ווו געדאנקען זיך קרייצן· זיי שמייכלען צופרידן, זיי האָבן ניט קיין גײַסט פאַר אַ מינוט, אָבער שטאָף אויף אַ גאַנץ יאָר·

•

„ה אָ מ אָ ר ע ל ג י אָ ז ו ס״· אהרן צייטלין דער „האָמאָ רעליגיאָ־זוס״, ווי ער רופט זיך אַליין אָן, ווען ער נעמט זיך לייקענען אין דער פסיכישער פעאיקייט צו גלויבן פון דעם היינטצייטיקן יידישן אינ־טעליגענט, פאַלט ניט חלילה אַריין אין אַנטיסעמיטיזם (אויף וואָס ער איז זיך מפקיר), נאָר אין דער הײַנט אַזוי פּאָפּולערער פּסיכאָלאָגיע־מאַכעריי· די דאָזיקע פסיכאָלאָגיע־מאַכעריי האָט געפונען איר ליטעראַרישן אויסדרוק אין די ראָמאַנצירטע ביאָגראַפיעס פון עפּאָכעס, קלאַסן און העלדן ביי עמיל לודוויג און שטעפאַן צווייג·

אָ־די פון פּסיכאָלאָגישער לאָגיק און ליטעראַרישער שפּינוועבס געשאַפענע העלדן־קאָנסטרוקציעס (אויך די רישטשעוואַניע פון צייטלינס „פליגעלמאַן אויף לינקס״) זענען ניט מער ווי ביליקע ליטעראַרישע סינטעז־פּרוון, וואָס צעפאַלן זיך ביים ערשטן בלאָז פון אַן ערנסטן וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז. צייטלין קען אפשר רעכט האָבן מיט זיינע באַמערקונגען וועגן בערגעלסאָנס „פּראָלעטאַרישער״ רעצענזיע איבער פּרצ׳ן, אָבער ווי אַזוי דרינגט מען פונדאַנען עפּעס אַרויס אַ מין נייעם יידישן „אתה־בחרתניזם״ פון אומגלויביקייט, פון באַציונגסלאָזיקייט צו אידיי און צו אידעאַל? האָט צייטלין איבערזען דעם פאַנאַטישן קידוש־השם מיט וועלכן אונדזער אַרבעטער־ און אינטעליגענץ־יוגנט גייט אין תפיסות און אויף תליות פאַר די סאָציאַלע אידעאַלן פון אונדזער צייט? איז מעגלעך מאַרטיריום אָן אמונה, אָן „יענעם פּינטל״, וואָס דאַרף זיין דער גליענדיקער קערן פון ווערטער און מעשים? קען מען די דאָזיקע יוגנט אידענטיפיצירן מיט עפּעס אַ פאַמפלעטאַריש קאָנסטרואירטן גאָטלאָזן פליגעלמאַן?

*

דער מאָלער אַרטור קאָלניק. דער טאַטע — אַ גאַליצישער בעאַמטער; די מאַמע — אַ קינד פון ווינער יידישן געטאָ. דער זון אַרטור — אַ שלאַנקע, עלעגאַנטע קינסטלער־פיגור, וואָס פאַרמאָגט אויסערלעך גאָרניט, ניט פון דער גאַליצישער, רעשיקער אומדיסציפּלינירטקייט און ניט פון דער ווינער ווייכער געמיטלעכקייט. די שטילע געצוימטקייט פון זיין דערשיינונג מאַכט אים ענלעך צו עפּעס אַ סקאַנדינאַווישן פישער, וואָס האָט אונטער זיך דעם פעלזיקן ברעג פון אַלטע לעגענדעס און פאַר זיך — דעם שטורעמדיקן ים פון קאַמף און סכנה. די לעגענדע האָט פאַראינערלעכט, פאַרטיפט זיין געמיט, די סכנה האָט פאַרהאַרטעוועט און געשטאָלערט זיין כאַראַקטער.

די לעגענדע פון אַרטור קאָלניק (דעם שילער פון סטאַניסלאַווער פוילישער רעאַל־שול און קראָקעווער מאַטייקאָ־אַקאַדעמיע) איז געווען: דער פרום־מאַרטירערישער גײַסטיקער פּייזאַזש פון יידיש מזרח־גאַליציע, וואָס האָט אונטער דער אויבנאויפיקער פילם־געשווינדיקייט פון האַנדל־וואַנדל, באַלעמער־תקיפות און קאַריעריזם פון פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, — געטראָגן אין זיך אַ געזונטן קערן פון טיפער יידיש־מענטשלעכער פּראָבלעמאַטיק און געזעלשאַפטלעכער צערודערטקייט. פון דעם דאָזיקן קערן האָבן געגעסן און זענען נתעלה געוואָרן דער בראָדער ד"ר יצחק ערטער, דער טאַרנאָפּאָלער יוסף פּערל, דער זלאָטשאָווער משה לייב האַלפּערן, דער נאַראַיעווער משה נאַדיר און דער סטאַניסלאַווער אַ ר ט ו ר ק אָ ל נ י ק.

ערטער און פּערל — דיכטער און פּאַראָדיסט. אין זייער געשריבן וואָרט האָבן געבליט אויפריכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַקצענטן, וואָס זענען אַריבערגעשטיגן די האָריזאָנטן פון דער „בת השמים" און געוועקט ערדיש־מענטשלעכן רעוואָלט.

דער גרויסער דיכטער משה לייב, דער תכשיט משה לייב, אַ תכשיט אי אין נאַציאָנאַל־דעקאָראַטיוון און אי אין סאָציאַל־ווילייִנגערישן זין, די סאַטיריקער: משה נאַדיר — מיט זײַן וואָרט און אַרטור קאָלניק — מיט זײַן ליניע, — זיי אַלע, וואָס האָבן מיט קינסטלער־אויג אַרײַנגעקוקט אין די גײַסטיקע שפּאַלטן פון גאַליצישן פרום־יידישן שטייגער, זענען דערגאַנגען אין זייער שאַפונג צום סאָציאַלן מאָטיוו: זייער סאָציאַלער מאָטיוו איז ניט עפּעס פרעמדס פון דרויסן איבערגענומענס, וואָס דאַרף אויף אַ קינסטלעכן אופן אַרײַנגעטראָגן ווערן אין יידישן לעבן. פּאַרקערט, דאָס דאָזיקע סאָציאַלע, דאָס איז דער ערגעץ אין אַ ווינקל פאַרוואָרפענער תפלין־זאַק, וואָס האַסטיקע האַנדל־וואַנדל־יורשים האָבן אַלס ווערטלאָז איבערגעלאָזן אין רײַכן טאַטנס צערויבטער ירושה־שטוב. דער סאָציאַלער מאָטיוו פון אַ משה־לייב, נאַדיר און קאָלניק איז דער וואָרהאַפט נאַציאָנאַל־יידישער מאָטיוו, וועל־

כער איז אויסן ניט נאָר גלײַכע צעטיילונג פונעם גײַסטיקן פאַרמעג, נאָר אויך די לייטערונג און דערהאַלטונג פון זײַן תמצית — בכן אַ עיקרדיקע, ניין, די עיקרדיקע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע.

קאַלניקס קינסטלער־וועג: עס איז דער וועג פון דער יידיש־פרומער אידיליע צו דער געשטאַלטונג פון דער טיפער געזעלשאַפטלעכער און גײַסטיקער צערודערונג, וואָס אונטער דער שטייגער־סטאַטיק; פונעם אויסערלעך און דערפאַר פאַרגענגלעך־נאַציאָנאַלן — צום סאָציאַלן, דאָס הייסט, אייביק נאַציאָנאַלן.

*

„הײנע אונד די פאָלגען“. איך לייען קרויז׳ס „הײנע אונד די פאָלגען“ און שטיי אינגאַנצן אונטערן צייכן פון זיין געוואַלדיקער שפּראַך, ווו דאָס וואָרט צאָלט ניט קיין צינז דער געזעלשאַפט, ווײַל עס איז נאַטור־נויטווענדיק און ווו די פאָרם איז ניט קײַן קלייד אויפן לײַב, נײַערט פלייש פאַרן גײַסט (זײַנע ווערטער). איך ווער פאַרפירט פון זיינע סאָלידע באַמערקונגען וועגן שפּראַך, דײַטשישער און פראַנצויזישער, וועגן קולטור און דעם היפּוך דערפון: זשורנאַליזם און... איך ווייס ניט צי איז דאָס אַ „יידישע אייגנשאַפט“ וואָס מיך ציט א ליבשאַפט צום בעל דבר: צו היינריך היינע. ווען קרויז ווייסט, אַז אויף דער יידישער גאַס איז היינע געווען אַ גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ אין אַ הינטערגעסל פון ליטעראַרישער מליצה, אַז בײַם שײַן פון דעם דאָזיקן לאַמטערן (אמת אַ ריין אויסערלעכער) האָבן געקענט אַרײַנקוקן אין זיך און אַרומקוקן זיך אַרום זיך א פּרץ און אַ משה לייב האַלפּערן; אַז דאָס שאַרפע סאַטירישע וואָרט ביי אונדז איז, דאַכט זיך, ניט מעגלעך געווען אָן היינע, על פּי היינע און בעקבות היינע, ווען ער ווייסט דאָס, ער דער אייראָפּע־שמײַסער, אפשר וואָלטן זיך אים באַוויזן אויך אנדערע „פאָלגען“. אַך, ווען ער דער יורש פון אלע אונדזערע נביאים (עס איז ניט באַנאַל, נאָר אמת!) וואָלט געווען „דאָך ע

יוד״! „דאָך ע יוד״ איז כולל אין זיך די האַלבקייט פון משטיינס געזאָגט ענדלעכן מענטשלעכן לעבן, וואָס אָנגעהאנגען אויף דער אַבסאָלוטקייט פון אומענדלעכן גייַסט, מאַכט עס יעהאָוואן ניט נאָר פאַר אַן אל נוקם ונוטר נאָר אויך פאַר... אַן אל רחום וחנון. אַזוי אַרום איז די האַלבקייט פון „דאָך ע יוד״ ניט קיין סתירה צו דער אַבסאָלוטקייט פון נבואה, נאָר אַ דערגאַנצונג צו נ׳אירי. איך מיין קאָנקרעט: די הייַנישע פאָלגן דאַרפן געזען ווערן ניט נאָר מיטן קלאָרן בליק אויף דער ליניע פון אַבסאָלוטער גייַסטיקייט, נאָר אויך מיט אַ פון ליבשאַפט פאַרנעפּלטן אויג אויף די פאַר־פרווירענע שייַבלעך פון די אין ראָמאַנטיק שימלענדע שטיבלעך אין די יידישע הינטערגעסלעך. דהיינע איז געווען ניט נאָר אַ אומגליקלעכער פאַרמיטלער צווישן פראַנצויזישער און דייַטשישער קולטור, נייַערט אויך אַ גליקלעך־אומגליקלעכער יידישער דיכטער.

*

אַוואַנגאַרד־ליטעראַטור. מיר פאַרמאָגן שוין אונדזער אייגנס אויך אַן אַוואַנגאַרד־ליטעראַטור. דער טעאָרעטיקער פון דעם דאָזיקן אַוואַנגאַרדיזם איז מיכל ליכט, און פּראַקטישע מוסטערן ליפערן אונדז טאַקע מיכל ליכט אַליין, כאַסיע קופערמאַן, באַסיע לעווין און שין ליעווי.

איך האָב געליינט די מוסטערן און האָב פאַרשטאַנען, אַז די דערמאָנטע דיכטערס רייַסן זיך צו נייַע געדאַנק־ און פאָרם־דערגרייכונגען. די נייַע פאָרם זאָל, — לויט דעם ווי כ׳האָב משיג געווען — באַשטיין אין „צא ולמד״־סענטענצן, וואָס ווערן אונטערגעטראָגן ווי אַ האַרט שטיקל פלאָדן אויף אַ גביריש־קמצנישער חתונה. דער פלאָדן איז שיין אויסגעבאַקן, נאָך שענער צוגעשניטן, אָבער ניט פאַר מענטשלעכע ציין. אויף צו עסן איז ער צו קאָמפּרימירט. אַזוי איז זיך דאָס נוקם אַ גביר אַ קמצן אָן זייַגעסט, אויב ער מוז שוין געבן פלאָדן.

„דערגרייכונג־פּאַזן צעבליען אַזאַרט,
געקאָוועט צו אַ ניכטערן קאָדעקס.
עס פיבערט אַ אומפּאַסנדער רעפלעקס,
פערזאָנאַזש האָט אויף פורעם זיך דערהאַרט״.

(שין ליעוו, „דעצימאַלן״ אין „באָדן״, פערטליאָרשריפט,
ניו־יאָרק, באַנד I נומער 1).

אַז די דערגרייכונגס־פּאַזן זענען צונויפגעקאָוועט, דאָס זעט מען בחוש, אָבער אַז עמעצער (דער לעזער, אָדער שאַט! דער דיכטער אַליין) זאָל זיך האָבן דערהאַרט אויף אַ נײַעם פורעם און אין דעם פורעם זאָל פיבערן אַ „אומפּאַסנדער רעפלעקס״, דאָס איז פּראָסט און פשוט ניט אמת.

און ניט אמת איז עס, ווייל די דאָזיקע טעלעגראַמע אין פערזן איז ניט נאָר ניט פאַרשטענדלעך, נאָר אונטער איר שטייט אויך ניט קיין אַדרעסאַט, וואָס זאָל זי האָבן אָנגעשריבן מיט אייגענע הענט און האָבן געפיבערט דערביי צי זי וועט אָנקומען צו דער צייט און וואָס מען וועט אויף איר ענטפערן. עס איז ניט מער ווי אַ מעכאַנישער שפיל אַזאַ מיט ווערטער, וואָס זייער מײַנסטער העפט זיי צונויף צונ'אַ פערזן־בעזימל און טינקט עס דערנאָך אײַן אין זיין אייגענער קאָנפוזיע־יויך מיט אַ דרונטער פון געדאנקען־ברעקלעך און וויסנשאַפט־קרישקעס.

פּאָעזיע איז ניט און קען ניט זײַן צונויפגעקאָוועטער פערז פון וויסנשאַפטלעכע רעמיניסצענצן און אויך ניט, ווי ביי כאַסיע קופערמאַן, ראַפינירטע דעפיניציע פון פסיכאָ־אַנאַליטישע סברות און דערוויזנקייטן, נאָר תמיד און אַלע מאָל אויף־דער־וואָר־באַגעגענישן פונעם מענטשלעכן „איך״ מיט זײַן אייגענעם בלוט און געמיט. דאָ וווינט גאָט און דער טײַוול. דאָ כוואַליעט לעבן און עס פּויזעט דער טויט.

וואָס דרייסטער דער צונויפשטויס בײַם באַגעגניש, אַלץ טיפער און אמתער די דיכטונג. און קומט דער דיכטער אַרויס פון יענעם געראַנגל אַ הינקענדיקער (ווי עס דערציילט אונדז

אַזוי וואָרהאַפטיק די ביבלישע לעגענדע) איז אַלץ בעסער, ווי ווען ער שפּאַנט אַ גלײַכער אויף צוויי געקאָוועטע פּערזן און ער האָט קיין מלאך ניט געזען.

אַזעלכע דעפיניציע־קלעטערערס און ניואַנסן־שפּאַלטערס, ווי אונדזערע אַוואַנגאַרדיסטן זענען, וואָלטן זיי כאָטש איין זאַך גע־קענט אויפטון: באַרײַכערן די שפּראַך מיט דעם דק מן הדק פון זייערע „טעלעסקאָפּירטע באַגריפן", אימאַזשן און מעטאַפערן; גע־פונען פּאַר זייער סענסיביליטעטס־צושטאַנד דאָס אַדעקוואַטע, ניט צוגעטראַכט־קאָנסטרואירטע, נאָר אָרגאַניש־שעפערישע וואָרט. דאָס געלונגט זיי זעלטן. זייער שפּראַך האָט אַ בײַמיש פון צונויפגע־ליגענע נעאָלאָגיזמען, ווילייגערישע ראָמאַניזמען און פרום־פּאַר־שנעבלטע דייטשמעריזמען.

עטלעכע בײַשפּילן:

„... באַקעט איז די אָבזיכט (?) פון דומקייטס (?) שטיק (שין ליעוו).

... און וואָס איז מעגלעך אין בענעוואָלענטסטן (?) „גם זו לטובה"־צושטאנד אָנצורופן (מיכל ליכט).

... יעדער פּאַרזוך דאַרף באַאַבזיכטן (?) (מיכל ליכט).

... איך וואָלט אויך אַ קאָפּ קאָד (?) ווען האָבן (באַסיע לעווין).

אוודאי רײַסן זיך אין מיכל ליכטס „פּרעלוד" („באָדן" ב. I. נר. 1) דורך סטראָפן פון עכטער פּאָעטישקייט אָבער דאָס געשעט טראָץ זײַנע געמוטשעטע טעאָריעס וועגן אַוואַנגאַרדיזם און אָקעגן זיי.

די טעאָריעס און שין ליעווס לידער און די ווערסיפיצירטע דעפיניציעס זיי דערמאנען אין... געטעס אַ וואָרט אין „פויסט" (פאָרשפּיל אויפן טעאַטער):

Zwar sind sie an das Beste nicht gewöhnt,
Allein sie haben schrecklich viel gelesen.

*

אַלטרומעניע דאָס לאַנד פון טעאַטראַליק? אַ קליינער לאַטיינישער אינזל אין אַרומיקן ים פון סלאַוון.

זוכט מען מיט פאַרצווייפלטע קאָמישע זשעסטן קולטורעלע באַ־
העפטונג צו די ווײַטע קרובים אין פּאַריז און אין רויםי דער
טויבער עכאָ פון אַ צווייטוויזנט קילאָמעטער ווײַטן קולטור־לאנד
ווערט געצערטלט ווי אַ אייגענער העלער נשמה־קלאנגי די טעמפּ־
פּיפּיקע אימיטאַציע צעוואַקסט זיך צו׳אַ אַמוזאַנטן מיספאַר־
שטענדעניש, און דאָס מיספאַרשטענדעניש לעזט זיך אויף אין אַ
פריילעך־געשפּילטער (ווײַל ניט רעזשיסירטער) בופאָנאַדעי

גוט־פאַרפונדעוועטע יידיש־מאָלדאַווישע רענדאַרעס פון צוריק
מיט פופציק יאָרי יעדער גאַליצישער בעלפער איז דאָ ניט נאָר
אַ דײַטש־העברעאישער לערער, נאָר אויך אַ גאנצער געלערנטערי
דער האָרעפּאַשניק־עם־הארץ טרענקט זיך אין רעספּעקט צו דער
גוזמא פון תורה, וואָס וואַקסט אין גאַליציע אויף די ביימערי
בעלפער דערציילט כיטרע־גדולדיק און פאַרפּלאָנטערט זיך תמע־
וואַטע אין די גוזמאותי האָרעפּאַשניק הערט פריידיק פאַרגלויבט
און האמעוועט צומאָל ניט ווילנדיק מיט אַ קלאָץ־קשיא דעם
באַרג־אַראָפּ־אימפּעט פונעם פלוידערזאַקי אינמיטן דער איידל־
אָנגעצויגענער מעשה־נורא צעהערזשעט זיך דער אָגער צו זײַן
באַגלייטערין אין שפּאַן מיט אַן אויטענטישן אָנדייט אויף דער
זינד פונעם עץ־הדעת. די בלוטפולע פּערדישע קריטיק צו דער
שונד־ליטעראַטור גיט דעם טריאָ פון בעלפער, רענדאַר און אָגער
ניט נאָר דעם כאַראַקטער פון אַ פײַן אײַנרעזשיסירטער מיזאַנ־
סצענע אויף די געשיכטלעכע ברעטער פון דעם יידיש־מאָלדאַווישן
לעבנסשטייגער פון צוריק מיט פופציק יאָר, נאָר לאָזט אויך
אַנען, פאַרוואָס דער גאָט פון טעאַטער איז דאָ געשטרויכלט
געוואָרןי

זײַן אָפּשטאַם דאָ איז ניט קיין לעגיטימער: געבוירן איז
ער ניט פונעם אייגענעם קולטור־גייסט דאָ אין לאַנד, נאָר פונעם
אומגייסט פון קולטור־מיספאַרשטענדנישי די טעאַטראַליק דאָ
איז אויפגעקומען ניט פון די טיפענישן פון לעבן, נאָר האָט זיך
אויסגעשיילט פונעם לעבנס אויבנאויפיקע גרימאַסןי זי איז ניט

קיין פּראָדוקט פון טראַדיציאָנעל פאַרוואָרצלטע רעליגיעזע אָדער שטייגערישע צערעמאָניעס, נייַערט פון דורך קאָמישע סיטואַציעס אויפאָקטראָאירטע מימיק און זשעסטיקולאַציע.

אַלטרומעניע איז דאָס וויגעלע פונעם יידישן טעאַטער? אוודאי! נאָר אַ שאָד, וואָס אין וויגעלע זענען געבליבן ליגן די ווינדלען און דאָס קינד אַליין, ווי יעדער באַסטאַרד, וואָס די ניט לעגיטימע היים איז אים נמאס, איז געפאָרן האַנדלען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען פון וואַרשע ביז בוענאָס־איירעס.

*

אַלעקסאַנדער גראַנאַך. דער וועג, וואָס פירט פונעם דאָרף לעבן מזרח־גאַליצישן שטעטל הוראָדענקע, ווו דער אַלטער ישובניק פאַרשטענדיקט זיך מיט זיינע בנים אויפן אָנאָמאַטאָפּעישן ברום פון שווערער פּראַצע און אומעטיקן נשמה־שמייכל, ביז צו דער אויסגעלייטערטער שפּראַך פון דער ריינהאַרדטישער בינע איז ניט נאָר אַ שווערער און, ווי זאָגט מען דאָס, פול מיט דער־נער, נאָר אויך אַ געפערלעכער. געפערלעך איז ער צוליב דער סכנה פון גרינגקייט און לייכטזיניקייט, וואָס לויערט אויפן גייער. אויף אַזאַ וועג איז אי דער, וואָס פאָרט גאַלאָפּ אויפן מזלדיקן רייטוואָגן פון זיין גורל און אויך דער, וואָס זיין פאַטום האָט אים געזאָגט: „ביזט ניט קראַנק צו גיין צופוס", געלאָקט אַראָפּ־צוואַרפן פון זיך דעם גאַנצן פון דער היים מיטגענומענעם ירושה־באַגאַזש און אָנצוקומען ליידיק און לויז אין דער נייער וועלט. די סיבה איז ניט וויכטיק. דער איינער טוט עס כדי זיך צו פאַר־לייכטערן, דער אנדערער—כדי זיך צו פאַרשענערן. וויכטיק איז דער רעזולטאַט: דער פריש־געבאַקענער קולטור־מענטש, וועלכן עס איז געלונגען זיך אָפּצורייסן פון די פאַרגאַנגענהייטס־שאָטנס האָט דערוואָרבן אַ פאָרם און האָט פאַרלוירן אַן אינהאַלט. זיין טאַלענט אַלס קינסטלער אָדער אַלס ליטעראַט, ניט גענערט פון די פאַרהוילענע ירושה־זאַפטן, ווערט פריער אָדער שפּעטער מאָ־

באָטאָן, אָפּגענוצעוועט און אָפּגעבליאַקעוועט. ווי באַלד ס'איז פאַריערט געוואָרן די עקזאָטיק פון זײַן פלוצימדיקער אַנטפּלעקונג, ווערט ער איינער פון די פילע, וואָס גרויסע פעלקער כאַפּן אויף און פאַרגעסן איבערן טאָג, איבער דער שעה.

דער חן און דער כשוף פון אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ג ר אַ נ אַ כ ס קינסטלערישער פּערזענלעכקייט איז דער גליקלעכער סינטעז פון דעם וואָס ער איז געווען און פון דעם, וואָס ער איז געוואָרן. דער גאַליציִשער דאָרפס־בחור שעיה גראָניך, דער עכטער ראָבוסטער יידישער מאַסנמענטש, וואָס מאָריס ראָזנפעלדס לידער האָבן אין אים געוועקט דעם פאַרלאַנג אַרויסצושרײַען זײַן פּראָלעטאַרישן צער און גאָרדינס דראַמעס האָבן אויפגעשלאָסן די שליוזן פון זײַן וווּנדערבאַרן געשטאַלטונגס־כח, ער, שעיה גראָניך, איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען, נאָר אָרגאַניש אַרײַנגעוואַקסן אין דער אייראָפּעאישער פּערזענלעכקייט אַלעקסאַנדער גראַנאַך. גראַנאַך, וואָס זײַן נאָמען האָט געגלאַנצט צווישן די ערשטע צען גרעסטע שוישפּילער פון פאַרהיטלעריסטישן דייטשלאַנד, האָט ניט אָנגעהויבן זײַן געשיכטע ביי דער שוועל פון ריינהאַרדט־טעאַטער, זיין געשיכטע איז אַ פּיל עלטערע, זי ציט זיך העט צוריק ביז צו דער רויער סטיכיע פון זײַן קינדהייט. דער גרויסער העלדנגעשטאַלטער פון פּיסקאַטאָר־טעאַטער, דאָס איז דערזעלבער וואָס האָט באַהערשט מאַסן ביי סאָציאַליסטישע מיטינגען אין דער הויפּטשטאָט פון פּאָקוציע, דערזעלבער, וואָס אומפאַרגעסלעך וועט מיר בלייבן זײַן מיט נביאישן פּאַטאָס אַרויסגעשליידערטער צער־ און צאָרן־פּראָטעסט קעגן לעמבערגער פּאָגראָם אויפן באלעמער פון דער קאָלאָמייער גרויסער שול. דעם בערישן נשמה־ברום פון זײַן גאַליציִשן דאָרף, דאָס גאַנצע עשירות פון יידישער לעגענדע און ליד, זײַן אָרגאַנישע ליבשאַפט צו די רענעסאַנס־אידעאַלן פונעם יידישן האָרעפּאַשניק, האָט אַלעקסאַנדער גראַנאַך ניט געלאָזט ליגן ווי אַן אומנוציקן באַגאַזש אויף זײַן לאַנגן וועג פון אויפשטײַג, נײַערט זיי אַלעמען מיטגענומען מיט זיך, ווי די

נאָענטסטע בלוט־קרובים העט אַרויף אויפן באַלעמער פון זײַן אייראָפּעאישער גלאָריע. זיי, די דערמאָנטע ירושה־אַטריבוטן האָבן אים חלילה ניט פאַרשעמט, פאַרקערט, האָבן צוגעגעבן זײַן פּער־זענלעכקייט אויטענטישן קלאַנג און פאַרב. זיי האָבן אים אַרויס־געהויבן פון קולטורעלער אָפּגעבליאַקעוועטקייט, אים פאַרפעסטיקט די באַוווּנדערונג פונעם דײַטשישן און אים פאַרזיכערט די סימ־פּאַטיע פונעם יידישן קולטור־מענטש.

*

„מ י ר יי נ ג ע". אונדזערע יינגע שרײַבער ראַנגלען זיך מיט פּראָבלעמען, זיי „בלאָנדזשען און לעכצן" און וואַרטן אויפן קריטיקער.

אַזוי שרײַבט מיר איינער פון די „מיר יינגע".

וואָס פאַראַ סימן איז עס? ס'איז אַ סימן, אַז ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו שפּראָצן מענטשלעכע גאווה, אָבער ניט דאָס צאַרטע בלימעלע פון יצירה. ווארום דער שעפער־אָנפאַנגער, דער צו־זאָגער, ווי מ'זאָגט אויפן סקאַרבאָווע נוסח, ער ראַנגלט זיך בראשית ניט מיט פּראָבלעמען, נאָר מיט זיך אַליין. ער איז אין זיין אונטערבאַוווסטזיין פאַרנומען מיטן דערגראָבן זיך צו דעם ביסל עכטקייט פון שאַפן, וואָס טליעט אין אים. פרעמדע אויערן און אויגן זענען ניט געווונטשן. אויפן ערשטן גראָב מיטן ריסקאַל, וואָס דער בויער טוט אין דער ערד, כדי זי אין דער טיפעניש בײַצוקומען מיט פונדאַמענטן, ליגט שטילע שעמעוודיקייט, און גראָטעסקער געלעכטער. ביידע פאַרטראָגן ניט און היטן זיך פאַר „קריטיק".

ניט וועגן פּראָבלעמען און טענדענץ גייט עס בײַם יינגן קינסטלער. עס גייט קודם כל וועגן קינסטלערישער, וועגן מענטש־לעכער עכטקייט. יעדער וועט זינגען וועגן זיין סביבה, אין וועלכער ער שטעקט און וואָס האָט באַשאָנט מיט אירע דורות־אַלטע צווייַגן זיין ריטשקאַלע קינסטלער־בלוט.

מע קען קיינעם ניט אָנכאַפּן בײַ דער טשאָפּרינע (אפילו, ווען ער טראָגט זי אײגנס לשם סימן דיכטער) און אים זאָגן: זינג וועגן דעם אָדער יענעם. דאָס וואָלט געהייסן פירן אים אויף פרעמדע סטעזשקעס אַוועק פון זיך און ממילא אויך פון דער קונסט.

און ווען איך האָב איין פונק פון פּרצן וואָלט איך אים צע־בלאָזן צונ׳אַ פײַער אויף צו פאַרברענען אין אים שפּראָצנדיקע גראַפאָמאַניע און אָנפּאַנגערישע סענטימענטן־רעקלאַמע; ווען איך פאַרמאָג אַביסעלע ליבע פון אברהם רייזען און די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פון אַ לייוויק, וואָלט איך אין זיי אײַנגעוועבט אויפגייענדיקע מענטשלעכע ווערדע און שעפערישע שטילקייט, וואָס בלאָנדזשעט ניט עניוותדיק צוליב גאווה און וואָס בענקט ניט און לעכצט ניט אויפן גלאָק.

•

ל יי וו י ק: צפונדיקע געמיט־פאַרקנעפּלטקייט, אַמעריקאַנישער געראַנגל מיט מאַשינען און אַטאַוויסטישע מאַרטיריום־לײַדנשאַפט פון אייגענער ראַסע.

מ ש ה ל יי ב ה אַ ל פּ ע ר ן: גאַליצישע אינטעלעקטועלע ווילײַנגשאַפט אַרײַנגעוואָרפן אין אַמעריקאַנישן ביזנעס־געדריי, אויף וועלכן ס׳קוקן צעטומלטע די זיידעס, וואָס זענען מיט אַ בטול־שמייכל געגאַנגען אויף קדוש־השם, — נאָט איך דעם סאָציאַלן גראָטעסק און די „גראָבע רייד“ פון מ. ל. האַלפּערן.

*

ליריק גראַמט די מוזיק פון דער נשמה מיטן גרילץ פונעם וואָרט.

*

באַלאַדע קלויבט אויף בייטאָג די האַלוצינאַציע־שמאַטעס פון בײַנאַכט.

*

אַ קונצנמאַכער וויל ווײַזן וואָס ער קען; א קינסטלער וויל אויסשעפּן די טיפקייט פונעם לעבן — אַלזאָ ווײַזן וואָס ער קען ניט.

*

עמיל לודוויג און שטעפאַן צווייג — ליטעראַרישע פּאָווע־טיניע אויף מענטשלעכע גורלות.

*

אַ טאַלענטלאָזן שרײַבער מוז מען תמיד פאַרגלײַכן מיט עמיצן, נאָר ניט מיט אים אַליין.

*

די עכטע באַציונג צו ליטעראַטור הייבט זיך אָן מיט עכטן ווידערווילן קעגן איר.

*

וויץ איז ווי אַ שטויבזויגער. ער עסט בשתיקה דעם שטויב און מאַכט קאַליע דעם קאָבריץ.
הומאָר איז ווי אַ טראָפּאַטשקע. ער קלאַפּט אויס דעם שטויב און מאַכט ריין דעם קאָבריץ.

*

ער איז צוריקגעבליבן אונטער די געשעענישן; ער וויל זיי דערשיסן מיט איראָניע.
ער לויפט נאָך די לעבנספּאַקטן; ער וויל זיי פאַנגען מיט פּאַטאָס.
ער האָט אַריבערגעיאָגט די געשעענישן; ער וויל זיי מיט־שלעפּן מיט סאַטירע.
די לעבנספּאַקטן בלײַבן הינטערשטעליק; ער טרייסט זיי מיט פילאָזאָפיע.

*

די מענטשלעכסטע פון אלע לײַדנשאפטן איז די לײַדנשאַפט־לעכע מענטשלעכקייט.

*

איך האָב מיך ליב; דו האָסט דיך ליב; מיר אלע האָבן זיך ליב.
וואָסוש׳ אַזוי גרויס די שנאה?

*

דו מיינסט אַז נאָכן טויט וועט דיך דיין ווערק פאַרטרעטן און פאַרגעסט, אַז דאָס ווערק האָט ניט קיין קאָפּ אויף צו געדענקען אַדרעסן און ניט קיין פיס אויף צו לויפן צו זיי.

*

וואָס זענען זיי אַזוי אומגעדולדיק, ווען זייער לעגענדע האָט אַזויפיל געדולד?

*

אלע צווייפלער זענען מיר ליב, ווײַל איך לערן פון זיי אַז נאָר דער גלויבן איז שעפעריש.

*

ער קען פאַר א גראָשן פײַנט האָבן, וויפל אַנ׳אנדערער איז ניט בכח פאַר אַ מיליאָן ליב צו האָבן.

*

ער האָט אַנ׳אײַזערנעם זכרון.
זאָל ער געדענקען וואָס איז געשריבן אויף פּאַפּיר?

*

ער האָט א טיפע איבערצײַגונג. אויפן סאמע דנאָ פון דער טיפקייט געפונט ער תמיד א גילדענע מטבע.

*

געוויסן הייסט ניט וויאַזוי פאַרענפער איך מיך, נאָר וויאַזוי הער איך מיך אויף פרעגן.

*

איך פּאָלעמיזיר ניט מיט טויטע; טויטע זענען ניט לאָיאַל. זיי ענפערן ניט מיט זייער, נאָר מיט מיין געוויסן.

פאַרריכטן פאַרן לייענען:

זייט 16 שורה 2 פון אונטן שטאָט „גלופסל״: גלופסק:

„ 26 „ 1 שטאָט „יצהק״: יצחק;

„ 47 „ 17 דאַרף אַרויספאַלן די „י״ אין וואָרט „חלפנס״;

„ 67 „ 1 קומט נאָכן וואָרט „עסטרייך״ אַ פונקט;

„ 76 „ 5 פון אונטן איז אין וואָרט „מיים״ איבעריק די צווייטע „י״;

„ 80 „ 7 שטאָט „פאַר״: פאַרן;

„ 84 „ 6 פון טעקסט איז איבעריק די קאָמא נאָכן וואָרט „געווען״;

„ 98 „ 8 שטאָט „באַגייסטונג״: באַגייסטערונג;

„ 112 „ 1 שטאָט „ז· 238״: ז· 138;

„ 114 „ 7 איז איבעריק די קאָמא נאָכן וואָרט „סימבאָליק״;

„ 151 „ 14 שטאָט „געוואָר״: געוואָרן·

אינהאלט

		זייט
י. ל. פרץ	9	14 —
פרץ־רעוויזיע	15	26 —
א. שטיינבאַרג (נעקראָלאָג)	27	29 —
פראָ אליעזר שטיינבאַרג	30	40 —
וועגן משל	41	43 —
מנחם מענדל־וואַריאַנטן	44	54 —
ד"ר חיים זשיטלאָווסקי	55	60 —
יאַקאָב וואַסערמאַן	61	66 —
קאַרל קרויז	67	83 —
דער יידישער קולטור־פייזאַזש אין אלטרומעניע	84	99 —
יעקב גראָפּער	100	103 —
י. שטערנבערג: „שטאָט אין פּראָפיל"	104	152 —
ליטעראַטור, גאָט און טײַוול	153	157 —
אינזיך און אַרומזיך	158	169 —
פאַרצייכנונגען	170	287 —

ŞLOIME BICKEL:

INZICH UN ARUMZICH

Notiţn fun a polemist un critişe bamerkungen

Editura „Şalom-Aleichem", Bucureşti

Tipografia „SLOVA", Str. Doamnei 3, Bucureşti I